STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04265

DER BLUTIKER INTERNATSYONAL FUN DER VOFN-INDUSTRIYE

Otto Lehmann-Russbuldt

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָטאָ לעהמאַן-רוסבילדט

דער בלוטיקער אינטערנאַציאָנאַל פון דער וואָפן-אינדוסטריע

וואַרשע / פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ / 1930

Printed in Poland

R. Russbüldt — Lehmann

Krwawa międzynarodówka

Wyd. Ch. Brzoza, Warszawa
Gęsia № 25.

Druk. „B-cia Lewin-Epstein i S-ka"
Warszawa, Pawia 38.

[illegible] משה וויקטאָר
תלמיד פון מיטל-שול א׳ י.ל. פרץ שול
[illegible] פון [illegible]
[illegible] מלחמה.
[illegible]:

[illegible]
[illegible] מאי 1933

דער בלוטיקער אינטערנאַציאָנאַל
פון דער וואָפן-אינדוסטריע

Peretz School Association, [illegible]
[illegible]גערינרעט
מאַי 18 טען
1914
י. ל. פּרץ שול געזעלשאַפט

אינהאלט־פארצייכעניש

זייט

מאטא פון גראציוס 7

I. די אנטוויקלונג פון דער מלחמה-קונסט . . . 8

II. די אינטערנאציאנאלע פארפלעכטונג פון דער וואפן-אינדוסטריע . . . .

א. פאר דער וועלט-מלחמה 10

1. נאציאנאל — אינטערנאציאנאל. — 2. א פראפעסאר וועגן די אינטערנאציאנאלע פארבינדונגען פון דער וואפן-אינדוסטריע. — 3. די אוממיטלבארע וואפן-אינדוסטריע אין דער פאלק-ווירטשאפט. — 4. איינצל-בילדער: א) ענגלישע קריגס-שיף דערטרונקען דורך אן ענגלישע מינע; ב) קרופ און זיינע קאנאנען; ג) אן ענגלישער קאנאנען-קעניג; ד) א דייטש קאנסארציום מיטן „ערב-פיינט", כדי ארויפצושרויפן די פרייזן פון די קוילן-ווארפערס; ה) דייטשע פארסעוואל-לופט-שיף „אויסערגעוויינלעך ווערטפול" אין קאמף קעגן דייטשע אונ-טערוואסער-שיפלעך; ו) דער צווייטער „אלפרעד" גרינדעט דעם „וועלט-שלום-פרייז". — 5. די פרעסע און די אינטערנאציא-נאלע פארפלעכטונג פון דער וואפן-אינדוסטריע.

ב. בעת דער וועלט-מלחמה 48

1) אפטישע אינסטרומענטן, שטאל און אייזן, גומי, קופער, ניקל. — 2. דער פאל פאסעהל. — 3. „דער אינטערנאציא-נאל פון דינאמיט".

ג. נאך דער וועלט-מלחמה 62

1. אלגעמיינעס.—2. די רעוואלוציע פון דער מלחמה-קונסט.— 3. די רוי-שטאף-פארפלעכטונג: א) אייזן, שטאל און קוילן;

ב) פעטראָלעאום ; ג) כעמישע פּראָדוקציע. — 4. די חבר־פאָניע צווישן די פאַבריקאַנטן און פאַבריקאַציע־מעטאָדן. — 5. אַלערליי צוזאַמענשטעלונג פון אינטערנאַציאָנאַלן וואָפן־געשעפט: פאַראייניקטע שטאַטן — שוועדן — כינע — פּוילן — דער וואָפן־האַנדל.

III. אַ פאַל פון דער פאַרפלעכטונג פון דער וואָפן־אינדוסטריע פאַר, בעת און נאָך דער מלחמה 93

IV. דער אינטערנאַציאָנאַל פון פּראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט 95

V. איז די נאַציאָנאַליזירונג פון דער וואָפן־אינדוסטריע אַ הייל־מיטל? 97

1. אַלגעמיינעס. — 2. די דייטש־רוסישע וואָפן־פאַרפלעכטונג. — 3. דער עקספּערימענט פון די סקאָדאַ־פאַבריקן. — 4. די „אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון דער נאַציע פאַר מלחמה־צייט“ אין פראַנקרייך. — 5. די אַנטוואָפנונג־פאָרשלאָגן פון דער סאָוויעט־פאַרבאַנד בנוגע דער וואָפן־אינדוסטריע.

VI. וואָס האָט געטאָן דער פעלקער־בונד? . . 114

1. פאָרגעשיכטע. — 2. דער פעלקער־בונד האָט אין 1918 בעפאַלגט דאָס אייגענע, וואָס די סאָוויעט־פאַרבאַנד האָט אין 1928 ווידער אויפגעכאַפּט. — 3. ווילסאָנס לכתחילהדיקער פאַרבאָט פון פּריוואַטער וואָפן־אינדוסטריע. — 4. דער פעלקער־בונד ווערט פאַראורטיילט דורך זיינע אויפריכטיקסטע אַנהענגער.

VII. פון וואַנען נעמט זיך דער שלעכטער זכרון פון די פעלקער? 121

VIII. ווער קאָן העלפן? 122

אַנעקס: 127

1. פון לעגענדע „די פּאָליטיק פון וואָפן־קאַפּיטאַל“. — 2. צוגאַב צום קאַפּיטל „דער אינטערנאַציאָנאַל פון דינאַמיט“, אַרבעטן פון ווילהעלם מעלער, אָטאָ הוגאָ.

פאָדערונגען פון די לאַנד-פּאַרטייִדיקער פון אַלע לענדער:

1. קיין עקספּאָרט פון מלחמה-מאַטעריאַל.
2. קיין פּראָפיט ביי מלחמה-מאַטעריאַל.

באַגרינדעט דורך:

1. הוגאָ גראָציוס (1583—1645), דעם פאָטער פון מאָדערנעם פעלקער-רעכט, אין זיין פיר-בענדיקן ווערק „וועגן רעכט פון דער מלחמה און פון שלום". פּאַריז 1625.

„צוערשט איז ביי די זאַכן גופא צו אונטערשיידן:

1) פאַראַן זאַכן, וואָס ווערן געברויכט נאָר צו דער מלחמה, ווי וואָפן;

2) פאַראַן זאַכן, וואָס ווערט גאָרנישט געברויכט אין דער מלחמה און דינען נאָר דעם פאַרגניגן; און

3) פאַראַן זאַכן, וואָס ווערן געברויכט אין דער מלחמה און אויך מחוץ פון קריג, ווי געלט, צופיר-שיפן און שיף-מכשירים.

פאַר דעם ערשטן מין זיינען ריכטיק צוגעפּאַסט די ווערטער פון דער גאָטן-קיניגין אַמאַלאַסווינטאַ צו יוסטיניאַן, אַז אויף דער זייט פון שונא שטייט דער וואָס ליפערט דעם פיינט די נויטיקע זאַכן צו דער מלחמה.

בוך III. קאַפּיטל 1 § V, 2-

2. אַלפרעד נ אָ ב ע ל, דינאַמיט-קעניג און גרינדער פון וועלט-שלום-פרייז (1896—1833) :

„די אויסאַרבעטונג פון די באַוואָפנונגען, אויב זי קומט דאָך פאָר, מוז געשען אין אייגענעם לאַנד. ווייל אויב ס'איז פאַראַן אַן אינדוסטריע-צווייג, וואָס מוז זיין אומאָפּהענגיק פון דעם צופיר פון אויסלאַנד, איז עס די פּאַרטיידיקונג-אינדוסטריע".

3. דאָס דייטשע „מיליטער-וואָכנבלאַט", בייהעפט צום יאַרגאַנג 1926 אינפאָרמירט וועגן די צוקונפטיקע ווירטשאַפט-לעכע קריג-הכנות פון צפון-אַמעריקע אונטערן נאָמען „קריג-רווחים און אַרבעטער-שכירות" און ציטירט די מיינונג פון אַ קאָמיסיע, וואָס איז דערצו ספּעציעל באַשטימט געוואָרן: „צו אַ הסכם איז מען אייגנטלעך געקומען נאָר איבער דעם, אַז בעת דער סאָלדאַט איז מקריב זיין לעבן און פאַרמעגן דאַרף די אינדוסטריע אויף זיין חשבון נישט רייך ווערן."

I. די אנטוויקלונג פון דער מלחמה-קונסט.

אַלס יסוד פאַר די ווייטערדיקע אויספירן איז גע-נומען אַ בילד פון פאָלגנדיקער סקאַלע פון דער מלחמה-קונסט;

די אַזוי גערופענע העלדן-תקופה.

צוערשט האָט אויך אין די אַרמייען געקעמפט דער יחיד קעגן יחיד. דורך דער סומירונג פון די איינצלנע נצחונות איז אַנטשטאַנען דאָס איבערגעוויכט פון איין צד. די ווייט-גרייכנדע ווירקונג פון וואָפן (פיילן, שפּיזן) איז נאָך גע-ווען היגטערשטעליק לגבי די מיטלען פון נאָענטן קאַמף (שווערד און לאַנץ).

די מלחמה-קונסט פון אַלטערטום אין פריען מיטלאַלטער.

די גריכישע פאַלאַנקס, די „וואַלץ" פון לאַנצן, און די רוימישע מלחמה-טעכניק הויבן אָן דעם נצחון צו מאַכן אָפּ-הענגיק פון דער מ אַ ס ן - ווירקונג פון די אַרמייען. אָבער

די מוסקולן פון איינצלנעם מלחמה-מאַן אַנטשיידן נאָך אַלץ אפילו דעמאָלט ווען אין אַ בעסערער אָרגאַניזאַציע טרעפט ער זיך צוזאַמען מיט שטאַרקערע מוסקולן, ווי אין די מלחמות פון די רוימער קעגן די צפון-אייראָפּעער און פּאַרטער.

די ווענדונג דורך דער ווייטגרייכנדיקער ווירקונג פון פייער-וואָפן.

די דערפינדונג פון פייער-וואָפן מאַכט אַ סוף צו דער ווירקונג פון שטאַרקערע מוסקולן דורך דער שטאַרקערער ווייט-גרייכנדיקער ווירקונג פון וואָפן. ביסלעכווייז ווערט דער מוח אַנטשיידנדיקער ווי די מוסקולן, איינמאָל אדאַנק דעם, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט דאָס ווייט-ווירקנדיקע כּלי-זין, און צווייטנס, דורך דער סיסטעמאַטישער אויסבילדונג פון די מאַסן-אָרגאַני-זאַציעס.

די וועלט-מלחמה איז דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג. נאָך ליגן די אַנטשיידונגען אין פאַרנעם פון פלאַכן שטח. ביים סוף פון וועלט-קריג האָט די מלחמה-קונסט געמאַכט אַ פאָרטשריט, וועלכער איז לפי-ערך גרעסער, ווי די אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מלחמה-קונסט ביז דעמאָלט.

די נייע ווענדונג פון דער מלחמה-קונסט פאַר דער צוקונפט

זייט דעם סוף פון דער וועלט-מלחמה באַשטייט די נייע ווענדונג אין דעם, וואָס פון דער צוויי דימענסיאָנעלער פלאַכ-קייט גייט די אַנטשיידונג אַריבער אין דריידימענסיאָנעלן חלל (פלי-טעכניק). דאָס אָרט פון די ווייט-ווירקנדיקע שאָסן פון פעסטן אַגרעגאַט-צושטאַנד פאַרנעמט די אַליין-טעטיקע ווייט-גרייכנדיקע ווירקונג פון גאַז-פאָרמיקן אַגרעגאַט-צושטאַנד (גאַז-מלחמה). דער מענטש זיצט נאָך אַלץ אין צענטער פון דער מלחמה-מאַשין, אָבער עס אַנטשיידן שוין מער נישט זיינע מוסקולן, נאָר זיין נערוו.

אַלס סאָציאַלע דערשיינונג דראָט די מלחמה אָפּצונעמען די אורפאָרם פון דער פולשטענדיקער קעגנזייטיקער פאַרניכטונג. דער חלוק צווישן קעמפער און נישט-קעמפער הערט אויף.

I. די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפלעכטונג פון דער וואפן־אינדוסטריע.

א. פאַר דער וועלט־מלחמה.

1. נאַציאָנאַל — אינטערנאַציאָנאַל.

די וועלט־מלחמה האָט אין באַגריף „אינטערנאַציאָנאַל" נישט אַרייַנגעטראָגן קיין שום ענדערונג. אַלע דערמיט פאַרבונדענע באַטראַכטונגען און פּראָבלעמען ווערן אָבער לעבהאַפטער באַהאַנדלט.

קלאָר געוואָרן איז, אַז נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ספּעציפישע שיכטן קאָנען און דאַרפן זיך דעקן. די צוועקמעסיקע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די פאָלקס־קיבוצים וועט די נאַציעס נאָר ברענגען נוצן און נישט פאָדערן פון זיי קיין שום קרבנות.

אַלס אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך פאַר דער מלחמה גע־פילט:

א) די גרויסע וועלט־רעליגיעס, באַזונדערס דער רוימישער קאַטאָליציזם,

ב) קונסט און וויסנשאַפט,

ג) דער סאָציאַליזם,

ד) די שלום־באַוועגונג.

אויך דער פערזענלעכער פאַרקער דורך די פאַרקער־מיטלען און דער סחורות־אויסטויש האָבן דערצויגן דעם מענטש צום געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבונדנקייט.

דאָס אַלץ איז אָבער יעדנפאַלס געשען נישט אָן שטאַרקע באַגרענצונגען.

אין דער מלחמה זענען דידאָזיקע באַנדן כמעט אַלע צעריסן געוואָרן. גראָד די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן די אינטערנאַציאָנאַליטעט געהאַט געשעצט, האָבן איצט דערקלערט אַז די „נאַציע" שטייט העכער פאַר איר. אָבער די נאַציאָנאַלע

אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן די אינטערנאַציאָנאַליטעט ביז דאַמאָלס געהאַט באַקעמפט אַלס שעדלעכן אומפּאַטריאָטישן גע- דאַנק, האָבן אין דער שטיל אַנטוויקלט אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, וועלכע איז געווען אַ סך פעסטער ווי די צו- זאַמענגעבונדנקייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע שטרעמונגען. דאָס זענען ראשית-כּל דער רינג פון די דינאַסטיעס און דערנאָך די וואָפן-אינדוסטריען.

מיר פאַרנעמען זיך נאָר מיט די וואָפן-אינדוסטריען, מיט די „קאַנאָנען-פאַבריקן". אודאי איז שוין פון תמיד אָן באַ- קאַנט געווען, אַז זיי אַרבעטן צוזאַמען. ס'איז אָבער זעלבסט- פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט געקאָנט אויפגעקלערט ווערן נאָר אין אַ קאַרגער מאָס, מחמת עס איז מיט אַ כּיון דערצו נישט דערלאָזט געוואָרן.

2. אַ פּראָפעסאָר וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַר- בונדנקייט פון דער וואָפן-אינדוסטריע.

אפילו אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור געפינען זיך בלויז נישט פולשטענדיקע מיטטיילונגען וועגן דער אינ- טערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דער וואָפן-אינדוסטריע. און בכלל רעדט מען דערפון נישט מיט רמזים.

אין דעם פּרט איז פאַרהאַן אַן אויסנאַם.

אין פּראָפעסאָר דר. האַנס וועהבערגס בוך: „די אינטער- נאַציאָנאַלע באַגרענצונג פון די באַוואָפנונגען", דעם ערשטן אומפּאַסנדיקן ווערק וועגן אַנטוואָפנונגס-פּראָבלעם, וואָס איז דערשינען נאָך דער מלחמה, איז אונזער ספּעציעלן פּראָבלעם געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל. פּראָפעסאָר האַנס וועהבערג פירט-אויס:

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעטן פון דער וואָפן-אינדוסטריע.

די מאַכט פון באַוואָפנונגס-מאַטעריאַל ווערט איצט באַ-

ווּנדערס געשטאַרקט, וואָס די פירמעס, וועלכע קומען דאָ אין באַטראַכט, באַקעמפן זיך נישט נאָר זיי האַנדלען אין קעגנזייטיקן הסכם, כדי אויסצופועלן ביי די רעגירונגען די בעסטע באַדינגונגען. צו דעם צוועק האָט מען קודם-כל געגרינדעט טרוסטן און קאַרטעלן און זיך באַמיט אויף אַזאַ אופן אויסצומיידן יעדן קאָנקורענץ-קאַמף. ווי וויכטיק ס'איז גראָד אויף דעם געביט, אַז פאַרשיידענע אומאָפּהענגיקע פאַבריקן זאָלן עקזיסטירן איינע נעבן דער צווייטער, באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט. פאַר דער גרינדונג פון די ביידע פראַנצויזישע סינדיקאַטן—„de fabricants et constructeurs du materiel de guerre" און „de navires et de machines marines" אין יאָר 1898 האָט אַ קילאָ פאַנצער-פלאַטן געקאָסט 2,27 פראַנק, דאַקעגן נאָך דער גרינדונג — 2,96 פראַנק. אַזוי ווי אַ דרעדנאָוט האָט בויטיק פינף מיליאָן קילאָ פאַנצער-פלאַטן, איז דידאָזיקע פרייזהעכערונג זייער אַ באַדייטנדיקע. די ביידע פראַנצויזישע סינדיקאַטן זענען נאָר לפנים קאָנקורענטן, אין דער אמתן האָבן זיי איין צענטראַלע און איין גענעראַל-סעקרעטאַר. מערערע מאָל האָט איינע פון די פירמעס אָפּגעטראָטן די בלומרשטע קאָנקורענטין באַשטעלונגען פון קריגס-שיפן.

דורך אַ צוזאַמענגיין פון די פירמעס, וואָס עס קומט צום אויסדרוק אויך דורכדעם, וואָס דיזעלביקע פערזאָנען זיצן אין די פאַרשיידנסטע פאַבריקן אַלס דירעקטאָרן, ווערן די פרייזן אַרויפגעשרויפט. דער צענטרום-דעפּוטאַט ערצבערגער האָט דעם 23 אַפּריל 1913 דערקלערט אין רייכסטאַג:

„איך האָב אין דער קאָמיסיע דערקלערט און זאָג עס אויך איצט: פון איינער פון די קאָמפּעטענטסטע קוועלן אין דייטשן פאָטערלאַנד איז מיר צוגעשטעלט געוואָרן אַ באַווייז דערפאַר, אַז אַ טאָן פאַנצער-פלאַטן קאָן אויסגעאַרבעט ווערן מיט 50 פראָצ. ביליקער פון דעם פרייז וואָס די פלאָט-פאַרוואַלטונג דאַרף נאָך איצט צאָלן, און דאָס מיט אַ הויכן ריוח נאָך אַלע אָפּצאָלונגען."

דאָס פּלאַנמעסיקע צוזאַמענאַרבעטן פון די וואָפן-פירמעס, וואָס ווערט איבעריקנס אויך געשטיצט דורכדעם, וואָס די פּאַטראָנען, קוילן א. אַ. וו., וועלכע ווערן דורך די מלוכות באַשטעלט מוזן תמיד זיין געבוי גלייך, ווערט קודם-כּל דער-גרייכט דורך די צאָלרייכע אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלן און טרוסטן. וועגן די וויכטיקסטע פון זיי וועט דאָ גערעדט ווערן.

I. ביז צו דער מלחמה האָט עקזיסטירט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּולווער-קאַרטעל. דער דאָזיקער קאַרטעל איז באַשטאַנען פון דעם נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט (לאָנדאָן) מיט זיבן פיליעס אין ענגלאַנד, פינף פיליעס אין דייטשלאַנד און איין פיליע אין יאַפּאַן, פון דער רהיין-זיגענער גרופּע, וועלכע באַשטייט פון דריי אויפ-רייס-שטאָף-פאַבריקן, פון די קעלן-ראָטווייַלער פּולווער-פאַבריקן, וואָס האָבן ווידער פון זייער זייט צוזאַמענגעאַרבעט מיט ענגלישע, רוסישע און שפּאַנישע פירמעס, פון די „דייטשע וואָפן- און אַמוניציע-פאַבריקן", וועלכע האָבן אויך געהאַט נענטערע באַציאונגען מיט צאָלרייכע אין- און אויסלענדישע געזעלשאַפטן, פון דער „פראַנצויזישער דינאַמיט-געזעלשאַפט" און אויך פראַנצויזישער „געזעלשאַפט פאַר דינאַמיט-פאַבריקאַציע" און פון דער „פראַנצויזיש-רוסישער דינאַמיט-געזעלשאַפט". אויך די לעצטע דריי פירמעס שטייען נישט איזאָלירט און האָבן באַזונדערע פאַרבינדונגען מיט אונטערנעמונגען פון דעם זעלביקן מין.

II. פון 1901 ביז 1903 האָט עקזיסטירט די „united Harvey
Steel Cie", אין וועלכער ס׳האָבן בשלום צוזאַמענגעאַרבעט די
גרעסטע פּאַנצער-פּלאַטן-פאַבריקאַנטן און קאַנאָנען-קעניגס פון
דער וועלט. כּמעט אַלע גרויסע דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלי-
שע און איטאַליענישע פירמעס זענען אין איר געווען פאַרטרעטן,
למשל: די געוואַלדיקע ענגלישע פאַבריקן W. G. Armstrong Ltd.
VickersLtd די אַמעריקאַנישע Schneider-Greuzot, Bethleem Steel Ltd
קרופּ, די דילינגער הוטעס, די „Societa degli Alti Forni Fondiere
Aeciaine di Forni" די לעצטע געזעלשאַפט האָט ווידער

באזונדערע באציאונגען מיט וויקערס, וועלכע איז פון אייך זייט געווען פארבונדן מיט אן אנדערער איטאליענישער וואפן־פירמע. די פירמע קרופ איז לסוף געווען באטייליקט אין די עסטרייכישע סקאדא־פאבריקן און אין די רוסישע פוטילאווזאוואדן. די דאזיקע רוסישע געזעלשאפט, אין וועלכער אויך שניידער־קרעזא איז פינאנציעל געווען פאראינטערעסירט, האט קרופ לסוף פארבונדן מיט דער גרעסטער פראנצויזישער פאנצער־פלאטן־פאבריק. אינטערעסאנט איז ווייטער, אז ארמסטראנג און וויקערס געבן בשותפות די העלפט פון קאפיטאל פאר די פאנצער־פלאטן־פאבריקן פון מוטאראן אין יאפאן. ביידע זענען אויך צוזאמען מיט דער ענגלישער פירמע דזשאן בראון שותפים צו דער שפאנישער שיף־בוי־פאבריק "Naval Coustruction Establishments de Ferrol" זעקס גרויסע באקאנטע ענגלישע פירמעס האבן ווייטער געגרינדעט א פארטוגעזישן פלאט־בוי־סינדיקאט, כדי צו העלפן דער פארטוגעזישער רעגירונג אויסצובויען א שטארקן פלאט. די שאפונג פון באנייטן רוסישן פלאט נאך דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה איז דערגרייכט געווארן דורך צוזאמענארבעטן פון בריטישע, פראנצויזישע, דייטשע, בעלגישע און אמעריקאנישע פירמעס. אזוי־ארום זענען אלע פאנצער־פלאטן־פאבריקאנטן פון דער וועלט צווישן זיך פארבונדן.

III. אין דייטשלאנד האט מען געגרינדעט א "פלאט־פארשטענדיקונג־קאנצערן" מיט דער צענטראלע אין דארטמונד. אז א קייזערלעכע שיף־בוי־פאבריק וויל באשטעלן שיף־בוי־מאטעריאלן, מוז זי זיך ווענדן נישט צו די איינצלנע פירמעס, נאר צו דער געשעפטלעכער לייטונג פון קאנצערן, וועלכע גיט איבער די באשטעלונגען די אנגעשלאסענע פירמעס. דערויף קומען די פאבריקן אין פארבינדונג איינע מיט דער אנדערער און ווערן צווישן זיך מושווה, וועלכע אנבאטן זיי זאלן מאכן און וועלכע פרייזן זיי זאלן פאדערן. עס ווערט בכן פעסטגעשטעלט, ווער עס זאל אפגעבן די אפערטע, וועלכע זאל באקומען די באשטעלונג. א קאנקורענץ אדער פאדערונג פון הע־

בערע פרייזן קומט פאָר נאָר לפנים. דען דער, וואָס איז אין דער ריי, דאַרף אָפּגעבן די גינסטינקסטע אָפּערטע. די מער־קאָסטן מוז נאַטירלעך צאָלן די מלוכה. פון יעדער באַשטעלונג מוז די באַטרעפנדיקע פירמע אַראָפּגעבן צען פּראָצענט נישט פון ריינעם ריוח, נאָר פון באַטרעף פון חשבון. די דאָזיקע צען פּראָצענט ווערן נאַטירלעך אַריינגענומען אין דער אָפּערטע. אַ קלענערער טייל דערפון גייט אויף צו דעקן די הוצאות פון דער געשעפטלעכער לייטונג. ניין צענטל דערפון ווערן פאַרטיילט צווישן די איבעריקע פירמעס פון קאָנצערן, וואָס האָבן די באַשטעלונג נישט באַקומען. אויף אַזאַ אופן ווערן שפּילעדיק פאַרדינט מיליאָנען, און איין פירמע אַרבעט לטובת דער קעשענע פון דער אַנדערער.

IV. אין די יאָרן 1905 און 1907 האָבן די דייטשע וואָפן־ און אַמוניציע־פאַבריקן אין בערלין און קאַרלסרוהע, די וואָפן־פאַבריק מויזער אין אָבערנדאָרף אַ. נעקאַר און אויך די Fabrique nationale d'armes de guerre אין הערסטאַל (בעלגיע) פון איין זייט און די עסטרייכישע וואָפן־פאַבריק־געזעלשאַפט פון דער אַנדערער זייט געשלאָסן צווישן זיך אָפּמאַכן. די וויכטיקסטע באַשטימונגען זייערע זענען געווען: „וואָפן־געשעפטן, וואָס באַציִען זיך אויף די ליפערונג פון רעפּעטיר־ביקסן אָדער קאַראַבינען, וועלכע דאַרפן ערשט אויסגעפערטיקט ווערן, פאַר רוסלאַנד, יאַפּאַן, כינע און אַבעסיניע, ווערן דורכגעפירט צום בשותּפותדיקן נוצן און די בקירובדיקע פאַרדינסטן ווערן צווישן די גרופּן פאַרטיילט לויט אַ באַשטימטער סקאַלע". די פאַבריקן, וואָס געהערן צו ביידע גרופּן, וועלן זיך קעגנזייטיק געבן יעדע מעגלעכע אונטערשטיצונג, כּדי יעדע פאַבריק זאָל קאָנען פאַבריצירן וואָס שנעלער און וואָס ביליקער. צו דעם צוועק זאָלן אויך די צייכנונגען און די מענסיע־טאַבעלעס פון די מאָדעלן, וואָס ווערן פאַרלאַנגט און דאַרפן אויסגעפערטיקט ווערן, גראַטיס געגעבן ווערן, די נויטיקע מעסט־מכשירים און קאַל־בערס זאָלן צום פּרייז פון די אייגענע קאָסטן געגעבן, אָדער, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, קעגנזייטיק בחנם אויס־

בעבאָרגט ווערן. „דער פרייז פאַרן וואָפן, וואָס זאָל געליפערט ווערן, דאַרף יעדעסמאָל דורךביידע גרופּן איינהייטלעך פעסטגעשטעלט און אָפּעריטרט ווערן. כּדי צו פאַרווירקלעכן די אין פּאַראַגראַף 1 אויסגעדריקטע הויפּט-טענדענצן, ווערט געבילדעט אַ בשותּפותדיקע קאַסע, אין וועלכע יעדע פאַבריק, וואָס פאַבריצירט, ליפערט און פאַקטורירט פלי-זיין, אויף וועלכע ס'איז חל דער דאָזיקער אָפּמאַך, מוז אַריינטראָגן אַן אָפּצאָל פון 15 פראַנק פון יעדן שטיק".

די דאָזיקע ביישפּילן דאַרפן גענוג זיין. זיי באַווייזן דעם ענגן צוזאַמענהאַנג פון די באַוואָפנונגען פון דער גאַנצער וועלט. זיי געבן אַ באַגריף, ווי דידאָזיקע אַלע פירמעס זענען נעמיינזאַם פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די באַוואָפנונגען זאָלן פסדר פאַרגרעסערט ווערן. אויב עס געלינגט אין איין איינציקן לאַנד צו פאַרגרעסערן די באַוואָפנונג, האָבן די פירמעס פון אַלע לענדער דערפון נוצן, הגם די אויסלענדישע אפשר נישט שטענדיק אין אַ גלייכער מאָס. פון דער אַנדערער זייט איז אַ פאַרמערונג פון דער באַוואָפנונג אין איין מלוכה גורם אַ רעגלמעסיקע העכערונג פון די הוצאות אויף באַוואָפנונג אין די אַנדערע לענדער.

די אינטערנאַציאָנאַליטעט פון די וואָפן-פירמעס איז פריער אויך פון שטאַנדפונקט פון דער לאַנד-פאַרטיידיקונג געווען געפערלעך. ס'האָבן דאָך דורכדעם געקאָנט אויסגעגעבן ווערן וויכטיקע מיליטערישע סודות. אין אויפזיכטס-ראַט פון די דילינגער ווערקס, וואָס זייערע אַקציעס האָבן זיך צום טייל געפונען אין פראַנצויזישע הענט און וואָס פראַנצויזיש איז געווען זייער געשעפטס-שפּראַך, זענען אין די יאָרן פאַר דער מלחמה געזעסן די פראַנצויזישע הערן רענע דע באָבע און איישען IV, קאָנטע וואַלדנער-פרוינדשטיין, אַ געוועזענער פראַנצויזישער באָטשאַפט-סעקרעטאַר און רעזערוו-לייטענאַנט.

נאַטירלעך איז עס די וואָפן-פירמעס אַלץ-איינס, צי זיי ליפערן זייערע קאַנאָנען פאַר אין- אָדער אויסלאַנד. די „דייטשע וואָפן- און אַמוניציע-פאַבריקן", למשל, האָבן אין זייערע גע-

שעפּטס-באַריכטן פאַר דער מלחמה פּסדר אָנגעוויזן דערויף, אַז דער גרעסטער טייל פון זייער אומזאַץ פאַלט-אויס אויף אויסלאַנד. אין דער וועלט-מלחמה זענען די ענגלענדער פאַר די דאַרדאַנעלן באַשאָסן געוואָרן מיט קאַנאָנען, וואָס זענען געליפערט געוואָרן דורך ענגלישע פירמעס. און היות די עסטרייכישע סקאָדאַ-פאַבריקן האָבן אין סט. פּעטערבורג געהאַט איינגעאָרדנט פאַר די בעווסקי-זאַוואָדן אַ שטאָל-הוטע אויף אויסצופערטיקן אַרטילעריע-מאַטעריאַל, זענען די עסטרייכישע סאָלדאַטן אויפן גאַליצישן פראָנט אומגעקומען פון האַרמאַטן, וואָס פירמעס פון זייער אייגענעם לאַנד האָבן געהאָלפן זיי אויסאַרבעטן.

כדי צו באַקומען אויסלענדישע באַשטעלונגען, כאַפּט זיך די אינדוסטריע צו די אינטערעסאַנטסטע מיטלען. אין דער צייט פאַר דער וועלט-מלחמה האָבן די נידער-עסטרייכישע עסקאָנט-געזעלשאַפט און די באָדן-קרעדיט-אַנשטאַלט דריימאָל אָפּגעשלאָסן אַ כינעזישע הלוואה. דידאָזיקע הלוואה איז געגעבן געוואָרן נאָכדעם, ווי די כינעזישע רעגירונג האָט זיך געהאַט פאַרפליכטעט צו באַנוצן אַ גרויסן טייל פון געלט אויף איינצוקויפן קרייצערס ביי דער ”Cantiere Navale Triestino“ און די סקאָדאַ-פאַבריקן. דאָס געלט האָט אַזוי-אַרום געקאָנט בלייבן אין עסטרייך און געשטעלט ווערן אין רשות פון די וואָפן-פאַבריקן. דאָס פראַנצויזישע באַנק-הויז פעריע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געבאָרגט דער טערקישער רעגירונג אויף איינצוקויפן אַ דרעדנאָוט און דערפאַר באַקומען אַ קאָנצעסיע צו בויען און עקספּלואַטירן אַ טראַם-באַן פון ירושלים קיין בית-לחם.

פון דעם אַלעם זעען מיר איין, אַז די וואָפן-אינדוסטריע אַלס אַזעלכע איז פאָטערלאַנד-לאָז. זי ליפערט דעם, וואָס צאָלט צום בעסטן. עס מוז דעריבער וווּנדערן, וואָס די פּראָפּאַגאַנדע פון דער קריגס-אינדוסטריע קומט פאַר אונטערן צייכן פון פּאַטריאָטיזם.

מיט רעכט ווערט געזאָגט אין אַ פלוג-שריפט פון דער „World Peace Fondation" (באָסטאָן או. ס. אַ.)

„אַן אָרעמער ענגלענדער, וואָס מאַכט אַקער-אייזנס וואָלט אויסגעלאכט געוואָרן, ווען ער וואָלט זיך פאַררופן אויף די פאָטערלאַנד-ליבע, ווי אויף אַ גרונד, צוליב וועלכן מיר דאַרפן אים געבן מער באַשטעלונגען. אָבער דער מיליאָנער, וואָס מאַכט פאַנצער-פּלאַטן, אַפּעלירט אָן שאָדן צום פאַטריאָטיזם פון פאָלק, וואָס ער פאַר-פּראָוויאַנטירט. ער האָט אין זיין רשות צייטונגען, וואָס שטעמפּלען אָפּ אַלס בוגדים אָדער משוגעים אָדער לכל-הפּחות אַלס אוטאָפּיסטן די, וואָס באַמיען זיך איינצו-האַלטן דעם אימפּעט פון די אומגעהייערע באַוואָפנונגען".

ווען די וואָפן פאַבריקאַנטן ווייזן-אָן דערויף, וואָס זיי באַ-דייטן פאַר דער נאַציאָנאַלער זיכערקייט, דאַרף מען דערויף ענטפערן איינמאָל, אַז זייער גאַנץ עשירות פאַרדאַנקען זיי דעם פאָלק, און ווייטער, אַז עס וואָלט דערגרייכט געוואָרן אַ פיל בעסערער שוץ פון פאָטער-לאַנד, ווען מען וואָלט, צום שאָדן פון די אינטערעסן פון דערדאָזיקער קאַפּיטאַל-גרופּע, אַ סוף געמאַכט צום באַוואָפנונגס-שגעון און געשאַפן אַ דויערנדיקן שלום-צושטאַנד".

אַזוי ווייט פּראָפעסאָר האַנס וועהבערג.

אין דער וואָכנשריפט פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון „קאָ-מוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל" 1928, העפט 43 פון 24 אָקטאָבער 1928, האָט לעאָניד אין אַן אַרטיקל „די פּאָליטיק פון וואָפן-קאַפּיטאַל" באַשטעטיקט וועהבערגס פאַקטישע פעסטשטעלונגען.

לעאָניד האַלט, אַז אַנדערע קאַפּיטאַל-גרופּן, ווי די וואָפן-אינדוסטריע, האָבן „נישט תמיד און נישט באַלד" נויטיק דווקא דעם אויסברוך פון סכסוכים אין דער פאָרם פון אַ מלחמה, אָבער די וואָפן-אינדוסטריע רופט אַרויס און פאַרלענגערט די

שוין-ארויסגערופענע מלחמה, ווייל די וואָפן-אינדוסטריע אויך פון באַזיגטן לאַנד, להיפך די אַנדערע אינדוסטריען, פאַרדינט נאָך אַלץ.

3. די וואָפן-אינדוסטריע אין דער פאָלקס-ווירטשאַפט.

אויך די וואָפן-אינדוסטריע, ווי יעדע אַנדערע אינדוסטריע, מוז מורא האָבן פאַר די מעגלעכע פּאָליטישע אויפטרייסלענישן דורך אַ מלחמה. ווי יעדע אינדוסטריע, גייט עס איר אויך וועגן פאַרשטאַרקן דעם אָפּזאַץ, וועגן פאַרגרעסערן דעם מאַרק. דאָס איז נאַטירלעך באַזונדערס מעגלעך דורך דער מלחמה און אין דער מלחמה, אַזוי אַז עס וואָלט פּונקט אַזוי נאַטירלעך געווען, אַז אַ פאַכטער פון אַן אייז-פּלאַץ זאָל בעטן אויף אַ וואַרעם וועטער, ווי אַז אַ קאַ-באַנען-פאַבריק זאָל שטיצן אַ שלום-געזעלשאַפט. יעדער פאַר-דינסט-צווייג קאָן דורך דער מלחמה ליידן. די וואָפן-אינדוסטריע דאַקעגן פּראָפּיטירט שטענדיק.

אַ מיליטער-מאַן שרייבט מיר:

„די אוממיטלבאַרע וואָפן-אינדוסטריע אפילו פון דייטשלאַנד, אויף וויפל זי איז נוגע דער אַלמעכטיקער שווער-אינדוסטריע, האָט פאַר דער מלחמה אַזאַ מיני-מאַלן ברוך-טייל פון דער אַלגעמיינער שווער-אינדוסטריע, אַז איר באַדייטונג אַלס נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז געווען כמעט אַ נישטיקע.

די אַרטילעריסטישע באַוואָפנונג פון דער דייטשער פעלד-אַרטילעריע פון 1890 ביז 1914 ווייזט אויף פאָלגנ-דיקן פאַרברויך:

די פעלד-אַרטילעריע איז אין יאָר 1896 ניי באַ-וואָפנט געוואָרן, אין 1904 האָט דער האַרמאַט באַקומען 96 רויר-רוקלויף און שוץ-שילדן.

אין יאָר 1904 האָבן בערך 100 פעלד-אַרטילעריע-רעגימענטן (אַ 2 אַפּטיילונגען אַ 3 באַטעריעס אַ 4 האַר-

מאַטן) געהאַט 2400 פעלד-האַרמאַטן. דערצו מינדעסטנס אַזוי פיל מאַטעריאַל-רעזערוון פאַר דער מאָביליזירונג.

הויך-גערעכנט בסך-הכל 6000 האַרמאַטן צו 3 טאָן צוזאַמען 18000 טאָן.

ווען מען זאָל צורעכענען 30000 טאָן פאַר דער שווערער פוס-אַרטילעריע (אָן פלאַט), מאַכט דאָס אויס 50000 טאָן אַרטילעריע-מאַטעריאַל אין 25 יאָר, אַלזאָ 2000 טאָן אַ יאָר.

גרעסערע צאָלן ווייזט אויף דער פלאָט-בודזשעט. אָבער אויך דאָ בילדן שכירות און פאַרוואַלטונג די הויפּט-הוצאה.

דעם יערלעכן אַרטילעריע-באַדאַרף פון 2000 טאָן (פאַר דער לאַנד-אַרמיי) דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן דעם פאַקט, וואָס דייטשלאַנד האָט בלויז אין יאָר 1913 אויסגעאַרבעט 19312000 טאָן רוי-שטאָף

13119000 טאָן פערטיקע וואַלץ-ווערק

אין יאָר 1927 האָט דייטשלאַנד אויסגעפירט:

ווערקצייג-מאַשינען	76878 טאָן
לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען	36825 טאָן
אַנדערע מאַשינען	209309 טאָן

גאַנץ אַנדערש איז אין דער מלחמה. דאָס פאַרהעלטעניש פון דער פעלד-אַרטילעריע האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 1:17, פון דער שווערער (פוס-)אַרטילעריע אויף 1:32".

דייטשלאַנד האָט בלויז ביז צום 1 אויגוסט 1923 אויפן יסוד פון ווערסיילער טראַקטאַט אָפּגעליפערט אויף צו שמעלצן:

54887 האַרמאַטן און רוירן,

28469 מינענוואַרפער און רוירן.

אַ גרעסערע צאָל האַרמאַטן איז ווייטער אין דער מלחמה צעשטערט אָדער פאַרלוירן געגאַנגען. 5000, אַלזאָ כמעט דער באַשטאַנד פון שלום-צייט, זענען בלויז ביים וואַפנשטילשטאַנד 11 נאָוועמבער 1918 אָפּגעליפערט געוואָרן.

דערפון זעט מען, אויף וויפל אַ מלחמה־פאַל העלפט מיט צו פארשטארקן די פראָדוקציע פון דער וואָפן־אינדוסטריע.

אין דער צוקונפט וועלן אָבער דידאָזיקע אַלע מאָסן סיי אין כמות און סיי אין איכות פילפאַכיק גרעסער ווערן דורכדעם, (ווי דאָס וועט נאָך גענוי אויפגעקלערט ווערן), וואָס דער אומפאַנג פון דער וואָפן־אינדוסטריע פאַרברייטערט זיך כסדר.

אַן אַנאָנימער (**) מיליטער מאַן זאָגט דאָס אַליין אויס:

„די רוי־שטאָף־פאַרזאָרגונג האָט אין די פריערדיקע מלחמות, ווען די וואָפן־טעכניק איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָליע. מאַטעריאַל אויף צו גיסן גרויסע האַרמאַטן, ווי פולווער און בליי, האָט שליסלעך זיך געפונען אין יעדן גרעסערן ווירטשאַפטס־געביט. היינט אָבער איז אין דעם פּרט אַריינגעטרעטן אַ וויכטיקע ענדערונג. צו דער מאַסנהאַפטער פּראָדוקציע פון מאָדערנע קריגס־מאַכשירים איז נויטיק אַזאַ גרויסע צאָל פון פאַרשיידנאַרטיקסטע רוי־שטאָפן, אַז קיין שום לאַנד פאַרמאָגט זיי נישט אין זיינע אייגענע גרענעצן".

אויב די אוממיטלבאַרע וואָפן־אינדוסטריע פון אַ לאַנד שטעלט אין כמות נישט פאָר מיט זיך קיין וויכטיקן פאַקטאָר אין פאָלקס־ווירטשאַפטלעכער הינזיכט, ווירקט זי אָבער אין פּרט פון מלחמה־אויפרייצונג ווי אַ קליין געשוויר אויף אַן אָרגאַניזם, וואָס איז גורם שפּעטער אַ פאַרגיפטונג פון גאַנצן.

4. איינצל־בילדער

א) ענגלישע קריג־שיף דערטרונקען דורך ענגלישע מינעס.

וועהבערג דערמאָנט, אַז אין יאָר 1915 זענען די ענגלענדער ביי די דאַרדאַנעלן באַשאָסן געוואָרן דורך אַרטילעריע.

וואָס די טערקן האָבן געהאַט געקויפט ביי די ענגלענדער. מען דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס וואָלט דעמאָלט געמוזט האָבן פאַרן פשוטן ענגלענדער, ווען די דאַרדאַנעלן וואָלטן פאַר דער איינפירונג פון דער אַלגעמיינער דינסט־פליכט אין ענגלאַנד (1916) געפאַלן און עס וואָלט דערמיט מעגלעך געוואָרן פריער צו מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. אָבער די גוטע קאַנאָנען פון די ענגלישע פאַבריקן, ווי וויקערס און אַרמסטראָנג, האָבן אונטער דער קאָמאַנדע פון דייטשע אַרטילעריסטן אַראָפּגעדונערט פון די דאַרדאַנעלן־פאָרטן און צו־נישט געמאַכט דעם שלום, נאָך וועלכן מ׳האָט אַזוי געבענקט.

אַן עפּיזאָד פון דער ענגלישער אונטערשטער פּאַלאַטע פון 2 אויגוסט 1926 באַלייכט דעמדאָזיקן פאַקט פון דער פאַרגאַנגנהייט מיטן באַדייטנדיקסטן מוסר־השכל פאַר דער צוקונפט.

יענעם טאָג, אַלזאָ עלף יאָר נאָך די דאַרדאַנעלן־קאַמפן, האָט דעפּוטאַט פּאָנסאָנבײַ אָנגעפרעגט, צי ס׳איז אמת די מעלדונג פון „דיילי קראָניקל״, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אַן ענגלישע וואָפן־פאַבריק מיטן פולן הסכם פון אויסערן־מיניסטער טשעמבערלען געליפערט וואָפן צו טערקיי.

אויסערן־מיניסטער טשעמבערלען האָט דאָס באַשטעטיקט.

דערויף האָט פּאָנסאָנבײַ געפרעגט: „צי ווייסט נישט דער אויסערן־מיניסטער, אַז אין די דאַרדאַנעלן איז אַן ענגלישע קריגס־שיף דערטרונקען געוואָרן דורך אַ מינע, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן טערקיי דורך אַן ענגלישער פירמע?״

טשעמבערלען האָט אויך דאָס באַשטעטיקט, האָט אָבער דערקלערט, אַז פון איצט אָן קאָן אַ מלחמה מיט טערקיי נישט מער קומען אין באַטראַכט.

ווי אָפט האָבן זיך אַזעלכע פייערלעכע פאַרזיכערונגען פון מלוכה־מענער אַרויסגעשטעלט פאַר פאַלש!

ב) קרופּ און זיינע קאַנאָנען

אויסהערנדיק דעמדאָזיקן עפּיזאָד פון ענגלישן פּאַרלאַ־

מענט וועט אַ דייטש זיך אָנרופן: „דאָס קאַנען אַזעלכע קרע־מערישע נשמות, ווי די ענגלענדער".

אַז מ'וועט אים דערויף פרעגן, צי ער ווייסט, אַז דער גרינדער פון וועלט־הויז קרופּ, דער פריינט פון ביסמאַרק און פון קייזער,

1. איז געווען אָפיציר פון פראַנצויזישן ערן־לעגיאָן.

2. אַז אין דער שלאַכט ביי קעניגראַץ האָבן דייטשע ברידער אויף בײדע זייטן זיך צעריסן די אברים מיט קרופּס קאַנאָנען.

3. אַז די פירמע קרופּ האָט אין משך פון אַ יאָר־הונדערט אַרויסגעפירט אין 52 פאַרשיידענע פאָטערלענ־דער איבער אַ העלפט פון אירע קאַנאָנען, וועלכע האָבן שפּעטער בעת דער וועלט־מלחמה געהאָגלט מיט גראַנאַטן איבער די קעפּ פון די דייטשן און פון זייערע פאַר־בונדעטע —

וועט ער אויפשפּרינגען און דאָס אַלץ באַצייכענען אַלס אַ ביישוויליקע רכילות פון „אינטערנאַציאָנאַל פערשוואָממענע" שלום־פריינט, ווי גענעראַל פאָן זעקט רופט זיי אָן אין זיינע „געדאַנקען פון אַ סאָלדאַט".

לאָמיר די פאַקטן אַליין לאָזן רעדן.

פון אַלפרעד קרופּ און זיין וועלט־פירמע איז גענוג צו וויסן, אַז צו פערצן יאָר האָט ער פאַרשטאַנען די קליינע פאַבריק פון זיינע עלטערן, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג, אויפצוהייבן צו דער מדרגה פון גרויסער אַנטוויקלונג. 1826 הויבט ער אָן מיט זיבן אַרבעטער. גוטער גוס־שטאָל איז די לאָזונג פון די דעמאָלטיקע דערפינדער. עס איז די פאַבריקאַנטן קיין חילוק נישט, צי זיי פאַרקויפן דער־פון שערן, גאַרבער־וואַלצן, מינץ־שטעמפּלען אָדער עפּעס אַנ־דערש. דורך דער איינפירונג פון דער דאַמף־מאַשין און דורך באַקענען זיך מיט ענגלאַנדס פאַבריק־סודות פאַרברייטערט ער זיין אונטערנעמונג, 1844 באַקומט ער דעם גאָלדענעם מעדאַל פון דער בערלינער געווערבע־אויסשטעלונג.

פון זיין גוס-שטאָל נעמט ער אויך אויסאַרבעטן ביקסן-לופעס. דאָס פּרייסישע קריגס-מיניסטעריום שיקט זיי אים צוריק, ווייל „די פּרייסישע וואָפן זענען אַזוי גוט, אַז זיי נויטיקן זיך מער נישט אין קיין פאַרבעסערונג". אָבער דאָס פראַנצויזישע קריג-מיניסטעריום איז צופרידן ביז גאָר!

1847 גייט קרופּ איבער צו מאַכן קאַנאָנען-רוירן פון גוס-שטאָל. דאָס מאָל זענען די פּרייסן אויפמערקזאַמער. אָבער נאָך מער אינטערעסירט זיך דערמיט דער ניי-אויפגעשטאַנענער קייזער פון די פראַנצויזן, נאַפּאָלעאָן III. ווען דער פּרייסישער קריג-מיניסטער וויל עפּנטלעך אויסשרייבן די קאַנאָנען-באַשטעלונגען, פאַרדריסט דאָס קרופּן אַזוי, אַז ער שרייבט צו זיין בערלינער פאָרטרעטער: „אויב אַ גוס-שטאָל-פאַבריקאַנט וועט באַקומען אַ באַשטעלונג אויף איין קאַנאָן, וועל איך ליפערן דער גאַנצער וועלט, וואָס זי וויל". ער טוט דאָס טאַקע, ער ליפערט בעלגיען פעלד-האַרמאַטן, ער ליפערט די פירמעס אַרמסטראָנג און וויקערס, זיינע קאָלעגן אין ענגלאַנד, שווערע שיף-האַרמאַטן.

אַזוי ווי די פּרייסן זענען נאָך אַלץ האַרט, וויל ער זיך פון אַ פראַנצויזישער באַנק באָרגן 20 מיליאָן פראַנק. די הלוואה באַקומט ער אמת נישט, אָבער ער דערציילט ביסמאַרקן די זאַך אַזוי, אַז ער באַקומט לסוף פּרייסישע מלוכה-הלוואות. איצט וויל אויך עסטרייך באַשטעלן. ס'איז קורץ פאַר דער מלחמה פון 1866. קרופּ ליפערט פונדעסטוועגן די דרום-דייטשע מלוכות, וואָס האַלטן מיט עסטרייך. ער וויל אויך עסטרייך ליפערן 24 שווערע האַרמאַטן. די בערלינער רעגירונג בעט אים פאַרטרויליך, אַז ער זאָל אָן איר דערלויבעניש נישט ליפערן עסטרייך קיין קאַנאָנען. קרופּ ענטפערט, אַז אַזאַ התחייבות „וואָלט געווען אַ קאָנטראַקט-ברוך". אין אַפּריל 1866 שרייבט ער צום פּרייסישן קריג-מיניסטער: „וועגן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן ווייס איך זייער ווייניק; איך אַרבעט רויק ווייטער און אַז איך וועל דאָס נישט קאָנען טון אָן אַ שטערונג פון דער האַרמאָניע צווישן פאָטערלאַנד-ליבע

און ערנהאַפטיקייט, וועל איך די אַרבעט אינגאַנצן אויפגעבן, װעל איך פאַרקויפן די פאַבריק און בלייבן אַ רייכער, אומ־אַפהענגיקער מאַן".

אַזוי איז עס געקומען, אַז אין דער באַרימטער שלאַכט בײַ קעניגגרעץ האָבן דײַטשע ברידער זיך באַשאָסן מיט קאַ־נאָנען, וואָס האָבן ברידערלעך געשטאַמט פון איין שמעלץ־טאָפּ און וואָס דער פּדיון פאַר זיי איז ברידערלעך געפלאָסן אין איין קאַסע.

קרופּס אַלטע געשעפטלעכע ליבע צו נאַפּאָלעאָן III. ווערט אויפסנײַ געשטאַרקט דורך פרישע ערפאָלגן אויף דער פּאַריזער װעלט־אויסשטעלונג. ער ווערט אָ פ י צ י ר פ ו ן פ ר אַ נ צ ו י־ז י ש ן ע ר ן ־ ל ע ג י אָ ן און ליפערט פאַר רוסלאַנד און ענגלאַנד, וועלכע זענען אין דער קרים־מלחמה געווען צעקריגט, פּונקט אַזוי גוט ווי פאַר פראַנקרייך און פּרייסן. אָבער אין יאָר 1868 ווערט דאָס פאַרהעלטעניש צו פראַנקרייך דורך אַ בישל וויכטיקן ענין אַביסל אָפּגעקילט. כּדי די פרײַנטשאַפט צוריקצושטעלן שרײַבט קרופּ צו נאַפּאָלעאָן III. אַ לויב־הימן אויף זײַנע גוס־שטאָל־קאַנאָנען און שיקט דערבײַ צו זײַן קאַטאַלאָג. דער בריוו האָט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

גוס־שטאָל־ווערק פרידריך קרופּ.

עסען, 29. אַפּריל 1868.

צו זײַן מאַיעסטעט נאַפּאָלעאָן III. קייזער פון פראַנקרייך. דערמוטיקט דורך דעם אינטערעס, וואָס אייער דערהאַ־בענע מאַיעסטעט האָט אַרויסגעוויזן צו אַן אײַנפאַכן אינדוסטריעליער און צו די גליקלעכע רעזולטאַטן פון זײַנע באַמיִונגען און זײַנע אומדערהערטע קרבנות, דערוועג איך זיך אויפסנײַ צו ווענדן זיך צו אייער מאַיעסטעט מיט דער בקשה אויפצונעמען דעם בײַגעלעגטן אַטלאַס. ער אַנטהאַלט אַ זאַמלונג פון צייכנונגען פון פאַרשיידענע אײַנגעפירטע זאַכן אין מײַנע ווערקשטאַטן. איך האָף, אַז באַזונדערס די פיר לעצטע זײַטן, וואָס שטעלן פאָר די גוס־שטאָל־קאַנאָנען, וועלכע איך האָב אויסגעפּערטיקט פאַר

פאַרשיידענע הויכע רעגירונגען אייראָפּע, וועלן אויף אַ מאָמענט לענקען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אייער מאַיעסטעט און אַנטשול־דיקן מיין העזה. מיטן טיפסטן רעספּעקט מיט דער גרעסטער באַוווּנדערונג.

אין ענטפער ווערט געזאָגט:

דער קייזער האָט מיט גרויס אינטערעס אויפגע־נומען דעם אַטלאַס, און זיין מאַיעסטעט האָט געגעבן דעם באַפעל אייך צו דאַנקען פאַר דער דאָזיקער מיט־טיילונג און אייך צו וויסן צו טון, אַז זיין מאַיעסטעט ווינטשט לעבהאַפט דעם ערפאָלג און די אַנטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע, וואָס האָט די באַשטימונג צו דינען דער טובה פון דער מענטשהייט.

אָבער דער איינפלוסרייכער פראַנצויזישער גענעראַלע בעף איז צו קרופּן נישט מער גוט געניגט, פונקט ווי די פרייסן זענען פריער צו אים נישט געווען גוט געניגט. ער האָט גאָרנישט באַשטעלט און אַזוי איז ווייניקסטנס אין דער מלחמה פון 1870—71 נישט אויף ביידע זייטן געשאָסן געוואָרן מיט קרופּס קאַנאָנען, ווי אין יאָר 1866.

אין יאָר 1912 האָט די פירמע קרופּ מיטגעטיילט, אַז

1. ביז צו אַלפרעד קרופּס טויט אין יאָר 1887 אין עסען זענען געגאָסן געוואָרן 24576 קאַנאָנען, דערפון זענען 10666 געבליבן אין לאַנד. 13910 זענען געגאַנגען קיין אויס־לאַנד.

2. ביז סוף 1911 איז די דאָזיקע צאָל געוואַקסן אויף 53000, אַז דערפון איז דער קלענערער טייל, 26000 געגאַנגען קיין דייטשלאַנד, דער גרעסערער 27000, צו 52 פאַרשיידענע אויסלענדישע מלוכות, וואָס אַ סך פון זיי זענען שפּעטער פאַרוויקלט געוואָרן אין די וועלט־מלחמה מיט דייטשלאַנד.

אַזוי־אַרום האָט זיך פון 1914—18 איבערגעחזרט דאָס שוישפּיל פון 1866. מ'האָט אויף ביידע זייטן געשאָסן מיט קרופּס קאַנאָנען און קוילן־וואַרפערס. פונקט ווי די רוסן האָבן

געשאָסן אויף די עסטרייכישע לאַנד־פּאַרטיידיקער מיט קוילן־וואַרפערס, וואָס די עסטרייכישע סקאָדאַ־פאַבריקן האָבן זיי גע־האָט געליפערט.

די דייטשע פלאָט־פּאָליטיק האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1898. באַלד האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די פירמע קרופּ האָט אַ באַזונדערס גוט געהאַרטעוועט ניקל־שטאָל פאַר די פּלאַטן פון די גרויסע פאַנצער־שיפן געליפערט פאַר אַמעריקע ביליקער, ווי פאַר דייטשלאַנד.

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט דר. זידעקום האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערקלערט אויף דער רייכסטאָג־זיצונג פון 8. יאַנואַר 1902:

„מיר שרעקן זיך טאַקע נישט אַ שורקע אָנצורופן שורקע, און איך מיין, אַז אַ פאַנצער־פּלאַטן־פאַבריקאַנט, וואָס נוצט־אויס די אומקענטעניש פון דער רעגירונג און העגנגט־אָן די פאַנצער־פּלאַטן זיין פאָטערלאַנד צו אַ טייערערן פּרייז, ווי אַן אויסלענדישער מלוכה, ווערט תמיד בלייבן אַ שווינדלער".

דער מלוכה־סעקרעטאַר פון מלוכה־פלאָט־אַמט, פאָן טיר־פּיץ, האָט דאָס אָפּגעלייקנט, ער האָט אָבער ווייטער געזאָגט:

„ריכטיק איז נאָר, אַז אַמעריקאַנישע פירמעס, וועלכע האָבן דערוואָרבן קרופּס פּאַטענט, האָבן זייער רעגירונג אין אַמעריקע געליפערט ביליקערע פאַנצער־פּלאַטן, ווי די פירמע קרופּ דער דייטשער רעגירונג; דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט געקאָנט באַשטעלן זייער גרויסע סכומים אויף אַ מאָל — איך גלויב 30000—40000 טאָן".

אין ווייטערדיקן יאָר־צענדליק זענען קרופּס־מעטאָדן מערערע מאָל אין רייכסטאַג בלויז דורך סאָציאַל־דעמאָקראַטן שאַרף קריטיקירט געוואָרן. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז איינמאָל שוין אין יאָר 1905, שפּעטער אָבער מיט מער ענער־

גיע אין אַפּריל 1913, איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע זאַכן, די רעגירונג האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אין די דאָזיקע קאָמיסיע קאַרל ליב־קנעכט, וועלכער האָט דעם 18 אַפּריל 1913 אויפגעדעקט די קאָרנוואַלצער־אַפּערע. אַנטשטאַט דעם, וואָס די דאָזיקע קאָמיסיע האָט געזאָלט קומען צו אַ רעזולטאַט, איז געקומען — די וועלט־מלחמה.

די אַזוי־גערופענע קאָרנוואַלצער־אַפּערע פון דער פירמע קרופּ געהערט נישט אוממיטלבאַר צום פּראָבלעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרפּליכטונג פון דער וואָפן־אינדוסטריע. זי באַלייכט אָבער די „נאַציאָנאַלע” פּראַקטיק. קאַרל ליבקנעכט האָט דעם 18. אַפּריל 1913 אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אין רייכסטאַג אויסגעפירט:

„קרופּ האָט ביז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אין בערלין אויסגעהאַלטן אַן אַגענט בראַנדט (אַ געוועזענעם אָבערפייערווערקער פון דער אַרמיי), וועלכער האָט גע־האַט די אויפגאַבע צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט די קאַנצעלאַריע־באַאַמטע פון דער מאַכט, פון דער אַרמיי און פון פלאָט און זיי משחד צו זיין, כדי צו באַקומען ידיעות וועגן געהיימע דאָקומענטן, וואָס זייער אינהאַלט אינטערעסירט די פירמע, באַזונדערס וועגן די פּלענער פון דער מאַכט אין באַוואָפנונג־פראַגן, מעלדונגען וועגן קאָנסטרוקציעס פון דער מאַכט און אויך פון דער קאָנקורענץ, רעזולטאַטן פון פּרובן, דער עיקר אָבער די פּרייזן, וואָס אַנדערע פירמעס פאָדערן אָדער וואָס ווערן זיי אָנגעבאָטן. אין רשות פון הער בראַנדט זענען צו דעם צוועק געשטעלט געוואָרן גרויסע געלט־מיטלען. דער דאָזיקער צושטאַנד האַלט־אָן זייט יאָרן”.

בראַנדטס דאָזיקע באַריכטן האָבן געטראָגן דעם נאָמען קאָרנוואַלצער.

דער פּראָצעס קעגן בראַנדט און חברים איז פאָרגעקומען

אין בערלין פון 23. אָקטאָבער ביז 8. נאָוועמבער 1913. פאַרגעבן שוחד איז בראַנדט באַשטראָפט געוואָרן מיט פיר חדשים תפיסה, דער קרופ-דירעקטאָר עקציוס פאַר מיטהעלפן — מיט אַ געלט-שטראָף פון 1200 מאַרק. אין אַ ריי צייטונגען האָט מען מצדיק-הדין געווען דערמיט, אַז אין אַן ערנסטן פאַל וועט די מלוכה פאַרלאַנגען פון קרופן אַן אומגעהייערע לייסטונגפעיקייט, וועלכע קאָן אונטערגעהאַלטן ווערן נאָר דורכן אויסלענדישן געשעפט"...

אין אַ באַטראַכטונג „צום קרופ-פּראָצעס" אין № 576 פון „בערלינער טאַגעבלאַט" פון 12. נאָוועמבער 1913 קומט פּראָפעסאָר לויאָ ברענטאַנאָ, מינכען, אויפן יסוד פון די אויפדעקונגען פון דאָזיקן פּראָצעס, צו דער מסקנא, אַז דער „נויטיקער מלחמה-באַדאַרף פון יעדן לאַנד דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן נאָר אין מלוכה-פאַבריקן". ברענטאַנאַ דערציילט, אַז עס זענען נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן די ידיעות פון די צייטונגען, לויט וועלכע די ניקל-שטאָל-פּאַנצער-פּלאַטן פון דער פירמע קרופ זענען דעם אַמעריקאַנישן פלאָט פאַרקויפט געוואָרן מיט 800 מאַרק פּראָ טאָן ביליקער, ווי דעם דייטשן פלאָט. אַן ענגלענדער האָט אים דעם ענין מסביר געווען אַזוי: פאַראַן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצערן פון די וואָפן-פירמעס, וועלכע האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַן אָפּמאַך נישט צו קאָנקורירן צווישן זיך. אַרמסטראָנג, למשל, מאַכט קיינמאָל אין דייטשלאַנד נישט קיין אָנגעבאָטן, קרופ — קיינמאָל נישט אין ענגלאַנד. די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אין דאָזיקן אָפּמאַך נישט אַריינגעצויגן, דעריבער זענען די פּאַנצער-פּלאַטן מיט אַזוי פיל ביליקער געליפערט געוואָרן קיין אַמעריקע, ווי קיין דייטשלאַנד. פּראָפעסאָר ברענטאַנאָ גיט רעזיגנירט צו, אַז „וועגן מהות פון דאָזיקן קאָנצערן וואָלט קיין שום אויספאָרשונג נישט געקאָנט עפּעס אַרויסברענגען". ער ברענגט דאַן נאָך אַ ריי פון פּרטים, כדי צו באַווייזן, אויף וואָס פאַר אַן אופן די וואָפן-אינדוסטריע באַאיינפלוסט די פּרייזן.

פאַרן טעמא פון אונזער באַטראַכטונג איז וויכטיק, אַז אַ מאָן, ווי ברענטאַנאָ האַלט, אַז אַן א ו י ס פ אָ ר ש ו נ ג ח ט ג ן

אינטערנאַציאָנאַלע אַפּמאַכן פון דעם פּײן האָט נישט קיין שום אויסזיכטן אויף ער־פּאָלג.

ג) אַן ענגלישער קאַנאַנען־קעניג.

אײניקסטענס האָט ער צומײסטן געלעבט אין ענגלאַנד — זײן אָפּשטאַם איז טונקל. זײן געשיכטע װערט דאָ דערצײלט לױט אַ שילדערונג, װאָס איז צוגעשטעלט געװאָרן פון אַן אַנ־דערער קװעלע.

„פאַר דער מלחמה איז דער עפנטלעכקײט נישט געװען באַקאַנט, אַז די גאַנצע װאָפן־אינדוסטריע פון דער אַנטאַנט איז אַזױ־צו־זאָגן געלעגן אין אײן האַנט — אין דער האַנט פון סיר באַזיל זאַכאַראָװ. ער איז הײנט אַלט 79 יאָר און לעבט אַ מאָל דאָ, אַמאָל דאָרט.

מאַנכע זאָגן, אַז ער איז אַ לעװאַנטינער פון עפּעס אַ האַפן פון שװאַרצן ים, אַנדערע װידער פאַרזיכערן, אַז ער איז אין די 70־ער יאָרן אַנטדעקט געװאָרן אין סאָפיע דורך מר. װיקערס. װיקערס האָט דעם דעמאָלטיקן קעלנער באַנוצט פאַר אַ דאָלמעטשער, האָט דערקענט זײן טיכטיקײט און זיך פון דעמאָלט אָן מער נישט פון אים געשײדט. ריכטיק איז זיכער, אַז זאַכאַראָװ איז זײטן מיטן פון די 70־ער יאָרן טע־טיק געװען אין דער װאָפן־בראַנזשע אַלס רײזנדער. ער האָט געקענט אַלע קריג־מיניסטעריומס, אָבער אויך די אַנדערע ער־טער, װו ער האָט געקאָנט מאַכן זײנע געשעפטן. די פּרויען זענען געװען זײנע בעסטע העלפערינס. ער האָט פאַרדינט אומגעהײערע סכומים, צוערשט בעת דער בורן־מלחמה און דערנאָך בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה בײ רוסלאַנד. װו ער האָט באַזונדערס געקאָנט אָנװענדן זײנע געשעפטס־מעטאָדן.

אײן באַשטעלונג פון 3 מיליאָן פונט פאַר שפּאַניע האָט אים אין 1904 געבראַכט דעם לאַנג געגאַרטן דירעקטאָר־פּאָסטן בײ װיקערס.

אויף דעם ערפאָלג האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ פרוי. ער האָט זיך אין דער באַן באַקענט מיט דער הערצאָגין פון ווילאַפראַנקאַ דע לאָס קאַבאַלעראָס געב. פרינצעסין בורבאָן, אַ קוזינע פון שפּאַנישן קעניג. זי האָט אין משך פון 20 יאָר באַגלייט זאַכאַראָוון אויף זיינע נסיעות. נאָכן הערצאָגס טויט (1925) איז זי געוואָרן ליידי זאַכאַראָוו.

באַלד איז זאַכאַראָוו געוואָרן דער באַזיצער פון דער מערהייט אַקציעס פון וויקערס, און שוין אין הערבסט 1905 טרעטן זיינע פאַרטרויענס-מענער אַריין אין אויפזיכט-ראַט פון די רוסישע פוטילאָוו-זאַוואָדן. פון 1907 אָן קאָנטראָלירט ער שניידער-קרעזאָ און די וועלט-מלחמה זעט אים אַלס בעל-הבית פון דער גאַנצער וואָפן-אינדוסטריע פון דער אייראָפּעישער אַנטאַנט.

די ענגלישע אַדמיראַליטעט האַלט שטענדיק אַ קריג-שיף צו זיין רשות.

נאַטירלעך איז ער אויך געוואָרן אַ באַזיצער פון צייטונגען. אַזוי, למשל, האָט צו אים געהערט דער פּאַריזער „עקסצעלזיאָר".

אַ סך הייזער אין לאָנדאָן און פּאַריז האָבן צו אים געהערט. קורץ נאָך דער מלחמה האָט ער אויך געקויפט די „Societe de bains de mer et des etrangers" אַלזאָ די שפּיל-באַנק פון מאָנטע קאַרלאָ. (איצט איז די באַנק ווידער אין באַזיץ פון דער גרינדער-פאַמיליע בלאַנק, ד. ה. אַן אייניקל פון פּרינץ ראַדזיוויל).

זאַכאַראָוו איז אויך געאַדלט געוואָרן דורכן קעניג פון ענגלאַנד און מיט מערערע אַנדערע כיבודים באַשאָנקען געוואָרן. מאַנכמאָל איז ער דעם פאָריין-אָפיס געוואָרן אַפילו אַ ביסל אומבאַקוועם. מ'האָט אים דאַן אויף אַ ווײַלע געשיקט מעבר-לים, ווי מען טוט דאָס אָפט אין ענגלאַנד.

דאָס כאַפּ פיש אין מוטנעם וואַסער האָט ער

נישט געקאָנט אָפּלאָזן. אויף וויפל ער האָט דאָס געטון מיט אָדער קעגן ווילן פון זיין פריינט גרעגאָר, איז נישט באַקאַנט. זיכער איז יעדנפאַלס, אַז אַלס וואָפן־ליפעראַנט האָט ער פינאַנסירט דעם דרוזן־אויפשטאַנד און דערמיט די פראַנצייזן פאַרשאַפט צרות, אויף אַזוי פיל, אַז 1923—24, הגם נישט בלויז צוליב דעם אַליין, האָט מען געקאָנט רעדן דירעקט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד.

ביי אַבד על קרים איז ער נישט אינגאַנצן אומ־באַטייליקט און זיין לאַנדמאַן ווענעזעלאָס האָט מיט סיר באַזילס געלט אָרגאַניזירט אַ מלוכה־איבערקערעניש.

זיינע אַגענטן זענען אומעטום און איינער פון זיי איז דער „באַרימטער" טרעביטש־לינקאָלן".

פאַר 1914 האָט זאַכאַראָוו קאָנטראָלירט פאָלגנדיקע אונ־טערנעמונגען פון דער וואָפן־אינדוסטריע: די וויקערס־געזעל־שאַפט (ענגלאַנד), אין וועלכער עס זענען מיט גרעסערע אָדער קלענערע אַקציען־פּאַקעטן געווען באַטייליקט: 4 הער־צאָגס און מאַרקיזן, 50 גראַפן און באַראָנען, 20 ריטער, 3 פּאַרלאַמענטאַריער, 21 אָפיצירן און 6 זשורנאַליסטן, אַ חוץ דעם 10 גרויסע ענגלישע וואָפן־פירמעס אַ חוץ אַרמסטראָנג, וויטוואָרט עט קאָמפּ., וועלכע ער האָט ערשט נאָך דער מל־חמה באַהערשט. דאָס איז געשען דורך אַ גרויסאַרטיקן פאַר־איינקונג־מאַנעוור, ביי וועלכן זאַכאַראָוו האָט אָנגעווענדט זיין השפּעה אויף די ענגלישע רעגירונג אין דעם זין, אַז די מלוכה־באַנק האָט נישט געשטיצט די פירמעס וויקערס און אַרמסטראָנג, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין געלט. די קאַ־פּיטאַלן פון די פירמעס האָבן געמוזט רעדוצירט ווערן אויף בערך אַ האַלבן מיליאַרד מאַרק און כדי צו בלייבן לעבנס־פעיק האָבן זיי על־כרחם געמוזט זיך פאַראייניקן. אויף אַזאַ אופן האָט זאַכאַראָוו אויך די אַרמסטראָנג־געזעלשאַפט אַריינ־געשלונגען. זאַכאַראָוו האָט ווייטער קאָנטראָלירט די פראַנצוי־

ווישן פירמעס Chatillon—Commantry די Greuzot, Acerie Hanecourt מיט בסך־הכל 320 מיליאָן מאַרק אַקציען־קאַפּיטאַל, ער האָט געהאַט אַ קוואַליפיצירטע מינדערהייט ביי די רוסישע פּוטילאָוו־זאַוואָדן. ער איז דער פאָטער פון דער באַקאַנטער פּוטילאָוו־אַפערע פון „עקאָ דע פּאַרי" פון 27 יאַנואַר 1914. דידאָזיקע צייטונג האָט געבראַכט אַ פאַלשע ידיעה, וואָס הער ראַפּאַלאָוויטש האָט אין אויפטראַג פון סוכאָמלינאָוו, דעם דעמאָלטיקן רוסישן קריגס־מיניסטער, און אין הסכּם מיט זאַכאַראָוון איר אונטערגערוקט: עס גייט־אַרום אַ קלאַנג, אַז קרופּ האָט דערוואָרבן די פּוטילאָוו־זאַוואָדן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעם אין אייראָפּעישן בלעטער־וואַלד. דידאָזיקע פאָליטישע מעלדונג האָט נאָר געהאַט דעם צוועק צו געווינען די פראַנצויזישע פינאַנסן פאַר די פּוטילאָוו־זאַוואָדן, ווייל סיר באַזיל האָט תּמיד געאַרבעט מיט פרעמד געלט.

ד) אַ דייטש קאָנספּירירט מיטן „ערב־פיינד", כּדי אַרויפצושרויפן די פרייזן פון קוילנוואַרפערס.

דייטשלאַנדס שפּריכווערטלעכער „ערב־פיינד" איז דורות־לאַנג געווען פראַנקרייך.

מיט וועלכע פּאַטריאָטישע אינטערעסן קאָן מען אַלזאָ רעכטפאַרטיקן דעם פאַקט, וואָס די „דייטשע וואָפן־ און אַמוניציע־פאַבריקן" אין קאַרלסרוהע האָבן אין יאָר 1907 אָפּגעשיקט פאָלגנדיקן בריוו קיין פּאַריז:

„מיר האָבן אייך נאָר וואָס טעלעגראַפירט: מיר בעטן אונזער היינטיקן בריוו אָפּוואַרטן אין פּאַריז.

די סיבה פון דערדאָזיקער דעפּעשע איז געווען דאָס, וואָס מיר וואָלטן וועלן דורכפירן, אַז אין איינער פון די פאַרשפּרייטסטע פראַנצויזישע צייטונגען, אויף מעגלעך אין „פיגאַראָ", זאָל אויפגענומען ווערן אַן אַרטיקל מיט בערך פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„די פראַנצויזישע אַרמיי-פאַרוואַלטונג האָט זיך אַנט-שלאָסן שטאַרק צוצואײַלן דאָס פאַרזאָרגונג די אַרמיי מיט קוילן-וואַרפערס און צו באַשטעלן צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי ס'איז לכתחילה געווען פּראָיעקטירט".

מיר בעטן אייך אַלץ צו טאָן, אַז אַזאַ אַרטיקל זאָל אויפגענומען ווערן.

דייטשע וואָפן- און אַמוניציע-פאַבריקן".

דער דראַזיקער בריוו איז אונטערגעשריבן פון געה. בוירעט פיל פאָן גאָנטאַרד. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז די דיווידענד פון דער פירמע געשטיגן פון 20 אויף 32 פראָצ. אין די טעג פון דער קרופּ-אַפערע איז דער דראַזיקער בריוו אויפסנײַ מיט-געטיילט געוואָרן דורך קאַרל ליבקנעכטן דעם 18 אַפּריל 1913 אין דײַטשן רײַכסטאָג, לויט זײַנע ווערטער איז דער בריוו שוין פריער אַמאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס". דעם 23 אַפּריל 1913 האָט דעפּוטאַט ערצבערגער אין צוזאַמענ-האַנג דערמיט אויסגעפירט:

„דער בריוו שטאַמט פון יאָר 1907. אין יאָר 1907 האָבן די מיליטערישע קרײַזן פון דער גאַנצער וועלט נאָך ווייט נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון די קוילן-וואַרפערס, ווי הײַנט, ווען זיי גילטן אַלס כּלי-זין, אָן וועלכן אַן אַרמיי קאָן זיך נישט באַגיין. אין 1907 האָט מען אין אַ סך קרײַזן אויך פון דער דײַטשער אַרמיי נאָך באַצייכנט די קוילן-וואַרפערס אַלס וואָפן קעגן הע-רערא און האָטענטאָטן; גאַנץ קליין, מינימאַל איז געווען דער אײַנקויף פון קוילן-וואַרפערס אויפן דאָזיקן געביט. פראַנקרײַך האָט די ערשטע גענומען שטעלן מער קוילן-וואַרפערס אויך אין דינסט פון איר אײַראָפּעאישער אַרמיי. אַז מ'נעמט אין באַטראַכט דידאָזיקע סיטואַציע, באַקומט דאָן דער בריוו פון די דײַטשע וואָפן- און אַמוניציע-פאַבריקן אַ גאַנץ אַנדערע באַדײַטונג, ווי ווען מ'וואָלט אים אַרויסגעריסן פון צוזאַמענהאַנג. ווי אָפט

האָט מען אונז דאָ אין רייכסטאָג געזאָגט, ווען מיר האָבן אין די יאָרן 1908, 1909 און 1910 — אַלזאָ גלייך נאָכן דאָזיקן בריוו — אויסגעגעבן 40 מיליאָן מאַרק אויף קוילן-וואַרפערס: מיר ברויכן דידאָזיקע קוילן-וואַרפערס, מיר ברויכן דאָסדאָזיקע נייע כּלי-זין — מיר האָבן זיי אויך באַשטעטיקט — ווייל פראַנקרייך האָט מיט אַזוי פיל אין דעם פּרט איבערגעשטיגן. דאַן געווינט דער בריוו פון די דייטשע וואָפן- און אַמוניציע-פאַבריקן אַ גאַנץ אַנדערן אינטערעס".

דאָס „בערלינער טאָגבלאַט" און די „פראַנקפורטער צייטונג" האָבן דעמאָלט דידאָזיקע געשעפטס-פּראַקטיק באַצייכנט אַלס „העכסטע מדרגה פון געשעפטלעכער געוויסנלאָזיקייט און בלינדן גייעג נאָך נאַקעטע עגאָאיסטישע געשעפטס-אינטערעסן". די „פראַנקפורטער צייטונג" האָט געפסקנט, אַז דער „שריט פון די דייטשע וואָפן- און אַמוניציע-פאַבריקן איז נאָך סקאַנדאַליעזער ווי דער פאַל קרופּ".

הער פאָן גאָנטאַרד איז געבליבן איינער פון די מעכטיקסטע מענער פון דער דייטשער אוממיטלבאַרע וואָפן-אינדוסטריע. ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט ער נאָך געהערט צו פאָלגנדע אויפזיכט-ראַטן: בערלין-קאַרלסרוהער אינדוסטריע-ווערקע א. ג., דירענער מעטאַל-ווערקע א. ג., געבר. בעהלער א. ג., מויזער א. ג. אָבערנדאָרף, דאַימלער-בענץ א. ג., לודוויג לעווע א. ג., בערלין, שלעזישע בערגווערקס-אונד היטען א. ג. ברעסלוי.

לעצטנס איז זיין נאָמען אָפט אָנגערופן געוואָרן אַלס הויפּט-עדות אין פּראָצעס בולעריאַהן, ווו ער איז תּחילת געווען אומבאַקאַנט. בולעריאַהן איז אין יאָר 1925 פאַרמשפּט געוואָרן צו 15 יאָר תּפיסה, ווייל אַלס לאַגער-פאַרוואַלטער פון אַ מאַגאַזין פון די בערלין-קאַרלסרוהער אינדוסטריע-ווערק זאָל ער האָבן באַגאַנגען אַ מלוכה-פאַרראַט. גאָנטאַרדס עדות-זאָגן האָט געבילדעט דעם וויכטיקסטן טייל פון שולד-באַווייז. אָבער דאָס

דאָזיקע עדות-זאָגן, וואָס האָט זיך אפילו גישט געשטיצט אויף אייגענעם וויסן, נאָר אויף דעם, וואָס ער האָט געהערט זאָגן, איז אויפגענומען געוואָרן נישט דורך אַ פּערזענלעכן פאַרהער, נאָר אין גאַנץ אומגעוויינלעכע פאָרמען. ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז געלונגען מיטן דאָזיקן פאַקט צו באַקענען די עפנטלעכקייט, און דער פּסק-דין פון רייכס-געריכט איז דורכדעם שווער דערשיטערט געוואָרן.

ה. דייטשע פאַרסעוואַל-לופטשיף „אויסערגעוויינלעך וווערטפול" איז קאַמף קעגן דייטשע אונטערוואַסער-שיפלעך.

דער אַרויספיר פון מלחמה-מאַטעריאַל קיין אויסלאַנד וואָלט פון שטאַנדפּונקט פון דער ריינער לאַנד-פאַרטיידיקונג געהאַט נאָר דעמאָלט אַ זין, ווען מ'וואָלט דעם קונה געליפערט דאָס ערגסטע מאַטעריאַל, כדי ער זאָל אין אַן ערנסטן פאַל דערמיט ליידן אַ מפּלה. דען יעדער אויסלענדישער קונה קאָן ווערן אַ קעגנער.

די דייטשן האָבן אָבער אין איין פאַל אפילו דעם מעכטיקסטן קעגנער געליפערט אַזאַ אויסגעצייכנטן מאַטעריאַל, אַז ער קאָן זיך גאָרנישט געגוג אָפּלויבן. וועגן דעם זאָגט עדות פאָלגנדיקער באַריכט פון ענגלישן אַדמיראַל מוראַי פ. סוטער, וואָס איז פאַרן דאָזיקן ווערק צוגעשטעלט געוואָרן דורך אַ קאָמפּעטענטער פּערזאָן:

„איך האָב פון דער אַדמיראַליטעט באַקומען די דערלויבעניש — 1913 — צו באַשטעלן ביי דער פאַרסעוואַל קאָמפּ. אין ביטערפעלד איינע פון אירע נייע לופטשיפן, די גרויס פון 300000 קוביק-פוס הידראָגען גאַזפאַרמעגן, די לענג 279 פוס, דורכמעסער 47,8 צאָל".

דאָ קומט די גענויע באַשרייבונג פון דער לופט-שיף. סוטער שרייבט דאַן ווייטער:

„אַז די לופט-שיף איז געווען פאַרטיק, בין איך

געפאָרן קיין ביטערפעלד און באַטייליקט זיך אין די פּראָבע-רייזעס. די מאַנעוורעס מיט דער נייער לופט-שיף זענען גלענצנדיק אַריבער. די לופט-שיף איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין פּאַרנבאָרו און איך בין מיט איר אויך געפאָרן קיין לאָנדאָן".

שפּעטער האָט סוטער אויך אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער פאַרווענדונג פון פּאַרסעוואַל אין דער מלחמה. צוזאַמען מיט אַנדערע קליינע לופט-שיפן, איז ער באַנוצט געוואָרן אין קאַנאַל צו אויפקלערונג. אין באַריכט ווערט ווייטער געזאָגט: אַז די דייטשע אונטערוואַסער-שיפלעך האָבן גענומען ווירקן באַדראָענדיק, האָט מען איינגעזען, אַז די קליינע לופט-שיפן ווי פּאַרסעוואַל זענען אויסערגעוויינלעך ווערטפול אויף צו באַקעמפן די סכנה פון די אונטער-וואַסער-שיפלעך. די אַדמיראַליטעט האָט געגעבן דעם באַפעל שנעל צו בויען אַזעלכע לופט-שיפן. די באַשטעלונג איז געגעבן געוואָרן צו מר. האָלט טאָמאַס. (ערשטע פירמע פאַרן בוי פון לופט-שיפן). סוטער דריקט אויס זיין באַדויערן, וואָס ענגלאַנד האָט נישט געהאַט 200 קליינע לופט-שיפן, ווייל דאַן וואָלטן די דאַמפערס, וואָס האָבן צוגעפירט לעבנסמיטלען, אַ סך בעסער געקאָנט געשיצט ווערן פאַר די אָנגריפן פון די אונטער-וואַסער-שיפלעך, די קליינע לופט-שיפן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער נוצלעך. 24 שעה זענען זיי געווען אויף פּאָרפּאָסטן. איינמאָל איז אַ לופט-שיף אפילו געבליבן 61 שעה מיט 21 מינוט אין דער לופט. די לופט-שיפן האָבן באַגלייט די האַנדלס-שיפן, וועלכע האָבן זיי אָפט אויפגעפאָדערט צו געבן שוץ. סוטער שרייבט: „ס'האָט קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז אַ האַנדלס-שיף, וואָס איז עסקאָרטירט געוואָרן דורך אַ לופט-שיף זאָל דערטרונקען ווערן דורך אַ דייטשן אונטערוואַסער-שיפל".

דער אנדערער זייט זענען דייטשע טערוואסער-שיפלעך פארניכטעט געוואָרן דורך די ענגלישע לופט-שיפן, אָדער דירעקט דורך אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס, אָדער דורך פּאַטרולן-שיפלעך, וועלכע די לופט-שיף האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן אונטערוואסער-שיפל. אויך ביים זוכן מינעס האָבן די לופט-שיפן אַ סך געהאָלפן.

לויט וועהבערגן זענען דייטשע פּאַרסעוואַל-לופטשיפן פאַר דער מלחמה פאַרקויפט געוואָרן אויך צו יאַפּאַן און רוסלאַנד.

1. דער צווייטער „אַלפרעד" גרינדעט די וועלט-שלום-פּרעמיע.

די באַטראַכטונגען וועגן דער פאַרפליכטונג פון דער וואָפן-אינדוסטריע האָבן געבראַכט ביישפּילן פון דער פירמע קרופּ. דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז דידאָזיקע פירמע האָט אנטוויקלט עפּעס אַ באַזונדערע מאָס פון אַזוי-גערופענעם קרעמער-גייסט לגבי דיווירקלעכע פאַטערלענדישע אינטערעסן. די געשיכטע פון דער פירמע קרופּס אַנטוויקלונג באַווייזט, אַז איר שעפער אַלפרעד קרופּ האָט פּונקט אַזוי גערן געצויגן ריזיקע רווחים פון זיינע לכתחילה אויסגעפּערטיקטע שניידערשערן, מינץ-שטעמפּלען און רייט-זאָטלען, ווי שפּעטער פון די גוס-שטאָל-ביקסן און קאַנאָנען-רוירן. די פירמע קרופּ איז טאַקע דורך דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק, וועלכע איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָן III און ביסמאַרקן, געצוואונגען געוואָרן אַריבערצוגיין פון די פרידלעכע גאַרבער-וואַלצן צו די קאַנאָנען-רוירן. אויב אַ סוחר האָט לכתחילה נישט קיין נשמה-מאָמענטן פון סאָציאַלער עמפּינדונג, וואָס דערלאָזן אים נישט נהנה צו זיין פון געלדער, וואָס ווערן פאַרדינט ביי שקלאַפן-האַנדל, פרויען-האַנדל אָדער וואָפן-האַנדל, קאָן מען אים דאָס נישט ספּעציעל

פּאָרוואָרפן — וואָרום אַנדערש וואָלט מען דיזעלביקע פּאָרוואָרפן געמוזט מאַכן כמעט אַלע מענטשן.

אײן פאַל פון אַן אַנדערער זעלישער אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין דער פּערזאָן פון אַלפרעד נאָבעל, דעם דינאַמיט־וועלט־קעניג.

די טעכנישע און קויפמענישע אויפריכטונג פון דינאַמיט־טרוסט דורכן שוועדישן אינזשעניר אַלפרעד נאָבעל איז געווען גאַנץ ענלעך, הגם נאָך מער אין אינטערנאַציאָנאַלע ראַמען געהאַלטן, ווי בײ אַלפרעד קרופּ. נאָבעל האָט געפירט אַן אוואַנטוריסטיש לעבן אין רוסלאַנד, פראַנקרײך, אַמעריקע, דערבײ האָט אים תּמיד געדראָט די סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערן, ווען דורך זײנע עקספּערימענטן וואָלטן הײזער און מענטשן צעפליקטערהײט געפלויגן אין די לופט. אָבער דאַן האָט זיך אין אַלפרעד נאָבעל אַנטוויקלט יענע שטימונג, וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דער וועלט־שלום־פּרעמיע.

דער דרײ־און־פערציק־יעריקער וועלט־באַרימטער דינאַמיט־קעניג, אַ בחור, האָט אין יאָר 1876 דורך אַן אַנאָנס געזוכט אַ סעקרעטאַרין מיט שפּראַכן־קענטעניש. ס'האָט זיך געמעלדעט די אומבאַמיטלטע דערציערין גרעפין בערטאַ קינסקי, וועלכע האָט שפּעטער אַלס בערטאַ פאָן זוטנער אַרויסגערופן די בירגערלעכע שלום־באַוועגונג, צוליב אַ קלײניקײט איז דער געפּלאַנטער קאָנטראַקט נישט צושטאַנד־געקומען. אָבער בעת דעם געשפּרעך דערציילט נאָבעל: „איך וואָלט וועלן קאָנען שאַפן אַ שטאָף אָדער אַ מאַשין פון אַזאַ מוראדיק פאַרוויסטנדיקער קראַפט, אַז מלחמות זאָלן דורך דעם בכלל אוממעגלעך ווערן“.

מיט זעכצן יאָר שפּעטער באַגעגנט נאָבעל די פאַרפאַסערין פון ווערק „אַוועק מיטן געווער“, וואָס איז אין צווישןצייט דערשינען, די זעלביקע בערטאַ פאָן זוטנער. זײ רעדן וועגן די פּרעכטיקע ווילעס פון די זײדנפאַבריקאַנטן בײם ציריכער זעע, וואָס אויף זײן ברעג איז דאָס געשפּרעך געפירט געוואָרן, און דער פילפאַכיקער מיליאָנער זאָגט צו דערנאָך

אַלץ נישט רייכער שדיפּטשטעלערין: „יאָ, די דאָזיקע ווילעס האָבן די דאָזיקע אַלע זייד-ווערם געשפּונען".

„דינאַמיט-פאַבריקן, ענטפערט זי, ברענגען אפשר נאָך גרעסערע הכנסות און זענען ווייניקער אומשולדיק".

נאָבעלס תשובה: „מיינע פאַבריקן וועלן אפשר נאָך פריער מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, ווי אייערע קאָנגרעסן: אין דעם טאָג, ווען צוויי אַרמיי-קאָרפּוסן וועלן אין איין סעקונדע זיך קעגנזייטיק קאָנען פאַרניכטן, וועט אַלע ציוויליזירטע נאַציעס אַ שוידער אַרומכאַפּן און זיי וועלן פאַנאַנדערלאָזן זייערע חיילות".

דאָס איז נאָבעלס אַ שווערע טעות, ווי עס האָבן נאָך היינט דעם טעות כמעט אַלע פּאַציפיסטן. ווייל אַזוי לאַנג ווי עס זענען נאָך פאַראַן צוויי פיינטלעכע אַרמיי-פירער, וועט יעדער פון זיי תמיד גלויבן, אַז פינף מינוט פאַר יענער לעגענדאַרישער סעקונדע פון געמיינזאַמער פאַרניכטונג וועט ער באַקומען די אויבערהאַנט איבערן שונא און „זיגן". גענעראַל פאָן זעקט זאָגט: „נישט ריכטיק איז די באַגרינדונג פון דער היינטיקער שלום-באַוועגונג מיט די טעכנישע שרעקן און אויס-שפּרייטונג פון דער מלחמה. אויך די שווערט און דער 21-צמ.-בריזאַנץ-גראַנאַט זענען נישט הומאַניש... קעגן טעכנישע אָנגריף-מיטלען האָט די זעלביקע טעכניק נאָך אַלץ געפונען שוץ.

זייט 1892, ווען ס'איז פאָרגעקומען נאָבעלס געשפּרעך, איז יעדנפאַלס די מלחמה-קונסט אויפן וועג צו נאָבעלס ציל, אַז מ'זאָל אין איין רגע קאָנען פאַרניכטן צוויי אַרמיי-קאָרפּוסן! אָפּגעזען פון די ווירקונגען פון אַ גיפט-גאַז-קריג זענען אין דעם ווערק פון קורט לאַסוויץ: „אויף צוויי פּלאַנעטן", וואָס איז דערשינען נאָך מיט 25 יאָר צוריק, אויסגעפירט איינפאַלן פון דער טעכנישער פאַנטאַזיע, וואָס ווייזן-אויף נאָך גאַנץ אַנדערע מעטאָדן פון דער אָרגאַניזירטער מאַסן-שחיטה. אַלע טעכנישע דערגרייכונגען האָב זיך פריער אַנטפּלעקט אין פאַנטאַזיעס.

נאָבעל האָט זיין ריזן-פאַרמעגן געשטנקט אויף צו פאַר-

שײקן הויכע געלט-פּרעמיעס פאַר די העכסטע אויפטוען אין פיזיק, כעמיע, מעדיצין און ליטעראַטור. די דאָזיקע פּרעמיעס ווערן באַשטימט דורך די שוועדישע אַקאַדעמיעס אין שטאָק-האָלם, חוץ דעם ווערט אָבער יעדעס יאָר דורכן נאָרוועגישן פאַרלאַמענט אין אָסלאָ באַשטימט א שלום-פּרעמיע פאַר פאַר-זאָגנען, וואָס האָבן פאַרדינסטן פאַר דער אויפהאַלטונג פון שלום, אָדער פאַר אָרגאַניזאַטאָרן פון שלום-קאָנגרעסן.

ווען נאָבעל וואָלט רעכט געהאַט מיט זײַן הנחה, אַז די שרעקלעכסטע פאָרם פון דער מלחמה-טעכניק וועט מוזן מיט אמאָל א סוף מאַכן צו דער מלחמה, וואָלט געקאָנט געמאָלט זײַן דער פאַל, אַז פאַר אַ טרעגער פון דער נאָבעל-פּרעמיע פאַר פיזיק אָדער כעמיע זאָל אויך גלײַכצײַטיק אָנערקענט ווערן די שלום-פּרעמיע. די דאָזיקע השערה איז פאַלש שוין דערפאַר, ווײַל עס קומט נישט אָן דערויף, וואָס עס טראַכטן די, וועלכע לײַדן פון דער מלחמה, נאָר די, וואָס רופן-אַרויס די מלחמות. זיי וועלן זיך אָבער נישט אָפּשרעקן פאַר דער אימהדיקער ווירקונג פון די קריג-מיטלען, נאָר געשפּאַנט אויפ-האָרכן, צי ס'איז נישט אמאָל ענדלעך אַנטדעקט געוואָרן דאָס מיטל, וואָס וועט זיי מאַכן פאַר די הערשער פון דער וועלט.

עס קומט בכן אָן דערויף, אַז די קרבנות פון דער מלחמה, וואָס זענען תמיד געווען די לײַדנדיקע, פּאַסיווע, זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקטיווע, באַשטימנדיקע. אויך צו דעם האָט אלפרעד נאָבעל געפונען דעם שליסל אין א בריוו צו זײַנעם א ברודערן-זון, ווען יענער האָט אָפן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז זײַן פעטער וויל קויפן די שוועדישע צײַטונג „אַפטאָנבלאַ-דעט” נישט אויף צו שרײַבן שלום-פּראָפּאַגאַנדע, ווי ער פאַר-זיכערט, נאָר כדי צו פאַרטראַכטן זײַנע מאַטעריעלע אינטערעסן. דערויף האָט אלפרעד נאָבעל געענטפערט:

„עס ליגט אין מײַן טבע קיינמאָל נישט צו נעמען אין באַטראַכט מײַנע פּריוואַטע אינטערעסן. מײַן שטאַנד-פּונקט אַלס צײַטונג-באַזיצער וועט זײַן פאָלגנדיקער:

באַקעמפן באַוואָפנונגען און אַנדערע איבער־בלייבענישן פון מיטלאַלטער, און צו געבן אָנווייזונגען אַז די אויסאַרבעטונג פון וואפן, אויב זי געשעט דאָך, זאָל פאָרקומען אין אייגענעם לאַנד. ווייל אויב ס'איז פאַראַן אַן אינדוסטריע־צווייג, וואָס מוז זיין אומאָפּהענגיג פון דעם צופיר פון אויס־לאַנד, איז עס די פאַרטיידיקונג־אינדוסטריע, און היות שוועדן האָט וואפן־פאַבריקן, וואָלט עס געווען נאַריש און לעכערלעך זיי נישט צו האַלטן אין גאַנג. אויב איך וויל האָבן אַ צייטונג, איז עס נאָר דערפאַר, כדי צו ווירקן אויף די רעדאַקציע אין אַ זייער ליבעראַלן גייסט".

נאָבעלס זאַץ: „אויב ס'איז פאַראַן אַן אינדוסטריע־צווייג, וואָס מוז זיין אומאָפּהענגיק פון דעם צופיר פון אויסלאַנד, איז עס די פאַרטיידיקונג־אינדוסטריע", האָט געדאַרפט ווער די פאָדערונג פון אַלע פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקער אַזוי לאַנג ווי דער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע גיט זיך אַליין פאַנאַנדערצובלאָזן פּאָליטישע אַוואַנטורעס און עקספּערימענטן אין אַ „פיינטלעכן אָנגריף", וועלן זיך תמיד געפינען מיליאָ־נען מענער, וואָס וועלן אין דעם גלויבן און זיך נעמען פאַרטיידיקן זייער כלומרשט אָנגעגריפן לאַנד. ווען יעדער לאַנד פאַרטיידיקער וועט אָבער זיין אינפאָרמירט וועגן די די־ווידענדן און די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען פון דער וואָפן־אינדוסטריע, וועט ער פון זיך אַליין אַרויסשטעלן די פאָדע־רונג, אַז

1. וואָפן פון דער פאַרטיידיקונג זאָל נישט טאָרן אַרויסגעפירט ווערן,

2. פון דער לאַנד־פאַרטיידיקונג אַלס איינריכטונג פאַרן חויל פון דער עפנטלעכקייט טאָרן קיין רווחים נישט געצויגן ווערן.

וועלן די דאָזיקעביידע פאָדערונגען ווערן דער אַלגע־

מיין-אָנגענומענער פּרינציפּ אין יעדן לאַנד, וועלן מיר דעמאָלט זען, וואָס עס וועט נאָך דאַן בלייבן פון די „מלחמה-געפאַרן", מיט וועלכע מ'שרעקט די פעלקער. אַלפרעד נאָבעל וועט דורך דער דאָזיקער טענע פון זיין בריוו דערגרייכן דעם לעצטן ציל פון זיין שלום-פּרעמיע, אָבער נישט דורך יענער לעגענדאַרישער דערפינדונג, דורך וועלכער מ'קאָן אין איין רגע פאַרניכטן צוויי אַרמיי-קאָרפּוסן.

5. די פּרעסע און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דער וואָפן-אינדוסטריע.

יעדער פילט זיך אומבאַהאָלפן לגבי דעם פּראָבלעם נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט שווינדלערישע ידיעות, מיט וועלכע אַלע מלחמות הויבן זיך אָן. ווייל עס פאָדערט זיך אַ געוויסע דערפאַרונג אויף צו קאָנען פאַנאַנדערשיידן, אויף וויפל די געגעבענע ידיעה איז אַ שווינדל אָדער בלויז אַ טעות. וואָרום פאַלש זענען זיי אַלע. ס'איז כדאי צו לייענען דאָס בוך פון לודוויג בערנהאַרד מכוח די ציטונג-מאַכינאַציעס פון געוועזענעם קרופּ-דירעקטאָר הוגענבערג. מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז אָן דער פּרעסע פון דאָזיקן מאַן און זיינע גייסטיקע מקורבים אין אַנדערע לענדער וואָלטן קיין „קריג-סכנות" נישט געווען.

אַ פאַל פון דעם מין ווערט געשילדערט אין דעם ווערק פון אַן אַנאָנימען פּאַריזער שעף-רעדאַקטאָר („הינטער די קוליסן פון פראַנצויזישן זשורנאַליזם". 283 ז. בערלין 1925. דייטשע רונדשוי). עס האַנדלט זיך וועגן פאַל פון דער פּוטילאָוו-אַפּערע פון 1914. ער גיט וועגן דעם פאָלגנדיקע שילדערונג:

„אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געהעכערטע הוצאות פאַר באַוואָפנונג-צוועקן און אַלע רעקלאַמעס און פּראָספּעקטן האָבן שוין מער נישט געמאַכט קיין רושם, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג געפונען אַנדערע מיטלען אַרויסצוציען דאָס געלט פון דער קעשענע: זי האָט

דורך דער פּרעסע געלאָזט פאַרשפּרייטן ידיעות, וואָס שטאַמען כּלומרשט פון אויסלאַנד, וועגן מיליטערישע, כּלומרשט קעגן פראַנקרייך געווענדעטע, אָפּעראַציעס פון אַנדערע מלוכות, אָדער וועגן געוואַלדיקע קריג-הכנות פון אַנדערע לענדער. אַזעלכע מעלדונגען האָבן געוויינלעך טאַקע טיף באַאומרויקט די געמיטער און געוווּנען דאָס פאָלק און זיינע פאַרטרעטער לטובת די ווּנטשן און פּלענער פון דער רעגירונג. אַ מוסטערביישפּיל דערפאַר איז די פּוטילאָוו-אַפּערע.

דעם 27. יאַנואַר 1914 האָט דאָס „עקאָ דע פּאַרי“ געבראַכט אַ כּלומרשט פון פּעטערבורג דאַטירטע סענסאַציאָנעלע טעלעגראַמע: „דער קלאַנג, אַז די פּוטילאָוו-זאַוואָדן אין פּעטערבורג זענען אָפּגעקויפט געוואָרן דורך קרופּן, האַלט זיך ווייטער. אויב דאָס איז אמת מוז די ידיעה אַרויסרופן אין פראַנקרייך די גרעסטע אויפרעגונג. ס'איז באַקאַנט, אַז רוסלאַנד האָט פאַר איר אַרטילעריע גענומען די פראַנצויזישע האַרמאַטן און אַמוניציע-טיפּן. ביז איצט איז דער גרעסטער טייל פון דאָזיקן מאַטעריאַל אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די פּוטילאָוו-זאַוואָדן אונטער דער מיטווירקונג פון דער פראַנצויזישער קרעזאָ-געזעלשאַפט און פון דעם דורך איר קיין רוסלאַנד געשיקטן פראַנצויזישן פּערסאָנאַל“.

די דאָזיקע דעפּעשע האָט טאַקע אַרויסגערופן די גרעסטע באַאומרויקונג, דאָס פּובליקום, אומוויסנדיק און נאַריש ווי תּמיד, האָט געגלויבט, אַז דאָס געהיימעניש פון די פראַנצויזישע האַרמאַטן וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די פּרייסן. אינדערעמתן איז דאָס בכלל נישט געווען קיין סוד, ווייל די פראַנצויזישע פאַבריקן האָבן שוין זייט לאַנג געהאַט געליפערט די 75-מילימעטער-קאַנאָנען צו איטאַליע (וואָס האָט געהערט צום דריי-בונד) און צו בולגאַריע. מ'האָט אָבער געוואָלט געבן שטאָף דער פּאָליטישער אויפהעצונג, און קיין שום זאַך איז נישט אַזוי עלול צו באַשעפטיקן די עפנטלעכע מיינונג, ווי געהיימנישן אין האַנדל מיט געהיימנישן.

ס'האָט זיך בכן נישט געקאָנט האַנדלען נישט וועגן דעם, אַז עס זאָל אָפּגעהיטן ווערן דאָס געהיימניש פון די 75-מילימעטער-קאַנאָנען, וואָס איז דער גאַנצער וועלט באַקאַנט געווען, אויך נישט וועגן דעם, עס זאָל נישט צוגעלאָזט ווערן, אַז קרופּ זאָל ווערן אַ מחותּן מיט פוטילאָוון — ווייל ער איז עס שוין לאַנג געווען: די ידיעה האָט באַר געזאָלט מאַכן אַ דרוק אויף אַ גרופּע פראַנצויזישע בענק און זיי באַוועגן, אַז זיי זאָלן אויס „פּאַטריאָטיש-נאַציאָנאַלע געפילן" געבן מער געלט. און היות די דאָזיקע בענק האָבן דערצו נישט געהאַט קיין באַזונדערן חשק, האָט מען דעם קרופּ-טייוול אויס-געמאָלט אויף דער וואַנט!

אין דער אמתן האָט זיך די זאַך פאַרגעשטעלט אַזוי: די פוטילאָוו-זאַוואָדן, וואָס זענען נישט בכוח גע-ווען נאָכצוקומען די באַשטעלונגען פון דער רוסישער מלוכה, זענען זייט 1910 אַריינגעטרעטן אין אַן אינטע-רעסן-געמיינשאַפט מיט דער באַנק פון „אוניאָן פּאַריזיען", וועלכע האָט זיי געבאָרגט 24 מיליאָן, און אויך מיט שניידער פון די קרעזאָ-פאַבריקן, וועלכער האָט זיי גע-ליפערט פּלענער פון די 75-מילימעטער-האַרמאַטן, זיינע אינזשענירן און די נויטיקע טעכניקער, און אויך מיט קרופּ אין עסען, וועלכער האָט געשטעלט אין רשות די דערפאַרונגען פון דער דייטשער שווערער אַרטילעריע און זיינע זאַך-פאַרשטענדיקע מייסטערס.

מיר זעען דאָ, ווי פראַנצויזישע און דייטשע אינ-זשענירן און אַרבעטער האָבן אונטער דער אויפזיכט פון פאַרוואַלטונג-באַאַמטע און געלט-לייט, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געהערט צו דער גרופּע פון דער „אוניאָן פּאַריזיען" און אַ צווייטער טייל איז געשטאַנען נאָענט צו דער דייטשער באַנק, ברידערלעך געאַרבעט ביי האַר-מאַטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך שפּעטער געזאָלט שיסן צום טויט.

דער פראַנצויזישער אויטאָר באַהאַנדלט אויך די אפערע גאַנטאַרד און גיט־צו צו אונזער שילדערונג :

„דער באַריכט (וואָס גאַנטאַרד האָט געפּאָדערט אין „פיגאַראָ") איז אין דער פאָרם נישט אויפגענומען גע־וואָרן. דער ליגן איז געווען צו בולט און דאָס קריג־מיניסטעריום (פּאַריז) וואָלט אים באַלד געווען אָפּגע־לייקנט. דאַקעגן האָבן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער — נאַטירלעך גאַנץ צופעליק — אין „פיגאַראָ", „מאַטען" און „עקאָ דע פּאַרי" זיך באַוויזן אַ ריי אַרטיקלען וועגן די מעלות פון די פראַנצויזישע קוילן־וואַרפערס און וועגן דער איבערוואָג פון דער פראַנצויזישער אַרמיי־באַוואָפנונג, וואָס איז דורכדעם דערגרייכט געוואָרן. מיט דידאָזיקע צייטונג־נומערן אין דער האַנט האָט דער פּרייסישער דעפּוטאַט שמידט, אַ פאַרבונדעטער פון דער דייטשער שווער־אינדוסטריע, אינטערפּעלירט דעם רייכס־קאַנצלער און געשעפּעלט די פראַגע, וואָס די רעגירונג האָט בדעה צו טאָן, כדי צו רעאַגירן אויף די דאָזיקע פראַנצויזישע באַוואָפענונגען. פאַרבליפט און צוגלייך אָנגע־שראָקן האָט דער רייכסטאָג מיט אַ גרויסער מערהייט און אָן דיסקוסיע באַשטעטיקט די הוצאה אויף צו פאַר־גרעסערן די צאָל קוילן־וואַרפערס".

דער אַנאָנימער מחבר דערמאָנט דאָן אַ ווייטערדיקן פאַל, וואָס איז נוגע אונגאַרן, דעם „לייפשער־סקאַנדאַל", אין וועלכן דער „פיגאַראָ" האָט ווידער געשפּילט די ראָליע פון אַ פאַר־מיטלער.

אונזער רשימה פון מיט ראיות דערוויזענע פאַלן פון באַאיינפלוסן אויסלענדישע צייטונגען אין די אינטערעסן פון דער וואָפן־אינדוסטריע איז אַ ביסל מאָגער. דאָס איז קיין חידוש נישט, דען אַזעלכע זאַכן ווערן בעסער אָפּגעמאַכט אונטער פיר אויגן און קיינער קאָן וועגן דעם גאָרנישט דער־גיין. מ'קאָן אָבער דרייסט אָננעמען, אַז דאָ ווערן בולט די

באַרטעסטע נערוון פון בלוטיקן אינטערנאַציאָנאַל פון דער חאָפּן-אינדוסטריע. אַ באַגריף וועגן דער באַדייטונג פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג האָט אויך געהאַט דער פעלקער-בונד, ווען ער האָט אין יולי 1921 אין איינער פון זיינע סוב-קאָמיסיעס באַטראַכט פאָלגנדיקן פאָרשלאַג צום אַנטוואָפנונג-פּראָבלעם.

8. „די זעלביקע פּערזאָנען (ד. ה. די באַזיצער פון אַקציעס פון פּריוואַטע אַמוניציע-פאַבריקן) און אויך די פּריוואַטע אַמוניציע-פאַבריקן גופא און אויך זייערע פאַרוואַלטונג-מיטגלידער איז פאַרווערט צו ווערן באַזיצער פון צייטונגען, צו קאָנטראָלירן זיי אָדער צו האָבן אויף זיי אַ השפּעה“.

דערווייל איז דער דאָזיקער טרעפלעכער פאָרשלאַג באַגראָבן געוואָרן אין מאַסן-קבר פון 111 רעזאָלוציעס פון פעלקער-בונד צום אַנטוואָפנונג-פּראָבלעם.

אַלס הייל-מיטל קעגן די דאָזיקע חטאים פון דער פּרעסע גיט דער פראַנצויזישער אויטאָר די עצה „אַלע זשורנאַליסטן אויסצוהענגען“.

זענען נישט די דאָזיקע זשורנאַליסטן בלויז די אינטעלעקטועלע לאַנד-קנעכט פון די קאַנאָנען-קעניגן? און צו זיינען נישט זייערע באַוואָפנונגען, לויט אַ וואָרט פון ווינער סאָציאָלאָג רודאָלף גאָלדשייד, נאָר דער טערמאָמעטער, וואָס ווייזט דעם באַוואָפנונג-פיבער, איז אים אָבער נישט גורם? די זשורנאַליסטן ווערן אָבער גוט באַצאָלט דערפאַר, אַז זיי זאָלן דורך אָנהויבן די טעמפּעראַטור פון טערמאָמעטער נאָך הויבן.

די הערן און מייסטערס פון די דאָזיקע לאַנד-קנעכט פון דער פעדער באַקומען אָבער אַ חוץ מזומן-געלט נאָך אַנדערע זאַכן. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז קרופּ, דער גרויסער קרופּ, איז געווען אָפיציר פון העכסטן פראַנצויזישן אָרדן, פון ערן-לעגיאָן. אָפיציר פון פראַנצויזישן ערן-לעגיאָן איז אויך סיר באַזיל זאַכאַראָוו, דער ענגלישער קאַנאָנען-קעניג, „דער געהיימניספולער מאַן פון אייראָפּא“. ווי די פראַנצויזן רופן אים.

און געווען איז עס אויך דער רוסישער געהיים-ראַט אַרטור ראַפאַלאָוויטש, וועלכער האָט אין משך פון 20 יאָר פון פאַריז אויס באַאיינפלוסט די פראַנצויזישע פרעסע לטובת דער רוסישער מאַכט-שטעלונג. אויך אין דעם פּרט האָט געהערשט דער ענגסטער צוזאַמענהאַנג מיט דער וואָפן-אינדוסטריע. אַן אויספירלעכן אַרטיקל וועגן דעם, „די צאַרישע רעגירונג אַלס פרייגעביקער הויז-פריינט", ווו עס ווערן אָנגעגעבן אַלע סומעס, צייטונגען און פּערזאָנען, געפינט מען אין דעם דערמאָנטן ווערק פון אַנאָנימען פראַנצויזישן מחבר.

אַלפרעד קרופּ (דייטש),

אַרטור ראַפאַלאָוויטש (רוס),

באַזיל זאַכאַראָוו (אַקלימאַטיזירטער ענגלענדער, נאַטוראַליזירטער פראַנצויז) זענען בכן געווען אָפיצירן פון העכסטן פראַנצויזישן אָרדן פאַר פאַרדינסטן לטובת דעם אָרגאַניזירטן מאַסן-מאָרד פון די פעלקער אין די אינטערעסן פון דער געלט-שראַנק.

ב) די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפלעכטונג פון דער וואָפן אינדוסטריע בעת דער וועלט-מלחמה.

1. אָפּטישע אינסטרומענטן, שטאָל און אייזן, גומי, קופּער, ניקל.

אויב מ'האָט פאַר דער מלחמה זיך נישט צוריקגעהאַלטן צו ליפערן אפילו ביליקער ווי צום אייגענעם פאָטערלאַנד, דעם מעגלעכן שונא, האָט מען איצט אויך דעם דערקלערטן שונא געליפערט. דאָס האָבן געטאָן ביידע צדדים, סיי די אַנטאַנט און סיי די צענטראַל-מלוכות.

א מיליטער-מאַן האָט וועגן דעם פּערזענלעך געשטעלט אין אונזער רשות פאָלגנדיקע אויספירונגען:

„אין דער מלחמה איז געווען נאָר איין וואָפן-אינדוסטריע פון דער קאָאַליציע און אַמעריקע פון איין זייט און פון דייטשלאַנד און עסטרייך-אונגאַרן פון דער

צווייטער זייט. דער שאַרפער אונטערשייד צווישן דער לייטונג פון דער אינדוסטריע איןביידע לאַגערס איז געווען דער, וואָס די אַנטאַנטיסטישע אינדוסטריע איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן ענגלישן קריג-אַמט און וואָס די קאַפּיטאַלן זענען כמעט אַלע קאָנטראָלירט געוואָרן דורך זאַכאַראָוון (אין דער ווירקלעכקייט דורך דער באַנק אָף ענגלאַנד, סיר ערנעסט קאַסעל און מאָרגאַן-הויז). דאַקעגן אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָט די פירונג געהאַט די אינדוסטריע, וועלכע איז יעדנפאַלס געווען אין אַ ווייט ערגערן מצב ווי די אינדוסטריע פון דער אַנטאַנט, דען דייטשלאַנד האָבן באַלד אויסגעפעלט רוי-שטאָפן, וועלכע האָבן אונטער אַלע אומשטענדן געמוזט באַזאָרגט ווערן. דאָס איז אָפט מעגלעך געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס דייטשלאַנד האָט איבער נייטראַלע לענדער אַרויסגעפירט מיטלבאַרע מלחמה-מאַטעריאַלן, כדי זיי אויסצובייטן אויף וויכטיקע רוי-שטאָפן, ווי קויטשוק, פלאַנצן-פעטס, אייל, קופער. אַזוי-אַרום איז עס געקומען, אַז דער ענגלישער פלאָט איז אַוועק אין די סקאַגעראַן-שלאַכט מיט אָפּטישע אינסטרומענטן (firing - directors), וואָס זענען מיט זעקס חדשים פריער דורך דייטשע פירמעס קיין האָלאַנד געליפערט געוואָרן. אַזוי-אַרום איז עס ווייטער געקומען דערצו, אַז אונזערע דואַמאָן-שטורמער זענען געבליבן הענגען אויף דראָטן, וואָס די מאַגדעבורגער דראָט- און קאַבעל-הערק האָבן מיט צוויי חדשים פריער געהאַט געליפערט אין די שווייץ".

אין די ערשטע אַכט חדשים פון יאָר 1916 איז י ע ד ן חודש עקספּאָרטירט געוואָרן אין נייטראַלן אויטלאַנד 250.000 טאָן אייזן און שטאָל, דורכשניטלעך 150000 טאָן. דער אַרמיי-פאַרוואַלטונג האָט מען אָבער דערקלערט, אַז מען איז נישט בכוח צו ליפערן פאַר מיליטערישע דראָט-ווערק מיט 15000 טאָן שטאָל מער. דער שטאָל-ווערק-פאַרבאַנד האָט ליבער גע-

וואָלט צאָלן 5 מאַרק קנס פראָ טאָן, אײדער ליפערן שטאַכל־דראָט פאַר די דײטשע פאָטערלאַנד־פאַרטײדיקער. דען אױס־לאַנד האָט געצאָלט אַזעלכע הױכע פרײזן, אַז דער קנס איז געדעקט געוואָרן. די סטינעס־אונטערנעמונג אין דיפערדינגען איז אײנמאָל געכאַפּט געוואָרן בײ אַ זײער מיאוסער מעשה אין דעם פרט.

סטינעסן איז אָבער גאָרנישט, גאָרנישט געשען. ס׳איז אױך גאָרנישט געשען דער פירמע טיסען, װען מ׳האָט דער־שנאַפּט, אַז זי האָט בעת דער מלחמה פאַרקױפט האָלאַנד אײנפאַנטעריע־שוץ־שילדן פאַר 68 מאַרק, בעת דער דײטשער אַרמײ־פאַרוואַלטונג האָט זי זײ באַרעכנט מיט 117 מאַרק. אַן ענלעכער פאַל, װי מיט קרופּס אַמעריקע ביליקער פאַרקױפטע ביקלשטאָל־פאַנצערפּלאַטן! מ׳װײסט, װי דער אױסברוך פון אַ מלחמה מיט האָלאַנד האָט אין פרילינג 1918 געהאָנגען אױף אַ האָר. דאַן װאָלטן — װי אין דער שלאַכט בײ קעניגרעץ די זעלביקע הױביצן — אױף בײדע זײטן געשטאַנען די זעל־ביקע אײנפאַנטעריע־שוץ־שילדן. די האָלענדער װאָלטן זײ נאָר געהאַט ביליקער.

װען „אינדוסטריוס" האָט די דאָזיקע אָפּערע אַרומגערעדט אין „סאָציאַליסט", האָט די פירמע טיסען געדראָט מיט רכילות־אָנקלאַגע. דאָס איז קײנמאָל נישט געשען. טיסען האָט זיך געהאַלטן פאַר גערעכטפערטיקט דורכדעם, װאָס דאָס פרײסישע קריג־מיניסטעריום האָט איר שפּעטער אַראָפּגענומען 100000 מאַרק קנס און האָלאַנד האָט געליפערט 3000 פערד.

דעם בולטסטן בײשפּיל פון דער דאָזיקער חברותא פון דער דײטשער שװער־אינדוסטריע מיטן „ערב־פײנד" בעת דער מלחמה שילדערט אַרטור סאַטערנוס אין זײן װערק, די שװער־אינדוסטריע אין און נאָך דער מלחמה" (בערלין, פיכטענוי 1920):

„דײטשער שטאָל אין פײנטלעכן לאַנד.
אָבער דאָס פײנלעכסטע אין עקספּאָרט פון דײטשן שטאָל

איז געווען דער פאַקט, וואָס ער איז נישט געבליבן באַגרענעצט בלויז אויפן נייטראַלן אויסלאַנד. ס׳האָט במעט גאָרנישט עקזיסטירט קיין קאָנטראָל, צי דייטש אייזן איז דורך די נייטראַלע לענדער נישט ווייטער אַרויסגעפירט געוואָרן אין די מלחמה-פירנדיקע פיינטלעכע מלוכות. דאָרט ווו עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון אַזאַ קאָנטראָל, האָט זי לחלוטין גאָרנישט אויפגעטאָן.

און איצט מוז מען נעמען אין אַכט די לאַגע פון פראַנקרייך און איטאַליע. פראַנקרייך איז דורכן דייטשן אריינמאַרש באַרויבט געוואָרן פון די וויכטיקסטע ערץ-לאַגערס און הוטעס. איטאַליע איז פון תמיד אָן געווען אָנגעוויזן אויפן אַריינפיר פון אייזן. אַ גרויסן טייל פון אייזן און שטאָל, וואָס דידאָזיקע ביידע מדינות האָבן געברויכט צו דער מלחמה-פירונג, האָט אַמעריקע געמוזט ליפערן אין אַ צייט, ווען די דייטשע אונטערוואַסער-שיפלעך האָבן שוין געהאַט שווער באַדראָט די זיכערקייט פון די וואַסער-וועגן. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז מ׳האָט דעם שטאָל און דאָס אייזן גענומען נאַטירלעך דאָרט, ווו מ׳האָט עס געקאָנט באַקומען.

אַ פאַקט איז, אַז בעת דער מלחמה זענען דייטש אייזן און דייטשער שטאָל אַריינגעקומען אין די פיינטלעכע לענדער און דערמיט געבראַכט נוצן זייער מלחמה-פירונג. ס׳איז דערביי אַלץ-איינס, צי דאָס דאָזיקע אייזן איז אַלס אייזן ווידער געשמאָלצן געוואָרן אין די פראַנצויזישע פאַבריקן, כדי דערנאָך אפשר אין דער פאָרם פון גראַנאַטן אויסצוהרגענען דייטשע סאָלדאַטן, אָדער צי דאָס דייטשע אייזן איז אויף אַן אַנדערן אופן פאַרווענדעט געוואָרן, צום בוי פון האַרמאַטן-געשטעלן, אָדער אויף צו גיסן באַנשינעס. פון דאָס אייזן, וואָס איז פאַרווענדעט געוואָרן

אלס שוץ-וואָפן אָדער פאַרן מיטלבאַרן מלחמה-דינסט האָט אין די פיינטלעכע לענדער, וואָס האָבן געליטן פון אַ דוחק אין אייזן, פריי-געמאַכט דאָס איבעריקע אייגענע אייזן פון דער זאָרטיקער אויסאַרבעטונג פאַר דער מלחמה-פירונג און בכן מיטגעהאָלפן דערצו, אַז עס זאָל קעגן דייטשלאַנד וואָס מער כלי זיין קאָנען געשמידט ווערן. ס׳האָט דעריבער קיין שום ממשות נישט, ווען די שווער-אינדוסטריע וואַרפט-אָפּ דעם פאָרוווּרף, אַז זי זאָל דייטש אייזן אויף אויכצואַרבעטן פיינטלעכן געווער האָבן דירעקט אַרייַנגעבראַכט אין פיינטלעכן לאַנד, אין יעדן פאַל טראָגן זיי די מיטשולד, וואָס דאָס פיינטלעכע אויסלאַנד איז ביים פאַרזאָרגן זיך מיט וואָפן אונטערגעשטיצט גע-וואָרן דורך זייער אַרויספיר-פּאָליטיק.

נאַטירלעך דאַרף מען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן אַזוי, אַז דייטשע פירמעס אָדער דייטשע מאַכט-אָרגאַנען האָבן טראַנספּאָרטירט דירעקט קיין פראַנקרייך אָדער איטאַליע. אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש דערפאַר, ווי אַזוי עס זענען צוגעגאַנגען די דאָזיקע טראַנספּאָרטן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אָן ווילן פון די דייטשע פאַרקויפער, אָבער שולדיק זענען זיי דאָך געווען דורך זייער פאַרברעכערישן גייעג נאָך רווחים, איז אַן אינ-צידענט, וואָס איז מיט אַ קורצע צייט צוריק באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער פרעסע. דערביי איז דערציילט געוואָרן, אַז צוויי פראַנצויזישע אייזן-אימפּאָרט-פירמעס האָבן דערקלערט, דאָס בלויז אין משך פון דער מלחמה האָבן זיי פון דער שווייץ קיין פראַנקרייך אַריינגעפירט 60000 טאָן דייטשן שטאָל. דערביי איז די דאָזיקע דערקלערונג פון קיינעם נישט קוועסטיאָנירט געוואָרן. אין דעם זעלביקן אַרטיקל איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז בעת דער מלחמה זענען אין דער שווייץ איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע ווערקשטעלן, וואָס זייער עובדא איז געווען צו באַזייטיקן די דייטשע פירמע-צייכנס

אויפן דייטשן וואַלץ-שטאָל, וואָס האָט געזאָלט אַרויס-געפירט ווערן קיין פראַנקרייך.

אויב די דאָזיקע גביית-עדות קאָן געשטעלט ווערן אין ספק, ווייל זי קומט פון אַ פראַנצויזישן מויל און ווייל מ'קאָן אפשר זאָגן, אַז פראַנצויזישע פירמעס האָבן ווילנדיק זיך באַרימען מיט זייער פּאַטריאָטיזם, פאַררופן זיך אויף זייערע אויפטוען בעת דער מלחמה, מוז דערצו פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אויך די שווייצער עפנטלעכקייט האָט בעת דער מלחמה זיך באַשעפטיקט מיטן אַרויספיר פון דעם דאָרט אַריינגעפירטן דייטשן אייזן קיין פראַנק-רייך. אין הערבסט 1917 האָט די שווייצער מאַשינען און טעקסטיל-אינדוסטריע זיך געווענדעט צום בונדעס-ראַט מיט אַ מעמאָריאַל, וועגן וועלכן די „ציריכער פּאָסט" האָט געמעלדעט אָט-וואָס:

„דערווירטשאַפטלעכער קריג צווישן דיביידע גרופּעס פון מלוכות דערגענטערט זיך באַשיינפּערלעך צו זיין העכסטן פּונקט. דער ווירטשאַפטלעכער פאַרזאָרגונג פון אונזער לאַנד דראָט בקרוב די סכנה דערדריקט צו ווערן פון צווי מיל-שטיינער. די פאַרבונדעטע האָבן אַ פּנים אָנגענומען שריטביים אַרויספיר-טרוסט, אַז אויסגלייך-סחורות זאָלן ווייניק אָדער בכלל נישט קומען קיין דייטשלאַנד. דער מעמאָריאַל פון דער מאַשינען-און טעקסטיל-אינדוסטריע צום בונדעס-ראַט ווייזט-אָן דערויף אַז דייטש אייזן איז אין גרויסע סכומים געגאַנגען פון דער שווייץ קיין פראַנקרייך. צוויי נאַציאָנאַל-ראַטן אַלס פאַרטרעטער פון בונדעס-ראַט פאָרן אין די נאָענטסטע טעג אָפּ קיין פּאַריז, כדי אויסצופועלן אויסגלייך-סחורות".

פון דער דאָזיקער נאָטיץ ווערט קלאָר, אַז די שווייץ האָט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן פאַרזאָרגט צו ווערן מיט אייזן פון דייטשלאַנד, אַז זי האָט עס ווייטער עקספּאָרטירט, בעת די קלוגערע אַנטאַנט-מלוכות האָבן

איר געמאַכט גרויסע שוועריקייטן, ביז זי האָט באַקומען דערפאַר אַנדערע סחורות.

אַזוי ווי דאָס דאָזיקע גבית-עדות שטאַמט נאָך פון דער מלחמה-צייט, ווען די שווער-אינדוסטריע נישט קאָנען אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז זי האָט מיט איר געוויסנלאָזער אַרויספיר-פּאָליטיק מיטגעהאָלפן דעם שונא צו פאַרזאָרגן זיך מיט מלחמה-מאַטעריאַלן.

ס׳איז ווייטער באַקאַנט, אַז אויך די דייטשע רעגירונג האָט נאָך בעת דער מלחמה געוווּסט וועגן די דאָזיקע מאַכינאַציעס. דעם קריג-מיניסטעריום איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז איבער דער שווייץ זענען אין באַדייטנדיקע סכומים געגאַנגען שינעס קיין פראַנקרייך און איטאַליע. ס׳האָט דעריבער דורך איינעם פון אירע פאַרטרעטער אָנגעפרעגט, צי דער אַרויספיר פון שינעס פון דער שווייץ וואָלט נישט געקאָנט פאַרווערט ווערן. דער ענטפער איז געווען, אַז ניין, מחמת דייטשלאַנד גופא האָט צוגעלאָזט דעם עקספּאָרט פון שינעס פון דעם אייגענעם לאַנד.

ס׳איז בכן קלאָר, אַז די שווער-אינדוסטריע איז בעת דער מלחמה באַגאַנגען אַ בגידה לגבי דעם פאָלק".

אַזוי פיל סאַטערנוס וועגן אייזן.

די קעגנערישע צד, ד. ה. די אַנטאַנט האָט איבער די ייטראַלע לענדער געליפערט דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע גומי, באַשטימטע איילן, ספּעציעלע מעטאַלן, באַזונדערס קופּער. דען די עקספּאָרטערן פון דער אַנטאַנט האָבן פון דעם אויספאַלנדיק-גרויסן באַדאַרף פון די אָפּנעמער געמוזט דריגגען, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מלחמה-מאַטעריאַל פאַר זייערע שונאים. פּונקט ווי די דייטשע סאָלדאַטן זענען געבליבן הענגען אין שטאַכל-דראָט, וואָס איז געליפערט געוואָרן פון דייטשלאַנד, אַזוי זענען אויך די ענגלישע סאָלדאַטן צעריסן געוואָרן פון גראַנאַטן, וואָס זייערע קופּערנע רינגען

האָבן די דייטשן איבער נייטראַלע לענדער געהאַט דערהאַלטן פון די רוי-שטאָף-זאַפּאַסן פון דער אַנטאַנט.

דער ענגלישער אַדמיראַל וו. פּ. קאָנסעט („דער נצחון פון די ציוויל-קרעפטן") ווייזט-אויף מיט אַ ביישפּיל פון דעם אַרויספיר פון ניקל אין די שווייץ, ווי אַזוי די אַנטאַנט האָט געשטאַרקט אויך דייטשלאַנדס אוממיטלבאַרע וואָפן-אינדוסטריע.

אַרײַנפיר פון ניקל קיין שוועדן.

	1913	1914	1915	1916
בסך-הכּל	150 טאָן	136 ט.	504 ט.	140 ט.
פון ענגל. און אירע קאָל.	27 ט.	60 ט.	328 ט.	78 ט.

דער ענגלישער אַדמיראַל גיט-צו צו דער דאָזיקער טאַבעלע:

„1915 האָט בכן גרויס בריטאַניע אַרויסגעפירט קיין שוועדן צוויי מאָל אַזויפיל ניקל ווי אין די פריערדיקע יאָרן צוזאַמען. פון דעם בסך-הכּלדיקן אַרײַנפיר פון 504 טאָן אין יאָר 1915 קיין שוועדן זענען 70 טאָן ווייטער אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. דער גרעסטער טייל פון אַלגעמיינעם אַרײַנפיר איז געגאַנגען דורך אונז אין די אינטערעסן פון דייטשלאַנד, דען אויך די איבעריקע 434 טאָן זענען פאַרווענדעט געוואָרן אין שוועדן גופא אין אַמוניציע-פאַבריקן.

2. דער פאַל פּאָסעהל

דער ליבעקער סענאַטאָר פּאָסעהל האָט דאָס קליינע אייזן-געשעפט פון זיין פאָטער געהאַט אַנטוויקלט צו אַ וועלט-אונטערנעמונג, וועלכע האָט אַרומגענומען די ערץ-לאַגער פון שוועדן און נאָרוועגן. „אַזוי האָט ער קאָנטראָלירט די גאַנצע ערץ-און שטאָל-פּראָדוקציע פון צפון, איבערגענומען די פּאָד-קאָווס- און קאָקס-פאַבריקן אין רוסלאַנד און פאַרברייטערט דאָס אָפּזאַץ-געביט פון זיינע אונטערנעמונגען איבער די פאַרשיידנסטע לענדער פון אייראָפּע, אַזיע און אַמעריקע". (דר.

פאָן גארהאַן אין אַ לייט-אַרטיקל פון „בערלינער טאַגעבלאַט" № 6 1925 פון 4. יאַנואַר). די מלחמה איז אויסגעבראָכן. זיינע אַקציעס האָבן אים געגעבן אַ מאָסגעביקע השפעה אויף די שוועדישע און ר ו ס י ש ע פאַבריקן. „די שוועדישע פאַבריקן האָבן פאַר די רוסישע פאַבריקן געליפערט דאָס רוי-מאַטעריאַל". פאָסעהל האָט געפרוווט צו לעזן „דאָס דאָזיקע אומגעהייער שווערע פּראָבלעם" לויט זיינע בעסטע מעגלעכקייטן אַלס דייטש און סוחר.

דער מיליטערישער מאַכט און דעם רייכס-געריכט איז דאָס פאָרגעקומען ווי אַ מלוכה-פאַרראַט. פאָסעהל איז אַ יאָר געזעסן אין אויספאָרשונג-אַרעסט, איז אָבער נאָך אַ פּראָצעס, וואָס האָט געדויערט מערערע וואָכן, באַפרייט געוואָרן. דער פסק-דין האָט געזאָגט: „נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה מיט רוסלאַנד איז פאָסעהל געשטאַנען פאַר דער פראַגע, צי ער זאָל, ביי דער מעגלעכסטער פאַרמיידונג פון רעגירונג-ליפערונגען, אויפהאַלטן די אַרבעט אין די פאַבריקן און דורכדעם פאַרהיטן דערפון, אַז זיי זאָלן רעקווירירט ווערן דורך דער רוסישער רעגירונג. אָדער ער זאָל די אַרבעט אָפּשטעלן און דערלאָזן דערצו, אַז די פאַבריקן זאָלן זיכער תיכף רעקווירירט ווערן. אויב ער האָט זיך ביי אַזאַ מצב אַנטשידן אויף דאָס ערשטע, הגם עס האָט דערביי געדראָט די סכנה, אַז געוויסע סכומים פון שטאָל, וואָס קאָנען פאַרווענדעט ווערן צו מלחמה-צוועקן, זאָלן קומען קיין רוסלאַנד, איז אָבער די אונטערשטיצונג פון רוסישן קריג-מיניסטעריום, וואָס איז דורכדעם אַרויסגעקומען, יעדנפאַלס קלענער, ווי זי וואָלט געווען דעמאָלט, ווען די אַרבעט וואָלט אָפּגעשטעלט געוואָרן און די פאַבריקן וואָלטן אַריבער אין די הענט פון דער רוסישער רעגירונג, וואָס עס וואָלט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרווענדן די פאַבריק-איינריכטונגען אויף אויסצואַרבעטן מלחמה-מאַטעריאַלן. דעריבער קאָן דאָ קיין רייד נישט זיין דערפון, אַז פאָסעהל האָט דורך זיין פאַרהאַלטן זיך געהאָלפן דער פיינטלעכער מלוכה".

פּאָסעהל איז נישט בלויז באַפרייט געוואָרן, נאָר מיט גרויס כּבוד אויפגענומען געוואָרן דורכן ליבעקער סענאַט און דורכן קייזער הערצלעך באַגריסט געוואָרן.

דער פאַל פּאָסעהל באַווייזט דורכן רייכס-געריכט, אַז אין דער וועלט-מלחמה איז דורך אַ דייטשן מלוכה-בירגער צוגעפירט געוואָרן אייזן אויך צום שונא קיין רוסלאַנד, פּונקט ווי דאָס איז געשען אין דרום איבער די שווייץ קיין פראַנקרייך. דער סענאַטאָר פּאָסעהל האָט דאָך דאָס פּראָבלעם צווישן דייטש און שונא געקאָנט פאַרענטפערן אויך אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל דעם שטאָל, וואָס איז געווען אונטערגעזאָרפן זיין קויפמענישער מאַכט, אָפּגעבן דייטשלאַנד אַנשטאָט רוסלאַנד! דען די דייטשע העכסטע אַרמיי-לייטונג האָט זיך אין דעם שטאָל זייער גענויטיקט.

3. „דער אינטערנאַציאָנאַל פון דינאַמיט"

פון אַלע אויפרייס-שטאָפן האָט דער דינאַמיט פון אייביק אָן געהאַט דעם געפערלעכסטן קלאַנג. די וויסנשאַפט און די מלחמה-טעכניק האָבן דעם דינאַמיט שוין לאַנג איבערגעיאָגט, אָבער די באַגלייט-דערשיינונג ביי זיין אויסאַרבייטונג, אויף וויפל דאָס איז נוגע דער אינטערנאַציאָנאַלער קויפמענישער אויסנוצונג, זענען גאַנץ באַזונדערס באַלערנדיק פאַרן צוועק פון אונזער באַטראַכטונג וועגן דער סאָלידאַריטעט פון דער וואָפן-אינדוסטריע בעת דער מלחמה.

די וואָפן-אינדוסטריע האָט נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל בעת דער מלחמה וועגן דעם אַ סך גערעדט ווערן.

ווילהעלם מעלער אין האַמבורג האָט פונדעסטוועגן אין יאָר 1915 געפּרוווט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם. זיין אַרטיקל איז דורך דער דייטשער צענזור פאַרווערט געוואָרן. אין אויגוסט 1919 האָט ער אין אַ פלוג-שריפט, וואָס איז דערשינען אין זיין אייגענעם פאַרלאַג, צונויפגעשטעלט וועגן דעם די ווייטערדיקע באַאָבאַכטונגען. דעם וויכטיקסטן אינהאַלט פון דער דאָזיקער פלוג-שריפט און אַ דערגענצנדיקן אַרטיקל פון

דעם ארבעטער-פירער אָטאָ הוּע אין „פאָרווערטס" (בערלין 3. אָקטאָבער 1917, № 269) ברענגען מיר אין אנעקס.

ווייטער ברענגען מיר די אַנאָנס פון „האמבורגער פרעמדן-בלאַט" פון שבת, דעם 15. מאַי 1915. פון די אַריינפיר-ווערטער שטעלט זיך אַרויס, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער דינאַמיט-טרוסט האָט, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס פיינטלעכע אייגנטום, „מיט דער דערלויבעניש פון די רעגירונגען פון ביידע צדדים", אויסגעפּועלט פאַר זיך אַן אויסנאַם-באַהאַנדלונג.

די אַנאָנס האָט פאָלגנדיקן נוסח:

אויסטויש פון שטאַם-אַקציעס (ordinary shares) פון דער נאָבעל דינאַמיט-טרוסט קאָמפּאַני, לימיטעד, לאָנדאָן אויף אַקציעס פון דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל עט קאָמפּ., האַמבורג.

מיט דער דערלויבעניש פון די רעגירונגען פון ביידע צדדים איז, באַוואָרענענדיק זיך די צושטימונג פון די גענעראַל-פאַרזאַמלונגען, צווישן די פאַרוואַלטונגען פון די דייטשע אויפרייס-שטאָף-געזעלשאַפטן: פון דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל עט קאָמפּ. האַמבורג, פון דער דייטשער אויפרייס-שטאָף-אַקציען-געזעלשאַפט, האַמבורג, פון דער רהיינישער דינאַמיט-פאַבריק, קעלן, פון דער דרעזדענער דינאַמיט-פאַבריק, דרעזדען, וועלכע האָבן ביז איצט אָנגעהערט צו דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, לאָנדאָן, פון איין זייט און צום באָרד פון דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, פון דער אַנדערער זייט, געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, וואָס זיין צוועק איז פולשטענדיק אָפּטיילן די פריער דערמאָנטע דייטשע אויפרייס-שטאָף-געזעלשאַפטן פון די ענגלישע אויפרייס-שטאָף-געזעלשאַפטן, וואָס זענען פאַרייניקט אין

דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, מיט צו-ריקווירקונג פון 1 יאַנואַר 1904 און וואָס זעט-פּאָר אַן אויסטויש פון די שטאַם-אַקציעס (ordinary shares) פון דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, וואָס געפינען זיך אין דייטשלאַנד, אויף אַקציעס פון דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל עט קאָמפּ., האַמבורג.

צו דעם צוועק וועט די דינאַמיט-אַקציען-געזעל-שאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל קאָמפּ. מוזן העכערן איר אַקציען-קאַפּיטאַל אויף 36000000 — מאַרק כּדי די באַ-זיצער פון די שטאַם-אַקציעס (ordinary shares), פון דער נאָבעל-טרוסט-קאָמפּאַני, וואָס געפינען זיך אין דייטשלאַנד, מעגלעך צו מאַכן דעם אויסטויש פון יעדע 50 פ. שט. אויף אַן אַקציע פון נאָמינאַל — 1000 מאַרק פון דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל, האַמבורג.

דער ווייטערדיקער פאַרבאַדינג פאַר דער דורכפי-רונג פון דער דאָזיקער סעפּאַראַציע איז דאָס אַריינ-טראָגן מינדעסטנס נאָמינאַל 1500000 פ. שט. שטאַם-אַקציעס (ordinary shares) פון דער נאָבעל-טרוסט-קאָמ-פּאַני, לימיטעד, בעת אַלס מאַקסימאַל-סומע קאָנען נאָך 1800000 פ. שט. אויסגעטוישט ווערן.

די דייטשע אַקציאָנערן פון דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַניע, לימיטעד, וואָס ווילן פון דאָזיקן אויסטויש מאַכן אַ געברויך, ווערן געבעטן זייערע שטאַם-אַקציעס (ordinary shares) אָנצומעלדן צום אויסטויש און אַריינצוטראָגן

פון פרייטאָק, ד. 14. מאַי 1915 אָן

אין האַמבורג ביי דער נאָרד דייטשער באַנק אין האַמבורג, אין בערלין ביי דער דירעקציע פון דער דיסקאָנטע-געזעלשאַפט, אין קעלן ביי דעם

אַ. שאַפּפּהויזנשען באַנק-פּאַריין און ביי דער באַנק-הויז אַ. לעווי

מיט אַן אַריטמעטיש געאָרדענטן נומערן-פאַרצייכעניש. פאָרמולאַרן צו די נומערן-פאַרצייכנישן קאָן מען באַקומען אין די אויסטויש-שטעלן.

אַנשטאָט שטאַם אַקציעס (Ordinary shares) קאָנען אויך מיט די נומערן-פאַרצייכענישן אָפּגעגעבן ווערן דעפּאָזיט-שיינען פון דאָמיצילירנדיקע בענק אין דייטשלאַנד, לויט וועלכע די באַטרעפנדיקע באַנק האַלט די אַקציעס צו יעדערצייטיקער דיספּאָזיציע פון דער אָנמעלדונג-שטעלע.

די שטאַם-אַקציעס (Ordinary shares) פון דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, מוזן אַריינגעגעטראָגן ווערן מיט דיווידענד-שיינען № 30 פאַרן געשעפט-יאָר 1914—15 א. וו.; די אַקציעס פון דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל עט קאָמפּ., ווערן געליפערט מיט דיווידענד-שיינען פאַרן געשעפט-יאָר 1915 א. וו. צוזאַמען מיט אַ מזומן-צאָלונג פון — 120 מאַרק פאַר יעדער אַקציע פון נאָמ. — 10000 מאַרק אַלס פאַרגיטיקונג פאַרן געשעפט-יאָר 1914. דער שלוס-נאָטן-שטעמפּל גייט אויפן חשבון פון אויס-טוישנדיקן.

אין דער ערשטער ליניע ווערן פאַרן אויסטויש גענומען אין באַטראַכט די שטאַם-אַקציעס (Ordinary shares) פון דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, וואָס טראָגן דעם דייטשן שטעמפּל און געפינען זיך אין דייטשלאַנד און אויך זיי חידער אין דער ריי, אין וועלכער זיי זענען צום אויסטויש אָנגעמעלדעט געוואָרן. די אַקציעס, וואָס געהערן צו דייטשן און טראָגן נישט דעם דייטשן שטעמפּל, ליגן אין אויסלאַנד אָדער זענען אין די רעגיסטערס פון דער געזעלשאַפט אַריינגעטראָגן אויפן נאָמען פון די באַזיצער, קאָנען ערשט אין דער

צווייטער ליניע אין דער ריי פון דייער אָנמעלדונג געבראַכט ווערן אין באַטראַכט. דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אַזעלכע אַקציעס מוז איבערגעגעבן ווערן דער נאָרד דייטשער באַנק אין האַמבורג. דער אויסטויש פון אַזעלכע אַקציעס און די אויסצאָלונג פון די — .120 מאַרק פאַר יעדער אַקציע קאָנען ערשט פאָרקומען נאָך זייער עפעקטיווער ליפערונג. צוליב דעם, וואָס עס קאָנען אָנגענומען ווערן צום אויסטויש נישט מער ווי —, —, 1.800.000 פ. שט. שטאַם-אַקציעס (Ordinary shares) פון דער נאָבעל-דינאַ-מיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, אין לאָנדאָן, האָבן די אָנמעלדונג-שטעלן דאָס רעכט צו יעדער צייט צו שליסן דאָס אָננעמען שפּעטסטנס דעם 26. מאַי 1915.

אויב דער אָפּמאַך וועט ביזן סוף יולי ד. י. דורך די גענעראַל-פאַרזאַמלונגען נישט באַשטעטיקט ווערן, האָבן די באַזיצער פון די צום אויסטויש אָנגעבאָטענע שטאַם-אַקציעס (Ordinary shares) פון דער נאָבעל-דינאַ-מיט-טרוסט-קאָמפּאַני, לימיטעד, דאָס רעכט צוריקצוציען זייער איינשטימונג.

די בערזע-נאָטיץ פאַר די אַקציעס פון דער דינאַ-מיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל עט קאָמפּ., וועט פאָרגעשטעלט ווערן נאָכן צושטאַנד-קומען פון געפּלאַנטן אויסטויש.

האַמבורג, אין מאַי 1915.

נאָרדדייטשע באַנק אין האַמבורג.

מ'דאַרף אָננעמען, אַז אויך אין ענגלאַנד איז אַן ענלעכער אויפרוף פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

ב) די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפלעכטונג פון דער וואָפן-אינדוסטריע נאָך דער וועלט מלחמה.

1. אַלגעמיינעס.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דער וואָפן-אינדוסטריע נעמט נאָך דער וועלט-מלחמה ווערן נאָך פעסטער. ביז צו דער וועלט-מלחמה האָט עס זיך געהאַנדלט דער עיקר נאָר וועגן אַ סאָלידאַריטעט בנוגע די פּראָדוקטן פון די וואָפן-פאַבריקן. איצט ווערט געשאַפן אַ סאָלידאַריטעט אויך בנוגע די רוי-שטאָפן, פון וועלכע דאָס כּלי-זיין און דאָס מלחמה-מאַטעריאַל ווערן ערשט אויסגעאַרבעט — ד. ה. בנוגע דער אורפּראָדוקציע. ווייטער ברעכט זיך אויך דורך אַ וועג אַ סאָלידאַריטעט בנוגע די פאַבריקאַציע-מעטאָדן.

„דער באַגריף „וואָפן-אינדוסטריע" פאַר דער מלחמה איז דורכאויס אַן אַנדערער, ווי ער איז היינט געוואָרן. פאַר דער מלחמה האָט מען אונטער „וואָפן-אינדוסטריע" פאַרשטאַנען די פאַבריקאַציע פון שיס-כּלי-זיין, אַמוניציע און אַנדערע מיליטערישע באַוואָפנונג-זאַכן, מ'האָט גאָר-נישט געקלערט וועגן אַריינגעמען אין באַגריף „וואָפן-אינדוסטריע" אַנדערע אינדוסטריעלע צווייגן, וואָס האָבן מיט דער מלחמה-פירונג געהאַט אַ זייער נאָענטע שייכות, ווי, למשל, די אייזנבאַן-באַדאַרף-אינדוסטריע. דאָס איינ-ציקע לאַנד, וואָס האָט בכלל אָנגענומען מיטלען, אַז אירע אייזנבאַנען זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַן עווענטועל אַריינדרינגנדיקן שונא, איז געווען רוסלאַנד, וועלכעס האָט נאָך לכתחילה געהאַט איינגעפירט אַ ברייטערע באַן-ליניע, ווי אין די איבעריקע אייראָ-פּייאישע לענדער.

די מלחמה האָט באַוויזן, אַז אין דער באַוואָפנונג פון אַ קריג-פירנדיקער מלוכה זענען באַטייליקט כּמעט אַלע אינדוסטריען און קאָנען אין אַ גרויסער מאָס ביי-

איר פאַרדינען. די אַנטוויקלונג פון דער מלחמה-קונסט האָט דערפירט דערצו, אַז קודם-כל מוזן די כעמישע און אייל-פאַראַרבעטנדיקע אינדוסטריע גערעכנט ווערן אַ/ס דירעקט צו דער וואָפן-אינדוסטריע אָנגעהעריקע. פונקט אַזוי געהערן צו איר אַלע צעל-שטאָף-פאַבריקן, די ברוין-קוילן- און שטיין-קוילן-גראָבנס, די גאַנצע שווער-אינדוסטריע, די אָפּטישע און די עראָפּלאַנען-אינדוסטריע. אונדירעקט פאַלן אויך אַלע אינדוסטריען, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער פאַרקער-טעכניק, אַרונטער אונטער דער "וואָפן-אינדוסטריע" (צושריפט פון אַ מיליטער-מאַן).

2. די רעוואָלוציע פון דער קריג-קונסט.

אַ מיליטערישער פאַכמאַן האָט פאַרן דאָזיקן ווערק צוגעשטעלט פאָלגנדיקע אויספירונגען:

די דיפּלאָמאַטן און געלערנטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די אַנטוואָפנונג-פראַגן, און אויך די פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן, מלחמה- און שלום-פּריינט פון אַלע לענדער האָבן בכלל נישט גענומען אין באַטראַכט אַן אומגעהייער וויכטיקן אומשטאַנד. די וועלט-מלחמה, קודם-כל אָבער די אַנטוויקלונג נאָך דער וועלט-מלחמה, באַווייזט, אַז אַ צוקונפטיקע מלחמה וועט מער נישט געפירט ווערן מיט ביקסן, קוילן-וואַרפערס און קאַנאָנען, נאָר מיט אַנדערע מיטלען.

פונקט אַזוי ווי לויט קלויזעוויצן איז די מלחמה דער המשך פון דער פּאָליטיק מיט אַנדערע מיטלען, אַזוי וועט אַ נייע איראָפּייאישע אָדער איטערנאַציאָנאַלע פאַרוויקלונג זיין דער המשך פון דער וועלט-מלחמה מיט אַנדערע מיטלען.

אונזערע רייכסטאָג-דעפּוטאַטן, וואָס, ווי הער ברעדט (400. זיצונג פון A 31412 15. III 28), שאַצן אָפּ די קאַוואַלעריע, וואָס די צנטאַנט האָט פאַר אונז אַנערקענט, פאַר אַ הויך-ווערטיקן וואָפן, מאַכן חוזק פון זיך אַליין. די דאָזיקע

קאַראַלעריע איז נאָר געווען הער פּאַסס אַ שלעכטער וויץ. זי איז טייער און פאַרמינדערט דעם געפעכט-ווערט פון דער רייכס-ווער פון 100000 מאַן אויף נאָך אַ פּאָר פּראָצענט. די פראַגע, צי לאַנג אָדער נישט לאַנג, איז פונקט אַזוי אַקטועל, ווי די פראַגע, צי מיר זאָלן אָנשטאָט די קוילן-וואַרפערס בעסער נישט איינפירן באַליסטן און קאַטאַפּולטן פון אַרכימעדעסן זכרונו-לברכה.

דער דאָזיקער פּרט דאַרף נאָר בולט באַווייזן, אַז ביי אונז שטעלט מען זיך בכלל נישט פאָר, אַז די קריג-קונסט איז פאַרענדערלעך.

די איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר, איז פון אַזאַ באַדייטונג, ווי די איינפירונג פון פייער-וואָפן. די ריטער-חיילות זענען באַזיגט געוואָרן דורך די גאַנץ פּרימיטיווע אַרקעבוזן און ראָד-שלאָס-ביקסן. דאָס כּלי-זיין האָט פעסטער נישט געקאָנט געמאַכט ווערן, האָט מען דעריבער די ריטער-חיילות פּאַנאַנדערגעלאָזט און זיך מיישב געווען אָנצונעמען אַן אַנדערע טאַקטיק.

לסוף האָט פרידריך דער גרויסער נישט געקאָנט פירן זיינע שלאַכטן מיט דער שיפער פּאַלאַנקס פון עפּאַמינאָנדאַס, און נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין טירעיר-טאַקטיק, וואָס איז געווען אַ פּועל-יוצא פון דער בויכווענדיקייט, געוווּנען קעגן דער טראַדיציע פון פרידריך דעם גרויסן.

אונזערע רייכסטאָג-דיכטער זענען נאָך אָנגעשטעקט מיט אַ היפּש ביסל ראָמאַנטיק. זיי קאָנען זיך אין די געדאַנקען נישט שיידן פון די בילדער אין דער רום-האַלע אָדער אין אופאַ-פילם „וועלט-מלחמה". זיי האָבן מקריב געווען דעם זין. זיי אַלע, פון די ס. פּ. ד. ביז צו די פיל בעסער איינ-פּאָרמירטע דייטש-נאַציאָנאַלע, טראָגן באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון זייער האַרצן דעם ווונטש: „לאָמיר זיגרייך שלאָגן פראַנק-רייך".

דערצו מוז ענדלעך אַ סוף געמאַכט ווערן. עס מוז

קלאָר געזאָגט ווערן, וואָס די פּאַכמענער ווייסן און ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען.

אַ נייע מלחמה וועט זיך אָנהויבן מיט אַ מוראדיקן לופט- און גאַז-באָמבען-קאַמף. דער אָביעקט פון די אָנגריפן — נאָכן פאַרניכטן די פיינטלעכע לופט-פלאָטן — וועלן זיין נישט ליניעס אָדער פעסטונגען, נאָר די אינדוסטריע-צענטערס און הויפּט-שטעט.

דעם זיגרייכן אָנגרייפער וועלן נאָכגיין טענקס, מאָטאָריזירטע האַרמאַטן און פוסגייער, אָבער נאָר צום צוועק פון באַזעצן דעם פיינטלעכן לאַנד און צו צעשטערן די נעסטן פון לעצטן ווידערשטאַנד.

ס'איז וויכטיק צו וויסן, אַז אָן דעם באַטריב-שטאָף פאַר אַעראָפּלאַנען און מאָטאָרן וועט קיין שום לאַנד נישט קאָנען פירן קיין מלחמה.

די לענדער, וואָס פאַרמאָגן פּעטראָלעאום, זענען אויך שנעל צוריקגעקערט געוואָרן צו דער קליינער פאַרמלחמהדיקער שטאַרקייט פון זייערע אַרמייען: ענגלאַנד און אַמעריקע.

זיי קאָנען טאָן, וואָס זיי געפעלט. זיי קאָנען מאָביליזירן, ווען זיי ווילן. זיי קאָגען צו יעדער צייט פאַרשטאַרקן זייער באַוואָפנונג-אַפּאַראַט אין וואָס פאַר אַ מאָס זיי ווילן. פאַרגלייכן זיך מיט זיי קאָן קיינער נישט. ווייניקער פון אַלע פראַנקרייך. פראַנקרייך פאַרמאָגט נישט קיין טראָפּן אייל. דער „נאַציאָנאַלער ברענשטאָף״ איז אַן עקלהאַפטע קאַשע. די אומפאַרהעלטניסמעסיק גרויסע אַרמייען פון פראַנקרייך, פוילן און איטאַליע זענען ריינע אַנגסט-פּראָדוקטן.

די הערשער פון דער וועלט זענען די אַנגלאָ-זאַקסן. זיי האָבן אייל, זיי האָבן אייזן, זיי האָבן שטיק-שטאָף. זיי ברויכן אונז נישט, זיי ברויכן אויך פראַנקרייך נישט. נאַטירלעך דאַרף מען דאָס פאַרשטיין Cum grano salis.

די ענג-פאַרבונדעטע און דורך באַזונדערע אינדוסטריע-אָפּמאַכן צונויפגעוואַקסענע דייטשע און פראַנצויזישע שטאָל- און קאַלי-אינדוסטריען האָבן נאַטירלעך זייער הויכע וועלט-ווירט-

שאַפּטלעכע באַדייטונג. דאָס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז אייראָפּע אָן אייל איז שוץ-לאָז. (דאָס פאַרביליקערן דעם פּראָצעס פון פליסיק-מאַכן די קוילן אין אייל ענדערט די דאָזיקע לאַגע פון טאָג צו טאָג. אָ. לעהמאַן-רוסבילדט).

אייל איז טאַקע אויך פאַראַן אין גאַליציע, ד.ה. אין פוילן, און אין רומעניע. אין אַ מלחמה, וואָס פּאַסט נישט פאַר ענגלאַנד, וועט דאָס דאָזיקע אייל קיינמאָל נישט זיין צו אונזער דיספּאָזיציע, הגם אויך אונזערע אינדוסטריעלער און באַנקירן זענען אַנגאַזשירט אין די רומענישע און פוילישע אייל-געביטן.

דאָס רוסישע אייל איז אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל. מיר וועלן קיינמאָל נישט קאָנען באַזאָרגט ווערן אין אַ גענוגנדיקער מאָס. עס קאָן אָבער זיין, אַז מיר זאָלן געצוווּנגען ווערן צו עראָבערן עס פאַר ענגלאַנד.

די אַנטוואָפּנונג-טענדענצן פון דער פעלקער-בונד-קאָמיסיע ווערן גאַנץ שטיל אַוועקגערוקט אין אַ זייט. מ׳שרייבט וועגן דעם: ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט, ס׳וועט קומען אַ רויקע אַנטוויקלונג א. אַ. וו.

אַזוי לאַנג ווי עס ווערט פאַרדינט ביי דער מלחמה, וועלן די אינדוסטריעלע אויפטראַג-געבער פון די פּאָליטיקער נישט נאָכגעבן, אַז עס וועט קומען אַן אַלגעמיינע אַנטוואָפּנונג. זיי וואָלטן דערצו געקאָנט געצוווּנגען ווערן נאָר דורכן אַקטיוון פּאָלק און דורך דער פּראָלעטאַריזירטער אינטעליגענץ. די האַלטונג פון דער לעצטער איז אָבער מער ווי צווייפּל-האַפט.

מ׳וועט זאָגן, אַז נאָך דעם פריער געזאָגטן וועט קעגן דעם ווילן פון די פאַראינטערעסירטע מוזן קומען אַן אַלגעמיינע אַנטוואָפּנונג און דערמיט אויך די פאַרקלענערונג פון דער וואָפן-אינדוסטריע. אַ טעות! די וואָפן-אינדוסטריע האָט איר טעטיקייט פאַרברייטערט. כּמעט אַלע אינדוסטריען זענען געוואָרן וואָפן-אינדוסטריען. אַלע פאַרדינען דורך באַוואָפנונג.

אחוץ ביי אַ מלחמה קאָנען די דאָזיקע אינדוסטריען גאָרנישט פאַרדינען.

די אייל־ראַפינעריעס פאַרדינען מיליאָנען ביי דער מינ־דעסטער אויסערגעוויינלעכער פלאַטן־באַוועגונג. אַלע מאָדערנע קריג־שיפן זענען איינגעשטעלט אויף אייל־הייצונג. ס'איז גאָר־נישט מעגלעך אַ מאָדערנע אַרמיי כּסדר צו פאַרזאָרגן מיטן מאָדערנסטן כּלי־זיין. דאָס כּלי־זיין ווערט פאַרעלטערט אין אַ טעמפאָ, וואָס מ'האָט פריער זיך גאָר־נישט געקאָנט פאָרשטעלן.

די אַרמיי־פאַרוואַלטונגען מוזן זיך דעריבער וואָס אַ מאָל מער צופאַסן צו אַ צוזאַמענגיין מיט דער אינדוסטריע און דורכפירן פאַר זייערע צוועקן אַ ווייט־גייענדיקע נאָרמאַלי־זירונג און טיפּיזירונג פון דער פאַבריקאַציע.

די אינדוסטריע מוז זיין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זי זאָל אין נויטיקן פאַל קאָנען וואָס שנעלער אַלץ ליפערן.

דאָס פאָדערט אומגעהייער אויפמערקזאַמע הכנות.

וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָט לעצטנס געשריבן גע־נעראַל פאָן זעקט אין אַפּריל־העפט 1928 פון דער צייטשריפט „גאַרד אונד זיד" אין אַן אַרטיקל „מאָדערנע אַרמייען" (שפּע־טער דערשינען אין „פאָן זעקט, געדאַנקען פון אַ סאָלדאַט בערלין 1928)":

„פאַר דער מאַסן־באַוואָפנונג איז פאַראַן נאָר איין וועג: „פעסטשטעלן דעם טיפּ פון וואָפן צוזאַמען מיטן צוגרייטן די מאַסן־אויספערטיקונג אין אַ נויטיקן פאַל. די אַרמיי אין פאַר־בינדונג מיט דער טעכניק איז בכוח דורך אַ דויערנדיקן שטוד־יום אין עקספּערימענט־אַנשטאַלטן און איבונג־פּלעצער פעסטצו־שטעלן דעם בעסטן טיפּ פון כּלי־זיין. מיט דער אינדוסטריע דאַרף אָפּגעמאַכט ווערן, אַז דער דאָזיקער פעסטגעשטעלטער טיפּ זאָל תּיכּף אין דער נויטיקער מאָס געגומען ווערן אין דער אַרבעט. דאָס וועט פאָדערן לאַנגע הכנות, וואָס וועלן זיך מוזן שטיצן אויף געזעצלעכע יסודות. די דאָזיקע הכנות מוזן געמאַכט ווערן ביי אַן ענגסטער צוזאַמענאַרבעט צווישן

סאָלדאַט און הירטשאַפטלער און נאָך דער פעסטשטעלונג און זיכערונג פון די בויטיקע רוי-שטאָפן באַציִען זיי זיך אויף די אויסוואַל און איינריכטונג פון די פאַבריקן פאַר אַלע טיילן פון דער באַוואָפנונג און פאַרזאָרגונג. דאָס צוגרייטן די אומ-שטעלונג פון די פאַבריקן פון פרידן- צום מלחמה-באַטריב, גרייט-האַלטן מאַטעריאַלן און מאַשינען פאָדערן נאַטירלעך שוין אין שלום-צייט מלוכה-אונטערשטיצונג, וואָס וועט אָבער דער מלוכה נאָך אַלץ ברענגען מער נוצן, ווי דאָס באַזאָרגן און אויסהאַלטן גרויסע וואָפן-זאַפאַסן, וואָס ווערן פאַרעלטערט. כדי מעגלעך צו מאַכן אַ שנעלע מאַסן-אויספּערטיקונג איז מען מוותר אויף דאָס פיינסטע לטובת דעם מעגלעך איינפאַכן; און דערביי קאָן אויך פאַרקערט ווערן די צייט, וואָס ליגט צווישן דעם געבן די באַשטעלונג און אָנהויב פון דער ליפערונג, אַ צייט „וואָס דאַרף געווונען ווערן דורכן קאַמף פון דער אָפּע-ראַציע-אַרמיי".

צו די דאָזיקע אויספירונגען דאַרף צוגעגעבן ווערן די איבערזעצונג פון אַ שטעלע פון אַ בוך פון באַקאַנטן ענגלישן גענעראַל י. ה. מאָרגאַן פון יאָר 1924.

ז. 96: „מ'האָט מיך אָפט געפרעגט, צי דייטשלאַנד איז אַנטוואָפנט, און מיין ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגע איז געווען די קעגן-פראַגע: וואָס פאַרשטייט איר אונטער אַנטוואָפנונג? מיר האָבן צעשטערט דייטשע קאַנאָנען, אַן ערך 35000 שטיק, מיר האָבן צעשמאָלצן ביקסן — אַזוי גוט ווי אַ פּאָר מיליאָן, מיר האָבן געלאָזט פליען אין די לופט פעסטונגען, אויפגעריסן פולווער-פאַבריקן, שטיל-געמאַכט קרופּן.

אָבער עס זענען פאַראַן דריי זאַכן, וואָס מ'קאָן נישט צעשטערן: מענטש, אינדוסטריע און וויסנשאַפט".

ז. 98: „וואָס שייך דער אינדוסטריע, איז דער איינציקער וועג צו אַנטוואָפנען אַ גרויסע אינדוסטריע-טרייבנדיקע נאַציע — די צעשטערונג פון דער גאַנצער אינדוסטריע.

די מלחמה איז געוואָרן אַזוי טעכניש, אַזוי מעכאַניש, אַז יעדער גרויסער אינזשעניר-באַטריב איז אַ פּאָטענציע

לער אַרסענאַל. די פאַבריק, וואָס מאַכט דרוק-צילינדערס אָדער פּראָפּעלערס, איז צו יעדער צייט מסוגל אויסצואַרבעטן אַ גראַנאַט-פּאַטראָן".

דעם לעזער לאָזן מיר איבער דעם פאַרגלייך פון די דאָזיקע זאַצן מיט די אויספירונגען פון גענעראַל פאָן זעקט.

אין דעם זין איז געשריבן דאָס גאַנצע בוך. 1924!

די קאַרדינאַל-פראַגע בלייבט בכן תמיד די רוי-שטאָף-פראַגע.

די דאָזיקע פראַגע איז, ווי אויבן-געזאָגט, פאַר די ביידע אַנגלאָזאַקסישע גרויס-מלוכות פאַרענטפערט, פאַר אַלע אַנדערע, אַ חוץ רוסלאַנד! איז זי אָן ענגלאַנד אָדער אַמעריקע נישט צום פאַרענטפערן.

ענגלאַנד האָט דאָס פולע באַוווּסטזיין פון דעם דאָזיקן כוח, זי פּויקט עס אָבער נישט אויס, ווי עס האָבן דאָס למשל, ביי אונז געטאָן דער „אַלדייטשער פאַרבאַנד", דער „פלאָטן-פאַריין" און ענלעכע קערפּערשאַפטן.

ענגלאַנד איז געוואָרן דער צענטער פון דער אייגנטלעכער אייראָפּייאישער וואָפן-אינדוסטריע — נאָכדעם ווי קרופּ איז געוואָרן צעשטערט און שניידער-קרעזאָ איז געוואָרן ענגלאַנדס דאָמיניאָן.

די מעכטיקסטע כוחות פון דער דאָזיקער וועלט, דהיינו: די ראָיאַל-דוטש-שעל קאָמפּ., די באַנק אָף ענגלאַנד, די שרעדער-באַנק לאָנדאָן פון איין זייט, די שטאַנדאַרד איל קאָמפּ. דזשענעראַל עלעקטריק-בעטלעעם סטיל קאָמפּ., אַלע מאָרגאַן-אונטערנעמונגען אַרבעטן אויף אומצוואַרפן דעם באָלשעוויזם, כדי דערנאָך אומגעשטערט צו קאָנען כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער.

די פּריוואַט-מלחמה פון סיר הענרי דעטערינג (וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט דער פרוי פון אַ ווייס-גוואַרדיסטישן רוסישן גענעראַל) קעגן רוסלאַנד איז נישט געלונגען. איינמאָל אין יאָר 1919, ווען ער האָט מיט געפעלשטע באַנקנאָטן געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד און די קאָאָרדינער און

מינגרעליער, כדי צו באַקומען אין זיינע, אָדער ענגלאַנדס הענט דעם אַסערביידזשאַן. אין 1923, ווען ער האָט די קאַוו־קאַזער פעלקער ווידער אויפגעהעצט צו אַן אויפשטאַנד, וועלכער איז אָבער דורך די באָלשעוויקעס בלוטיק „ליקווידירט" געוואָרן. אין 1927, ווען ער האָט געלאָזט פעלשן טשערוואָנצעס און די סאָוויעטישע וואַלוטע איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך דער בערלינער פּאָליציי.

די רוירן־לייטונג פון דער אייל־שטאָט באַקו קיין באַטום אַלס אויספיר־האַפן ביים שוואַרצן ים קווער איבער דעם צווישן־ים פּאַרלאָקט צו פיל.

און אָט איז אַ שטענדיקע העצע קעגן די „אייל־רויבער" אין גאַנג. אייל־רויבער זענען די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן נאַטירלעך אויך נאַציאָנאַליזירט די ענגלישע און אַמעריקאַנישע פּאַרמלחמהדיקע אייל־קאָנצעסיעס.

ווען לענין האָט געהאַט צעריסן דעם אורקוואַרט־אָפּמאַך פון 1922, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די נייע וועלט־מלחמה – מיט אַנדערע מיטלען.

לאַנגזאַם גרייט מען צו די דאָזיקע מלחמה. מ'האָט גע־לערנט. מ'וועט נישט מער מקריב זיין מיליאָנען ענגלישע לעבנס. מ'וועט פאַרדינען.

„גאָטס סאָלדאַטן", די פראַנצויזן, וועט מען דאָס מאָל קוים קאָנען טרייבן קיין מאָסקווע, און צו וואָס? זיי זענען גענוג געשלאָגן. צוויי־קינדער־סיסטעם און אַלגעמיינע מידקייט טוען שוין דאָס זייעריקע, אַז ענגלאַנד זאָל פון די פראַנצויזן קיין נחת נישט קאָנען האָבן. בלייבט בכן דייטשלאַנד!

דייטשלאַנדס פּאָליטיק — איך זאָג בכיון נישט אויסערן־פּאָליטיק — ווערט דער עיקר געפירט דורכן פאָריין־אָפּיס. אַ לאַנגע צייט איז עס געשען דורכן לאָרד פּראָטעקטאָר פון דייטש־לאַנד, לאָרד ד'אַבערנאָן, וועלכער האָט געהאַט נאָך עפּעס מער צו זאָגן, ווי דער באַזידלטער פּאַרקער דזשילבערט. די פּרי־וואַטע באַציאונגען, וואָס דער מיניסטער גרעגאָרי האָט געהאַט

מיט די דייטשע פוטשיסטן, קאָן מען פאַרבייגיין און נישט נעמען זיי אין באַטראַכט.

נאָך היינט טרעפט זיך גוסטאַוו שטרעזעמאַן מיטן לאָרד ערגעץ ביי דער ריוויערא.

די גרויסע און קליינע געשעפטס-רייזנדע פאַר דייטשער פּאָליטיק (געגנוג צו דערמאָנען דר. לוטער, פּרינץ היינריך, עקס-צאַר פערדינאַנד פון בולגאַריע וואָלגאַ גראַף מוראַני) האָבן תמיד געהאַט אַביסל צו טאָן מיט ענגלאַנד. אויך גענעראַל פאָן זעקט זאָל זיך האָבן געקויפט „1000 ווערטער ענגליש".

דער ערפאָלג זענען נישט-זייער קליינע הנחות אויסער די ראַמען פון ווערסיילער טראַקטאַט. די פראַנצויזן מוזן צו-קוקן מיט ציין-קריצעניש און לאָקאַרנאָ-גייסט".

די פּאָליטישע אויספירן פון מיליטערישן פאַכמאַן גייען נישט אַריין אין די ראַמען פון דאָזיקן ווערק. אפשר זענען זיי ריכטיק, אפשר ענדערן נייע פּאָליטישע מאָמענטן זייער ריכטונג. דען אין מזרח-אייראָפּע און אויפן באַלקאַן זענען פאַראַן פאַרשיידענע מלחמה-מעגלעכקייטן, וואָס קאָנען נאָך גיכער קומען צום אויסברוך, ווי דער ענגליש-רוסישער גע-געגנזאַץ.

3. די רוי-שטאָף-פאַרפלעכטונג.

אין ווייטערדיקן קאָן ביי דעם אומגעהייערן אומפאַנג פון געביט פון די אַזוי גערופענע רוישטאָפן, פון זייער פּראָ-דוקציע און פון זייער האַנדל נאָר אין איינצלנע שטריכן געגעבן ווערן אַ בילד דערפון, ווי אַזוי די מלחמה-מעגלעכ-קייטן קאָנען באַאיינפלוסט ווערן דורך דער אויסנוצונג פון די רוי-שטאָפן.

א) אייזן, שטאָל און קוילן.

דורות-לאַנג האָט פראַנקרייך געגאָלטן אַלס דייטשלאַנדס „ערב-פיינד". דאָס האָט, ווי יעדער אַזוי גערופענער „היסטאָ-רישער פאַקט", געגאָלטן נאָר מיט אַ גרויסער באַגרענצונג.

דער גרויסער קורפירשט, למשל, האָט אין די פּאַרטריבענע הו-
גענאָטן נישט בלויז אויפגענומען ביי זיך די טיכטיקסטע באַ-
פעלקערונג-שיכטן פון פראַנקרייך — אונטער זיין ממשלה איז
ציטנווייז יעדער דריטער בערלינער געווען אַ פראַנצויז —
נאָר ער האָט גלייכצייטיק געשלאָסן מיליטערישע פריינטשאַפט-
אָפּמאַכן קעגן מזומן-געלט מיט די אונטערדריקער פון די הוגענאָטן.
אַז פרידריך דער גרויסער איז געווען אַ צופעליק אין דייטש-
לאַנד געבוירענער פראַנצויז נישט בלויז אין זיין אומגאַנג-
שפּראַך, נאָר אויך אין זיינע אַנשויאונגען, איז אַ פאַקט, וואָס
ווערט צום מייסטן באַוויזן דורך דער אויפערציִונג, אין וועלכער
עס פאַלן אַריין די אַלדייטשן, ווען מ'רעדט דערפון. פון דער
אַנדערער זייט הערן די אַל-פראַנצויזן נישט גערן, אַז שוין
דער שורש פון דעם נאָמען פון זייער לאַנד איז אַ ריין
דייטשער.

און אָט דער דאָזיקער „ערב-פיינד" פון די אַלדייטשן
האָט פאַרמאָגט אויסגעצייכנטן ערץ-אייזן, אָבער צו ווייניק
קוילן, און דייטשלאַנד האָט פאַרמאָגט רייכע קוילן-פעלדער,
אָבער נישט גענוג ערץ אויף צו דעקן פון דער אייגענער
פּראָדוקציע איר באַדאַרף פון אייזן און שטאָל.

יעדער נאָרמאַלער מענטש וועט ביי אַזאַ מצב זאָגן:
אויב אַזוי זאָלן די דייטשן און פראַנצויזן איינע די צווייטע
זיך פאַרקויפן דאָס פעלנדיקע.

יאָ, אודאי, אויף די דאָזיקע פּשוטע המצאה זענען טאַקע
סוף כּל סוף געפאַלן די פּאָליטישע נאַראָנים פון אייראָפּע —
אָבער ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן זייערע פעלקער פאַרנאַרט
אויף דעם שרעקלעכן אומזעג פון דער פיר-יעריקער וועלט-מלחמה.

דער 30. סעפּטעמבער 1926 איז דער טאָג פון אייזן-
אָפּמאַך, וואָס האָט די שווער-אינדוסטריען פון דייטשלאַנד,
פראַנקרייך, בעלגיע און לוקסעמבורג צוזאַמענגעשלאָסן אין
דער „אינטערנאַציאָנאַלער רוי-שטאָל-געמיינשאַפט" אָדער גיכער
געשאַפן די התחלה פון דער דאָזיקער צוזאַמענשליסונג. שוין
פריער זענען די דייטשע און די פראַנצויזישע קאָלי-אינדוסטריע

פאַרייניקט געוואָרן אין אַזאַ אינטערעסן־געמיינשאַפט. די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע חברותא פון אַזוי גערופענע שליסל־אינדוסטריען פון פאַרשיידענע לענדער גיט פיל זיכערע גאַראַנטיעס פאַר אַן אַזוי גערופענעם דויערנדיקן שלום צווישן די באַטייליקטע מלוכות, ווי אַלע באַמיאונגען פון די שלום־פריינד און פון די פּאָליטישע פּאַרטייען.

דער פאַקט פון דער דאָזיקער רוישטאָף־פאַרפלעכטונג פון קאַלי, אייזן, שטאָל און קוילן, איצט אויך פון דער כעמישער אינדוסטריע, צווישן דייטשלאַנד, פראַנקרייך און בעלגיע, גיט אַזוי אַרום אין אומגעקערטער ריכטונג אַ באַווייז פאַר דער באַהויפּטונג, אַז די מלחמות ווערן דער עיקר אַרויסגערופן דורך די וואָפן־אינדוסטריען. דאָ שטערן זיי די מלחמה, און דוקא ביי איינער פון אירע הויפּט־קוועלן, ביי דער אור־פּראָדוקציע.

ליידער האָט אויך דאָס דאָזיקע בילד אַ זייער צווייפלהאַפטע אַנדערע זייט, וואָס ווערט באַלויכטן דורך אַרנאָלד רעכבערגס אויספירונגען. רעכבערג איז דער ערשטער דייטשער גרויס־אינדוסטריעלער, וועלכער האָט שוין זייט 1919, דעמאָלט גאַנץ איינזאַם, דורך שריפטשטעלערישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטישער טעטיקייט אַגיטירט לטובת דער צוזאַמענשליסונג פון די גרויסע שליסל־אינדוסטריען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. וואָס ער טראַכט אָבער וועגן דער ווירקונג פון דער דאָזיקער נייער חברותא, ווערט קלאָר פון זיינעם אַן אַרטיקל אין דער „פאָסישער צייטונג” פון 7. יוני 1928 : „דייטשלאַנד און פראַנקרייך. די מאַטעריעלע זיכערונג פון שלום”. ער זאָגט דאָרט :

„און אָט איז אָבער פאַרענדיקט געוואָרן דער קאַמף צווישן דער דייטשער און דער פראַנצויזישער שווער־אינדוסטריע פאַר דער באַהערשונג פון די דייטשע קוילן און פון פראַנצויזישן ערץ דורך זייער קאָנדאָמיניאַט איבער ביידע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין

אייזן-אָפּמאַך פון 30. סעפּטעמבער 1926. פונדעסטוועגן זענען נאָך נישט אַלע מניעות באַזייטיקט געוואָרן. די פראַנצויזישע שווער-אינדוסטריע איז פעסט אַנטשלאָסן צו שטעלן דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד דער אַנטוואָפּנונג פון פראַנקרייך, וואָס וואָלט געבראַכט דערצו, אַז די באַשטעלונגען פון מלחמה-מאַטעריאַלן וואָלטן פאַרקלענערט געוואָרן. ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די רעכטע פראַנצויזישע פּאַרטייען, וואָס ווערן פינאַנסירט דורך דער פראַנצויזישער שווער-אינדוסטריע, וועלן זיין געצוונגען איינפלוסרייך אויך נישט צוצולאָזן צו דער אַנטוואָפּנונג פון פראַנקרייך. זייער ווידערשטאַנד קעגן דער פראַנצויזישער אַנטוואָפּנונג באַגרינדן אָבער די פראַנצויזישע שווער-אינדוסטריע, און די דורך איר אַרויסגעשטעלטע רעכטע פּאַרטייען אין פראַנקרייך דער עיקר מיט דער באַקוועמער פיקציע פון פראַנקרייך, וואָס איז מיליטעריש באַדראָט פון דייטשלאַנד. ווייטער איז די פראַנצויזישע שווער-אינדוסטריע פאַראינטערעסירט אין דעם אויסבוי פון די פראַנצויזישע מזרח-באַפעסטיקונגען, פון וועלכע די פראַנצויזישע שווער-אינדוסטריע דערוואַרט באַדייטנדיקע רווחים. כּדי דורכצופירן דעם אויסבוי פון די מזרח-באַפעסטיקונגען האָט מען אומבאַדינגט געמוזט האָבן די פיקציע פון אַ מיליטעריש דורך דייטשלאַנד באַדראָטן פראַנקרייך.

עס איז קלאָר, אַז די קאָנסטעלאַציע מוז בילדן פאַר דער דייטש-פראַנצויזישער פאַרשטענדיקונג אַ מניעה, וואָס עס וועט שווער זיין בייצוקומען. ווי איך דערוויס זיך פון אַ זיכערער קוועלע, לאָזן זיך אָבער זייט אַ געוויסער צייט באַמערקן סימנים פון אַן ענדערונג אין דער פּאָליטישער שטימונג פון די פראַנצויזישע שווער-אינדוסטריעלע קאַפּיטאַלן, און דאָס זייט ס'איז אַרויסגעשוווּמען דער פאָרשלאַג צו פאַרברייטערן דעם

דייטש-פראַנצויזישן אינדוסטריע-בונד, ווי ער איז פאַרוויקלעכט געוואָרן דורכן דייטש-פראַנצויזישן קאַלי-פּאַקט, דורכן דייטש-פראַנצויזישן אייזן-פּאַקט און דורכן דייטש-פראַנצויזישן כעמיע-פּאַקט, א י ן אַ פּ אָ ל י ט י ש ן א ו ן א ו י ך מ י ל י ט ע ר י ש ן ב ו נ ד".

ווייטער אַנטוויקלט רעכבערג דעם פּלאַן פון דאָזיקן דייטש-פראַנצויזישן מיליטער-בונד מיט אַ בשותּפותדיקער אויבער-קאָמאַנדע, וועלכער וואָלט לויט זיין מיינונג אוממעגלעך געמאַכט יעדע מלחמה אין אייראָפּע.

ס'וועט אמת נאָך פיל וואַסער אין רהיין אָפּפליסן, ביז אַרנאָלד רעכבערגס נביאות וועגן דייטש-פראַנצויזישן מיליטער-בונד וועט מקויים ווערן. אַ סך סימנים ווייזן אָבער אָן דערויף, אַז אין ברייטערע ראַמען חזרט זיך דאָ איבער דאָס, וואָס האָט זיך מיט נישט קיין גאַנצע הונדערט יאָר צוריק אָפּגעשפּילט אין דייטשלאַנד גופא. די דייטשע שבטים האָבן, נישט געקוקט אויף דער בשותּפותדיקער שפּראַך, זיך אַרומגעריסן, פונקט ווי היינט די אייראָפּייער. די פאַראייניקונג פון אַלע דייטשע שבטים איז שפּעטער סוף כּל סוף געשען דורך אַ פּראָזאַאישער סבה: דורך דעם צאָל-אוניאָן און דורך די באַנען. ס'איז פּשוט געוואָרן אומזין, אַז אַ באַלן סחורה זאָל מוזן פאַרצאָלט ווערן אויף צען לאַנד-גרענעצן אָדער אַז מ'זאָל מוזן האָבן אַ פּאַק פּעסער אין דער קעשענע, ווען מ'וויל מאַכן אַ נסיעה פון דריי שעה.

אויב די פאַרפלעכטונג פון אייזן, קוילן און שטאָל ביי דיביידע גרעסטע פּראָדוצענטן פון אייראָפּייאישן קאָנטינענט האָט אויסנאַמוויז געבילדעט די התחלה צו דער באַזייטיקונג פון אַ מלחמה-געפאַר, וואָס וואָלט אָן דעם לאַנג אָנגעהאַלטן, וועט די געווינונג פון אַן אַנדערן רוי-שטאָף, פון פּעטראָלעאום, זיך דערווייל אַנטוויקלען א'ז דער ריכטונג פון אָנרייצן די מלחמה.

ב) פעטראָלעאום.

„פעטראָלעטאַריער פון אַלע לענדער,
פאַרייניקט זיך“.

אַ פראַנצויז האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער האָבן זיך נאָך נישט פאַרייניקט, דערווייל פּרווון אָבער דאָס צו טאָן די פעטראָלעטאַריער.

אויך דאָס איז נאָך נישט געלונגען. ס׳עקזיסטירט אָבער די סכנה, אַז אויפן וועג צו דער פאַרייניקונג פון אַלע פעטראָלעטאַריער ליגט אַ נייע וועלט-קאַטאַסטראָפע. יעדער ווייסט, פעטראָלעאום אַלס ברען-שטאָף הויבט אָן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון קוילן. לעצטנס איז אַנטדעקט געוואָרן אַ מיטל, דורך וועלכן די קוילן קאָנען פאַרפליסיקט ווערן.

די באַדייטונג פון פעטראָלעאום פאַר דער מלחמה-אינדוסטריע ווערט קלאָר פון דעם אומשטאַנד, וואָס שוין היינט קאָנען אַלע מלחמה-פלאָטן געהייצט ווערן נאָר מיט אייל, און וואָס אויך די לאַסט-קראַפט-וועגנס פון די אַרמייען, די קאַמף-וועגנס (טענקס), די אַזוי-גערופענע מאָטאָריזירטע אַרטילעריע זענען לעבנספעאיק נאָר דורך בענזין א.אַ.וו. פעטראָלעאום איז ווייטער דער גרונד-שטאָף פון זייער אַ סך פּראָדוקטן פון דער כעמישער מלחמה- און שלום-אינדוסטריע.

ווי וויכטיק די ענגלישע פּאָליטיק האָט געהאַנדלט פאַר דער וועלט-מלחמה, שטעלט זיך אַרויס דערפון, וואָס זי האָט זייט 1905 אין די אינטערעסן פון פלאָט זיך פאַרנומען מיט דער גרינדונג פון דער אַנגלאָ-פערסיען עיל קאָמפּ., פון דער ענגליש-פערסישער פעטראָלעאום-געזעלשאַפט. אין יאָר 1914 האָט די בריטישע רעגירונג דירעקט זיך אין איר באַטייליקט. „באַלד ווי די אַנגלאָ-פערסיען איז געגרינדעט געוואָרן, האָט די אַדמיראַליטעט דורך וויצע-אַדמיראַל סיר עדמאָנד סלייד און לאָרד אינטשקעפּ „עקס אָפּיציאָ“ און אייגנטלעך אויך דורכן פרינץ פון טעק זיך געלאָזט פאַרטרעטן אין באָרד אָף דירעקטאָרס (1910—1913)“ (קאַרל האָפמאַן. אייל פּאָליטיק א.אַ.וו., בערלין 1927).

לויטן סטאַטיסטישן יאָר־בוך פאַר דער דייטשער מלוכה 1928 ווייזט־אויף די ערד־אייל־געווינונג אין 1000 מעטרישע טאָן פאַרן יאָר 1927 :

פאַרייניקטע שטאַטן	124082
מעקסיקע	9785
קאַנאַדע	63
ווענעזועלאַ	9435
פערו	1292
אַרגענטינע	1268
קאָלומביאַ	2086
טרינידאַד	723
נידערלאַנד. אינד	3060
בריט. אינדיע	1191
סאַראַוואַק	720
יאַפּאַן	236
רוסלאַנד	10130
רומעניע	3661
פּוילן	723
דייטשלאַנד	97
פראַנקרייך	73
אַנדערע	36
פערסיע	4886
עגיפּטן	185
בסך־הכּל	173732.

לויט אַנדערע קוועלן („פאָרווערטס" פון 15. יולי 1928) בסך־הכּל 178 מיליאָן טאָן. אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט זיך די פּראָדוקציע אַליין פון 1926 אויף 1927 פאַרמערט אויף 22,5 מיליאָן טאָן.

אַרום די אייל־קוואַלן אַנטשטייט אַ וואַקסנדיקער סכסוך. זייער הויפּט־פּראָדוקציע ליגט אין צוויי ברען־פּונקטן. איינער געפינט זיך אין דער אַזוי גערופענער אַלטער וועלט,

אַרום באַקו, דער אַנדערער אין דער אַזוי גערופענער נייער וועלט, אין צפון-אַמעריקע. דער לעצטער איז דער מעכטיקערער. אין אַמעריקע אַנטשטייט דורכן ערד-אייל אַ פּאָליטישער סכסוך צווישן די פאַרייניקטע שטאַטן און לאַטיין-אַמעריקע, דער עיקר קעגן מעקסיקאָ. די פאַרייניקטע שטאַטן נוצן אַזוי אומ-ברחמנותדיק אויס זייערע קוואַלן, אַז אין פינף ביז זיבן יאָר אַרום דראָט די סכנה, אַז זיי זאָלן אויסגעשעפּט ווערן. אין דער אַלטער וועלט אַנטשטייען פאַרשיידענע מחלוקתן צווישן זיך און צוזאַמען קעגן די פאַרייניקטע שטאַטן. דער קאָנקו-רענץ-קאָנפליקט ווערט נאָך פאַרשאַרפט דורך דעם קאָנפליקט פון די מלוכה-אָרדנונגען צווישן אייראָפּע און די פאַרייניקטע שטאַטן פון איין זייט און דער סאָוועטן-מלוכה פון דער צווייטער זייט.

איין טייל פון דער וועלט-מלחמה שפּילט זיך אָפּ צווישן דער שטאַנדאַרד עיל קאָמפּ., וואָס ראָקפעלער איז פריער געווען איר איינציקער בעל-הבית און וואָס איר מעכטיקסטער מאַן איז היינט וואַלטער ע. טיגל, און דער ראָיאַל דוטש שעל קאָמפּ., לאָנדאָן, וואָס איז אַ האָלענדיש-ענגליש געזעלשאַפט, אָנגעפירט דורך סיר העטרי דעטערדינג. צווישןביידע גרופּן שאַפט זיך אָן אייל-שלום. נאָך שטאַרקער וועט אָבער אויס-וואַקסן די שנאה קעגן רוסישן „נעפט טרוסט“. דעטערדינג באַטראַכט די רוסן פאַר אייל-רויבער, ווייל זיי האָבן די אייל-קוואַלן ביי באַקו, וואָס זענען געווען אין ענגלישן באַזיץ, אָן אַנטשעדיקונג דערקלערט פאַר מלוכה-אייגנטום. היות ער האָט געאַרבעט מיט גרויסע הזקות, האָט ער אָנהויב 1929 געמוזט שליסן מיט די רוסן אַ ליפערונג-אָפּמאַך.

אַ באַגריף וועגן אומפאַנג פון די ווירטשאַפטלעכע כוחות, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער וועלט-אָרגאַני-זאַציע פון קוילן און פעטראָלעאום, באַקומט מען, ווען מען דערוויסט זיך, אַז אין דער ברענשטאָף-זיצונג פון דער וועלט-קראַפט-קאָנפערענץ אין אָקטאָבער 1928 אין לאָנדאָן האָבן זיך באַטייליקט 1400 פאַכמענער פון 47 לענדער. ביי דער גרינדונג

פון דער וועלט-קראַפט-קאָנפערענץ אין יאָר 1924 האָט די פראַגע וועגן אויפנעמען דייטשלאַנד זיך נאָך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. אין 1928 איז אָבער אויפן פאָרשלאַג פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע — פירער גענעראַל גוואַילאָן — דייטש צוגעלאָזט געוואָרן אַלס פאַרהאַנדלונג-שפּראַך נעבן ענגליש און פראַנצויזיש. דער דאָזיקער בעצם נישט וויכטיקער אומשטאַנד פאַרדינט גענומען צו ווערן אין אַכט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל אויך ער איז מרמז אויף אַ קומענדיקן דרייבונד דייטשלאַנד-ענגלאַנד-פראַנקרייך, ענלעך צו דער דייטש-פראַנצויזישער קאַלי-, אייזן- און כעמישע אינטערעסן- און פראָדוקציע-פאַרפלעכטונג.

אַ חוץ דעם ווערק פון קאַרל האָפמאַן, „אייל-פּאָליטיק,” אינפאָרמירט וועגן דער באַדייטונג פון פּעטראָלעאום דאָס אין יאָר 1927 דערשינענע ווערק פון לואי פישער: „אייל-אימפעריאַליזם,” בערלין, נייער דייטשער פאַרלאַג.

3) די כעמישע פּראָדוקציע.

אַ חוץ אייזן, קוילן און פּעטראָלעאום האָבן אַנדערע שטאָפן באַקומען אויך אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער צוגרייטונג פון דער מלחמה.

צו די דאָזיקע שטאָפן געהערט אין דער ערשטער ריי דער שטיק-שטאָף, וועלכער האָט געבילדעט דעם הויפּט-באַשטאַנד-טייל פון אַלטן שיס-פּולווער. צאָלרייכע אַנדערע גרונדשטאָפן האָבן אויך געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע פאַרן קומענדיקן גיפט-גאַז-קריג און פאַר דער מלחמה בכלל.

„דייטשלאַנד האָט אין די יאָרן 1914—18 אַריבערגעשטיגן אין דער כעמיע אַלע אירע קעגנער. די ריזן-רווחים פון דער דייטשער כעמישער אינדוסטריע האָבן איר געגעבן די מעגלעכקייט אויפצושטעלן דעם פּרעכטיקן בנין פון דער י. ג. פאַרבען, וועלכע האָט מיט די געהעריקע פראַנצויזישע גרופּעס שוין געשלאָסן איר אָפּמאַך.

מיט די ענגלענדער (סיר אַלפרעד מאָנד, איצט לאָרד מעלטשעט) האַלט מען נאָך נישט אַזוי ווייט.

יעדנפאַלס האָבן אַלע באַטייליקטע איינגעזען די אומדערהערטע וויכטיקייט פון דער כעמישער אינדוסטריע פאַר דער מלחמה-פירונג.

אין אַ בוך פון אַמעריקאַנער אַמאָס א. פריז ווערט געזאָגט:

„די וועלט-מלחמה האָט געעפנט די אויגן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַן און אויך פון די פאַרייניקטע שטאַטן. יעדע פון די דאָזיקע מלוכות בויט זיך איצט אויף אַ גרויסע כעמישע אינדוסטריע אַלס ווירקלעכן פונדאַמענט פאַר אַ דערפאָלגרייכער מלחמה. ווער פון אונז וואָלט פאַר דער מלחמה געגלויבט וואָס די דייטשן מאַכן אַלץ פון דער דאָזיקער שוואַרצער, שטינקנדיקער מאַסע, פון דער שטיין-קוילן-סמאָלע?

פאַר אַמעריקע איז די מלחמה, אַפילו די כעמישע, קיין פּראָבלעם נישט. זי פאַרמאָגט אין לאַנד אַלץ, וואָס מ'דאַרף.

אויך דייטשלאַנד איז בנוגע קוילן אומאָפּהענגיק. בנוגע פעטראָלעאום קאָן זי דורך דעם נייעם מיטל פון פאַרפליסיקן די קוילן ווערן אומאָפּהענגיק. ס'איז יעדנפאַלס אויפן קאָנטינענט דאָס לאַנד, וואָס קאָן גילטן אַלס דער זיכערסטער און צום בעסטן פאַרזאָרגטער אַרסענאַל. דאָס אומשטעלן די אינדוסטריע אויף קאַמף-גאַז-פאַבריקאַציע איז אַ קלייניקייט, ווען מ'נעמט אין אַכט, וואָס עס ווערט פאַרדינט. און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט.

צום ערגסטן איז אין דעם פרט פראַנקרייכס לאַגע. אַחוץ די יערלעך צירקאַ 25000 טאָן פון פעשעלבראָן האָט זי נישט קיין פעטראָלעאום. דער יאָר-באַדאַרף פון 700000 טאָן יעדן חודש מוז אימפּאָרטירט ווערן.

דער אַרייַנפיר שטעלט זיך צוזאַמען אויף פאָלגנדיקן אופן :

פאַרייניקטע שטאַטן	90,5%
מעקסיקאַ	4,8%
רומעניע	4,7%

לויטן אָפּמאַך פון סאַן-רעמאָ שטייען צו דער דיספּאָזיציע פון די פראַנצויזן 25 פּראָצ. פון דער אַנגלאָ-פּערסיען.

דאָס העלפט אַלץ נישט. די אייל-פראַגע איז אין פראַנקרייך זייער שווער צו פאַרענטפערן, נישט געקוקט אויף די טענקס פאַר 1900000 קוביק-מעטער אין די האַפן-פלעצער.

די אָפּגעהערטיקסטע ווערטער וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָט געשריבן גענעראַל קאַמאָן. ער גלויבט, אַז פראַנקרייך האָט זאַפּאַס אויף פינף חדשים.

די בענזאָל- און שווער-אייל-פראַגע איז אייגנטלעך נאָר געפערלעך אין פאַל פון אַ מלחמה פון פראַנקרייך קעגן איינעם פון די אַנגלאָ-זאַקסישע פאַרבונדעטע. פאַר 1914 האָט זי דעם גאַנצן בענזאָל באַצויגן פון דייטשלאַנד. דער שווער-אייל אַלס נעבן-פּראָדוקט פון דער לייכט-גאַז-פאַבריקאַציע איז כמעט געווען אומבאַקאַנט. איצט איז דאָס אַנדערש געוואָרן. פראַנקרייך קאָן זיך העלפן, הגם פאַרלויפיק נאָר מיט דער הילף פון די י. ג. פאַרבן (אַלזאָ אַ ד ײ ט ש ע ר אונטערנעמונג) (צושריפט פון אַ מיליטער-מאַן).

וועגן דער „מאַכט-שטעלונג פון דער י. ג. פאַרבן-אינדוסטריע א. ג." אינפאָרמירט אין אַ פּאָפּולערער פאָרם אַ בראָשור פון גינטהער ריימאַן : „גיפט-גאַז אין דייטשלאַנד". דאָ אינטערעסירט נאָר דאָס קאַפּיטל וועגן „אויפבוי פון וואָפן-אינדוסטריע", באַזונדערס די פאַרפלעכטונג מיטן אַמעריקאַנישן כעמיע-קאַפּיטאַל.

„אַזוי־אַרום האָט דער פּאָרלויפער פון דייטשן כעמיע־טרוסט, די אינטערעסן־געמיינשאַפט פון די כעמיע־קאָנצערנס, שוין דעם 11 נאָוועמבער 1919 אָפּגעשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג, ספּעציעל מיטן פראַנצויזישן קריג־מיניסטעריום און דער Societe d'Etude de l'Azote. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געהאַלטן, אַז אַן ערפּאָלגרייכע אַרבעט לויט די דייטשע פּאַטענטן וואָלט מען געקאָנט דערגרייכן נאָר ביי אַ טעטיקער מיטווירקונג פון די פּאַטענטן־אינהאַבער. דער גרעסטער דייטשער כעמיע־קאָנצערן האָט זייער גערן אין הסכם מיט די אַנדערע אים נאָענט־שטייענדיקע קאָנצערנס איינגעשטימט צו געבן דעם פראַנצויזישן קריג־מיניסטעריום און די באַטרעפנדיקע פראַנצויזישע כעמיע־אונטערנעמונגען די נויטיקע אָנווייזונגען צו דער פאַבריקאַציע און אפילו זיך אָפּצוזאָגן פון אויפשטעלן אַ קאָנקורענץ־פאַבריק אין פראַנקרייך אָדער אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין משך פון 15 יאָר. דערפאַר האָט דאָס דייטשע כעמיע־קאַפּיטאַל געזאָלט באַקומען אַנטשעדיקונג, וואָס האָט געזאָלט זיין אָפּהענגיק פון דעם אומפאַנג פון דער שטיק־שטאָף־פּראָדוקציע, וואָס וועט מיט דייטשע הילף אויפגעבויט ווערן אין פראַנקרייך. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז אמת צוליב דער אָפּאָזיציע פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט תחילת ניט דורכגעפירט געוואָרן; ערשט אין פעברואַר 1923 איז ער דורכן פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט אָנגענומען געוואָרן און האָט דעם 11 אַפּריל 1924 באַקומען געזעצלעכע קראַפט. אַזוי אַרום איז דער אָפּמאַך וועגן אויפבוי פון אַ פראַנצויזישער כעמישער וואָפן־אינדוסטריע מיט דער הילף פון דייטשע כעמיע־מאַגנאַטן

אַנטגילטיק צושטאַנדגעקומען גראָד אין דער צייט פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון דער רור-באַפעלקערונג קעגן דער אָקופּאַציע דורכן מיליטער פון פראַנצויזישן אימ-פּעריאַליזם".

כמעט פּונקט אַזוי ווייט-גרייכנדיק ווי מיט פראַנקרייך אַנטוויקלען זיך די פאַרבינדונגען פון דייטשן כעמיע-קאַפּיטאַל מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, שפּאַניע און ענגלאַנד. קונסט-זייד און אויפרייס-שטאָפן קומען אַרויס פון דעם זעלבן פּראָדוקציע-פּראָצעס, אָפּהענגיק פון דער שטימונג און פון לאַנד. איטאַליע, בעלגיע, דייטשלאַנד, אַלץ פליסט דאָ איינס אין אַנדערן אַריין.

אין רייכמאַנס אויספירונגען, וואָס שטאַמען, לויט ווי ער גיט אָן, פון דר. ה. גראָסמאַנס שריפט: „שטיקשטאָף-אינדוס-טריע און וועלט-ווירטשאַפט", דאַרף געגומען ווערן אין אַכט, אַז דער דייטשער כעמיע-טרוסט האָט שוין 1919 דערקלערט, אַז ער איז גרייט „צו געבן דעם פראַנצויזישן קריג-מיניסטעריום די נויטיקע אָנווייזונגען צו דער פאַבריקאַציע".

די פראַנצויזישע כעמיע-אינדוסטריע האָט דערפאַר אָפּ-בעדינט. והא-ראיה:

ווען דעם 20. מאַי 1928 איז געשען דאָס האַמבורגער גיפט-גאַז-אומגליק, האָבן זיך, ווי באַקאַנט, באַלד געלאָזט הערן באַרואיקנדיקע דערקלערונגען, אַז עס האַנדלט זיך גאָרנישט וועגן אַ „פאַבריקאַציע", אַז עס זענען געווען אַלטע מלחמה-מאַטעריאַלן א. אַ. וו. אמת, פּאַסגען פאַר אינדוסטריע-צוועקן איז עס נישט געווען, ס'איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קאַמף-גאַז, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אויפן סמך פון אַ געהיימען דייטש-רוסישן מיליטער-אָפּמאַך. באַלד איז דעמאָלט אַרויפגע-שווומען די פראַגע: וואָס זאָגט דערצו די אַמאָליקע אַנטאַנט, וועלכע האָט דאָך דייטשלאַנד פאַרווערט צו פּראָדוצירן גיפט-גאַזן פאַר קאַמף-צוועקן? היות ס'איז געוואָרן אַ רעש אין דער פּאָליטישער וועלט, האָט די ענגלישע רעגירונג אָפּגעגעבן אין פּאַרלאַמענט „באַרואיקנדיקע דערקלערונגען". אָבער די

פראַנצויזן, דער „ערב-פיינד"? און אַט האַט מען צו אַלעמענס איבעראַשונג געלייענט אין די צייטונגען, אַז אויך דער ערשטער פראַנצויזישער עקספערט פון דער פריערדיקער אינטעראַליאיר-טער קאָנטראָל-קאָמיסיע האָט די דייטשן באַשטעטיקט, אַז דאָס האַמבורגער פאַסגען איז ג י ש ט סותר די באַשטימונגען פון ווערסיילער טראַקטאַט! דאָס רעטעניש ווערט קלאָר, ווען מען דערוויסט זיך נאָך אַ מיטטיילונג פון דער פראָפעסאָרין פאַר כעמיע ביי דער הויך-שול אין בערן, דר. גערטרוד וואָקער, אַז דער דאָזיקער פראַנצויזישער עקספערט, מורע, איז איינער פון די פראַנצויזישע כעמיע-אינטערעסאַנטן, וואָס זייערע באַציאונגען צו דער דייטשער י. ג. פארבן א. ג. האָבן מיר געשילדערט. ער זאָל אויך אָנפירן מיט דער פוילישער גאַז-באַוואָפנונג!

די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפלעכטונג פון דער כעמישער אינדוסטריע, אויף וויפל זי באַרירט באַזונדערס די דייטשע י. ג. פארבן א. ג„ ווייזט-אויף פאָלגנדיקע איבערזיכט:

א. פאַרב-שטאָפן און פאַרבעריי-הילף-שטאָפן.

(ג י פ ט ג א ז - פ ר אָ ד ו ק צ י ע)

מיטבאַטייליקט זיינען.

The Grascli Pycstuffs Cosporation, Cleveland. (Ohio) U.S.A

Fabrication National de Coloiautes y Explosivos, (50 %) מאַדריד.

Soc. Chim. Lombarda A. E. Bianchi et Co., Rho ביי מיילאַנד.

ב. שטיקשטאָף-פראָדוקציע

(א ו י פ ר י י ס - ש ט אָ פ ן)

אויסלאַנד-באַטייליקונגען דורך דער אין נאָוועמבער 1927 דורכגעפירטן אַקציען-אויסטויש מיט דער Norsk-Hydro-Elektrisk-Koaelstof-A. S.

דורך דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַל-פרעד נאָבעל עט קאָמפּ. האַלטן-אָן פינאַנציעלע באַציאונגען מיט דער „לופּטפּערווערטונגס-געזעלשאַפט אולריך עט קאָמפּ.", פּאַטש ביי אולריך.

אין די פּאַריניקטע שטאַטן האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ שטיק-שטאָף-פאַבריק, „לויט ווי דאָס איז מיט אַ געוויסער צייט צוריק אָפּגעמאַכט געוואָרן מיט די אַמעריקאַנישע אינטערעסאַנטן" (סוף 1927).

אַנאָרגאַנישע פּראָדוקטן און אָרגאַנישע צווישן-פּראָדוקטן

די י. ג. באַזיצט די Sociedad Electroquimica de Flix באַרצעלאָנאַ, דורך וועלכער זי איז באַטייליקט ביי דער Fabrication National de Coloraütes y Explosivos, מאַדריד.

דורך דער דינאַמיט-אַקציען-געזעלשאַפט, פריער אַלפרעד נאָבעל עט קאָמפּ. זיינען ענגע באַציאונגען פאַרבונדען מיט

קאַרבידווערק דויטש-מאַטריי א. ג., ווין.

שטיקשטאָף-ווערק רוזע א. ג., עסטרייך.

ראַסנישע עלעקטריציטעטס א. ג., ווין.

ד. איילן און טרייב-מיטלען

אַ טאָכטער-געזעלשאַפט פון דער עוואַג, בערלין, איז די Moatschgsij voor Koleu eu Olie Fechuiek (Makot) אין האַג.

אין ענגלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן די British Bergins Syndicate Ltd.

4. די האַרמאָניע צווישן די פאַבריקאַנטן און די פאַבריקאַציע-מעטאָדן

די מאָדערנע טעכניק נעמט אַרום אַ שפע פון איינצלנע פּראָדוקטן און טיילן. אָבער ניט ווילנדיק ווערן דאָ בולט גע-וויסע ריכט-ליניעס פון דער פאַבריקאַציע, וואָס זיינען נאָרמאַל

פאַר אַלע לענדער און וואָס פירן דעריבער פון זיך אַליין צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניהייטלעכונג פון דער נאָרמע און פון טיפּ. (דער ערשטער פּרווו איז געווען דאָס מעט־רישע סיסטעם — שוין מיט הונדערט יאָר צוריק), ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז עס איז אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, ווען די ערזאַץ־טיילן פון אַן אויטאָמאָביל קאָנען אין ליסאַבאָן און לאָנדאָן פּונקט אַזוי לייכט צוגעפּאַסט ווערן, ווי אין וואַרשע און מאָסקווע.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געמוזט פירן צו אַ ריי פון דערשיינונגען, וועלכע די עפנטלעכע מיינונג האָט ביז איצט געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט. די פאַרשמעלצונג פון דער קריג־אינדוסטריע פון די מערב־אייראָפּייער, באַזונדערס פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד, ווערט וואָס אַמאָל „האַרציקער".

„אויך אין דער עראָפּלאַן־פּראָדוקציע קאָן מען, אָפּגעזען פון דעם אוּוסטויש פון אַקציען־פּאַקעטן, דער־קענען אַן אינטערנאַציאָנאַליזירונג. אויף דעם געביט, ווי אויפן געביט פון אויטאָמאָביל־בוי, ווערט דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג גאַנץ אָפן געוויזן דורך דעם פּרייען בויען. האַלטן בסוד וואָלט אויך נישט מעגלעך געווען, ווייל עראָפּלאַנען, ווי אויטאָמאָבילן, מאַכן דווערנדיקע באַזוכן אין „פיינטלעכן" אויסלאַנד און מ'קאָן זיי גוט אָנקוקן. אַ באַזונדערס באַדייטנדיקע השפעה מצד ענגלאַנד האָט די וויקערס עראָפּלאַן־בוי לימיטעד, לאָנדאָן, וואָס האָט אַ חוץ פיליעס אין קאַנאַדע, גרעסערע אַנטיילן אין דער Nederlandsche Vliegetnigenfabrik פאָקער, אַמסטערדאַם און אין דער יונקערס־געזעלשאַפט אין דעסוי.

די פראַנצויזן האָבן זיך אַפּנים געהאַלטן אומאָפּהענגיק, הגם גראָד אויף דעם געביט האָבן נישט געדאַרפט זיין קיין סודות.

דאָס טאַשן־בוך פאַר לופט־פלאָטן (דריישפּראַכיק) אַרויסגעגעבן פון דר. אינזש. וו. פאָן לאַנגסדאָרף, ה.

בערטאָלד פאַרלאַג, פראַנקפורט אַ. מ.) גיט דאָך געוויסע אינפאָרמאַציעס וועגן אַלע פרטים פון אַלע לופט-פאַרקער-מיטלען פון דער וועלט.

אויך אויפן געביט פון אויטאָמאָביל-בוי איז דאָס פרייע בויען זייער אין גאַנג. דערביי קאָן די מער אָדער ווייניקער גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפלעכטונג פון די גרויס-אינטערעסאַנטן האָבן אַ קלענערע באַדייטונג. אין פאַל פון אַ מלחמה איז עס נאָר אַ פראַגע פון אָרגאַניזאַציע און ברען-שטאָף, אויף וויפל די אַרמיי זאָל זיך ווידער נעמען צו די פריוואַטע-פּערזאָנען- און משא-וועגנס.

די מאָטאָריזירונג פון דער אַרמיי איז אומעטום נאָר נאָך אַ פראַגע פון צייט. זי איז אָבער נאָך נישט אַזוי פאָרטגעשריטן, ווי דער פאָרשריט פון דער מאָטאָר-טעכניק וואָלט עס דערלויבט. אין דער מלחמה זענען אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט געווען אין געברויך בסך-הכל 200000 אויטאָס, דער עיקר לאַסט-אויטאָס. שוין אין 1924 האָט פראַנקרייך אַליין פאַרמאָגט 630000 לאַסט-אויטאָס.

אין בוך „קאַמף-וואָפן און אַרמיי-מאָטאָריזירונג 1924—25" פון דער אינספעקציע פאַר וואָפן און מכשירים (פאַרלאַג פון ר. אייזנשמידט, בערלין) ווערן די דאָזיקע פראַגן אויספּפנדיק און זאַכלעך באַהאַנדלט און פאַרשטענדלעך אויך פאַר דעם פאַראינטערעסירטן נישט-פאַכמאַן.

צום סוף דאַרף געזאָגט ווערן: אַלע טייל-פראַגן, אַלזאָ די פראַגע פון גאַז-קאַמף, פון דער מאָטאָריזירונג פון דער אַרמיי, פון די לופט- און וואַסער-פלאָטן, זענען אָפּהענגיק פון דער לעזונג פון דער פּעטראָלעאום- און קוילן-פראַגע. דאָ אונטערליגן יעדנפאַלס די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפלעכטונגען נישט קיין ספק". (פערזענלעכע צושריפט פון אַ פאַכמאַן).

ווייטערדיקע סימנים פון אזא דורך צוואנג ווירקנדיקער פארפלעכטונג פון דער צוגרייטנדיקער וואפן-אינדוסטריע פון דייטשלאנד און ענגלאנד געפינען זיך אין די פארהאנדלונגס-באריכטן פון דייטשן רייכסטאג, 400. זיצונג פון 15. מערץ און 411. זיצונג פון 27. מערץ 1928. עס ווערן דארט בארירט אלערליי אופנים פון צוזאמענהאנג צווישן בוי פון טראקטארן פאר דער לאנדווירטשאפט און קליינע טענקס, פונקט אזוי זענען געמאכט געווארן נישט אפגעלייקנטע באהויפטונגען מכוח בשותפותדיקע באמיאונגען פון דייטשע און ענגלישע פלאט-קרייזן צו בויען אונטערוואסער-שיפלעך אין שפאנישע שיף-בוי-פאבריקן?

פון אנדערע מיטטיילונגען אין אינזשעניר-פאך-צייטשריפטן דערוויסט מען זיך, אז אויך דער בוי פון גרויסע לאנדווירט-שאפטלעכע טראקטארן אין דייטשלאנד אנטהאלט רעטזלהאפטע טיילן, וועלכע האבן א באדייטונג נאר פאר א מלחמה-פאל און באזונדערס פארן גיפט-גאז-קריג.

אויב אזעלכע טיילן, ווי רעדער, צאפנס, אקסן צווישן די אינדוסטריען פון צוויי לענדער, פון דייטשלאנד און פון ענגלאנד, למשל, לאזן זיך לייכט אריינזעצן און אויסטוישן, קאן דערפון ארויסקומען א גרויסע נוצן פאר דער מלחמה-פירונג אין ערנסטן פאל פון א קומענדיקן בונד.

איז די קאנקורענץ פון די דייטשע און ענגלישע פאברי-קאציע-מעטאדן, וואס לאזט זיך אומעטום דערקענען, זייער געמיינזאמע נארמירונג און טיפיזירונג, מרמז אויף דעם, וואס פארשיידענע פאליטישע אומשטענדן זענען אויך מרמז, דערויף, דהיינו, אז אנשטאט די געהיימע מיליטערישע אפמאכן פון דייטשן מיט דער סאוויעט-אוניאן פון 1921—26 ווערן איצט אזעלכע אפמאכן געשלאסן צווישן די דייטשן און די ענגלישע קריג- און פלאט-מיניסטעריומס?

5. אַלערליי צוקונפטיקע נעסטן פון אינטערנאַציאָנאַלן וואָפן-האַנדל.

פּראַייניקטע שטאַטן — שוועדן — כינע — פּוילן —
דער וואָפן-האַנדל.

פּראַייניקטע שטאַטן.

אין אונזער שילדערונג פעלן פּרטים וועגן די אומדער-הערטע אינטריגעס פון די אַמעריקאַנישע וואָפן- און שטאָל-אינדוסטריעלער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צווייטער פלאָט-אָנטוואָפנונג-קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יוני 1927 אין גענף צווישן צפון-אַמעריקע, גרויס-בריטאַניע און יאַפּאַן. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען וועגן דעם דאָקומענטאַרישע ידיעות. רמזים אין דער פּרעסע זענען געווען גענוג. עס איז זיכער, אַז די דאָזיקע מענער האָבן זיך דעמאָלט דאָרט באַוויזן, כדי ווידער צוצוגרייטן זייערע רווחים פון בלוט פון די פעלקער. בעת מ'האָט אונטערהאַנדלט וועגן „אָנטוואָפנונג".

שוועדן.

לויט אַ מיטטיילונג פון לעאָניד (קאָמוניסט. אינטערנאַצ. 1928, העפט 43 פון 24. אָקטאָבער) האָט די פירמע קרופּ אין פרילינג 1927 איבערגענומען אַן אַקציען-פּאַסטן פון דער שוועדישער האַרמאַטן- און אַמוניציע-פאַבריק באָפאָרס, וואָס אַרבעט לויט אירע פּאַטענטן. צו דער זעלבער צייט הערט מען וועגן פּלאַן פון דער פראַנצויזישער פירמע שניידער-קרעזאָ צו דערווערבן אַן אַקציען-אָנטייל פון באָפאָרס. די דאָזיקע ידיעות באַשטעטיקט פריוואַט אַ שוועדישער אָפיציר.

פּוילן.

אין דייטשלאַנד הערשט היינט אַ שטימונג צו שטעלן פּוילן אויפן אָרט פון ביז-איצטיקן „ערב-פיינד" פראַנקרייך. עס דראָט אַ סכנה, אַז אַלס פּועל-יוצא דערפון זאָל נאָך גיכער

קומען צו א צוזאמענשטויס צווישן דייטשלאנד און פוילן, ווי צווישן ענגלאנד און רוסלאנד.

לויט ידיעות פון בערזע-קרייזן זאל פונדעסטוועגן זיין פארגענומען געווארן א פארפלעכטונג פון די וואפן-אינדוסטריען פוןביידע לענדער.

אין רעמבערטאוו ביי ווארשע איז אין זומער 1928 אין א באנקראטירטער אויטאמאביל-פאבריק איינגעארדנט געווארן א פוילישע קוילן-ווארפער-פאבריק. די מאשינען ליפערט די לודוויג לעווע א. ג. בערלין, די אגרעגאטן די א. ע. ג., בערלין, דעם רוי-שטאל מאנעסמאן פון סאר-געביט. די אקציעס זענען אין דער הויך פון כמעט 50 פראצ. אין באזיץ פון סקאדא, די רעשט אין באזיץ פון דער פוילישער מלוכה, פארטרעטן דורך הויכע באאמטע.

כינע.

כינע, די גרעסטע געשלאסענע קולטור-געמיינשאפט אויף אונזער ערד, די איינציקע, וואס האט פון די גרויע אלטע צייטן אנגעשפארט ביז צו אונזער צייט, איז דאס איינציקע גרויסע פאלק, וואס ווערט זיך מיט הענט און פיס קעגן די מחנות פון דער וואפן-אינדוסטריע. 400 יאר איז כינע, הגם זי האט דעם שיס-פולווער דערפונדן נאך לאנג פאר די אייראפייער, אויסגעקומען אן א געהעריקן מיליטערישן אפאראט. אז די מאדערנע אינדוסטריע-אנטוויקלונג האט אויך כינע אריינגעטריבן אין אן אומרואיקן מצב, האט דאס סאלדאטן-פאך דארט אויפגעבליט דורך בירגער-מלחמות. דאס שיס-מאטער-יאל דערצו האבן געליפערט די אייראפייער, ווייל די כינעזער פארמאגן אמת א וואונדערבאר קונסט-האנדווערק, אבער נישט קוילן-ווארפער-פאבריקן.

הגם די בירגער-מלחמה אין כינע הויבט אן איינגעשטילט צו ווערן, הערט דער וואפן-האנדל קיין כינע נישט אויף. כינעזישע דיפלאמאטן אין אייראפע האבן דעריבער צוזאמען מיט דער „אינטערנאציאנאלער פרויען-ליגע פאר שלום און

פרייהייט״ זיך באַמיט צו ווירקן, אַז דער צושטראָם פון וואָפן זאָל אויפהערן. די פאַרטרעטער פון כינע אין אויסלאַנד דערקלערן אַלץ-אײנאײנעם, אַז אַלע פאַרטייען אין כינע באַמיען זיך צו פאַרקלענערן דעם אומגעהײער אויסגעוואַקסענעם מיליטערישן אַפּאַראַט.

די „קולטור-מיסיע״ פון אײראָפּע, שוין גענוג געשענדעט דורך די אָפּיום-מלחמות (פון 1840 אָן) דריקט זיך אויך סאָלידאַריש אויס אין וואָפן-האַנדל קיין כינע. דערמאַנט זיך אין דער אויפדעקונג פון אַ טראַנספּאָרט פון 17 באַן-וואַגאָנעס אַמוניציע פון דײטשלאַנד, וואָס איז מסתּמא געווען באַשטימט פאַר כינע. די צײטונגען, וואָס האָבן געהאַט העלדיש אויפגעדעקט די דאָזיקע אַפערע, און קודם-כּל דאָס „בערלינער טאַגעבלאַט״, האָט געדראָט די סכּנה אָנגעקלאָגט צו ווערן פאַר מלוכה-פאַרראַט. אַלע ידיעות וועגן דער באַשטימונג פון דאָזיקן טראַנספּאָרט, וואָס זענען תּחילת אָנגעלײקנט געוואָרן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת.

אין פרילינג 1928 זענען די דײטשן און ענגלענדער, אויף דער עצה פון אַ דײטשן דיפּלאָמאַטישן באַאַמטן, געקומען צו אַ הסכּם, אַז די האַמבורגער קויפמאַנשאַפט זאָל דאָס דײטשע וואָפן פירן קיין כינע נאָר אויף ענגלישע שיפן.

וואָפן-האַנדל.

דאָס, וואָס דער וואָפן-האַנדל פאַרנעמט וואָס אַמאָל אַ גרעסערן אָרט אין אַלגעמײנעם מסחר פון די פעלקער, איז אַ פועל-יוצא שוין דערפון, וואָס אַ מאָדערנע אינפאַנטעריע-דיוויזיע נאָך דער מלחמה ווײזט אויף אַ לכּל-הפּחות זיבנפאַכיקע צאָל פון קוילן-וואַרפערס: צום סוף פון דער מלחמה בערך 75 לגבּי איצט העכער 500.

לאָמיר זיך ווײטער פאָרשטעלן, אַז די נביאים פון דער „לאַנד-פאַרטײדיקונג״ פאַרלאַנגען, אַז יעדער אײראָפּײער מוז פאַרזאָרגט ווערן נישט בלויז מיט אײן, נאָר מיט מערערע גאַז-מאַסקעס קעגן די פאַרשײדענע גיפט-גאַזן, וואָס יעדער פון

זיי ווירקט אַנדערש. אויף צו פאַרזען די גרויס-שטעט און אינדוס-טריע-צענטערס פון דייטשלאַנד מיט גאַז-מאַסקעס וואָלטן נויטיק געווען מינדעסטנס צוויי מיליאַרד רייכס-מאַרק. קעגן געלבּ-קרייץ-גאַז שיצן נאָר מאַנטלען, וואָס וואָלטן דייטשלאַנד געמוזט אָפּקאָסטן מינדעסטנס צען מיליאַרד רייכס-מאַרק.

אין אַרט. 8 פון זיין סטאַטוט האָט דער פעלקער-בונד צוליבּ די „שלעכטע רעזולטאַטן פון דער פּריוואַטער וואָפן-אינדוסטריע" גענומען אויף זיך אויך „אָפן און אויף אַן אויסשעפּנדיקן אופן" צו געבן די מיטגלידער אינפאָרמאַציעס וועגן דער וואָפן-פּראָדוקציע. דערשינען איז ביז איצט איין באַנד פון 808 זייטן פון אַ ריזן-פאָרמאַט וועגן דער „קאָנפע-רענץ צו קאָנטראָלירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואָפן-, אַמוניציע- און מלחמה-מאַטעריאַל-האַנדל", וואָס איז פאָרגעקומען אין גענף פון 4. מאַי ביזן 17. יוני 1925. אין די דאָזיקע 808 זייטן איז וועגן דער עיקר-זאַך קיין וואָרט נישטאָ. סוף 1928 איז דערשינען ווייניקסטנס אַ סטאַטיסטיק וועגן וואָפן-האַנדל (אַלזאָ נישט וועגן דער וואָפן-פּראָדוקציע).

דער אַרויספיר פון וועלט-האַנדל מיט וואָפן, אַמוניציע און מלחמה-מאַטעריאַל האָט לויט דער דאָזיקער סטאַטיסטיק באַטראָפן אין דאָלאַרס:

1922	1923	1924	1925	1926
43033537	47521460	54204946	55762154	58157336

באַטייליקט לויט פּראָצ.:

	1922	1923	1924	1925	1926
דייטשלאַנד		14,5%	13,4%	13,5%	12,1%
ענגלאַנד		31,2%	24,4%	30,2%	25,5%
פאַרייניקטע שטאַטן		19,5%	18,3%	19,1%	18,1%
פראַנקרייך		16,8%	22,6%	12,8%	10,3%

דייטשלאַנד	רענטען-מאַרק	רענטען-מאַרק	רייכסמארק	רייכסמאַרק
עקספּאָרטירט	28974000	30498000	31561000	29617000
אימפּאָרט	738000	441000	318000	889000

ענגלאַנד	ענג.פונט	ענג.פונט	ענג.פונט	ענג.פונט
עקספּאָרטירט	3240800	2996000	3488200	3052700
פראַנקרייך	פראַנק	פראַנק	פראַנק	פראַנק
עקספּאָרטירט	131767000	233859000	150309000	183846000

אַ-חוץ דעם וועלט-אַרויספיר פון ספּאָרט- און יאַגד-וואָפן אין דאָלאַרס:

1922	1923	1924	1925	1926
4792333	5810835	5936493	7979341	6374403

די דאָזיקע ציפערן פון דער סטאַטיסטיק פון פעלקער-בונד ווייזן ערשטנס, אַז פון 1922 ביז 1926 וואַקסט כסדר דער אינטערנאַציאָנאַלער וואָפן-האַנדל; צווייטנס, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל מיט ספּאָרט- און יאַגד-וואָפן בילדעט דעם אַכטן ביזן צענטן טייל פון דאָזיקן האַנדל.

אַן אַנדערע קוועלע ווייזט, אַז דער וואָפן-האַנדל פון ענגלאַנד איז אין יאָר 1927 ווידער געשטיגן אויף 3737523 פונט שטערלינג (78,5 מיליאָן רייכסמאַרק). דערפאַר האָט זי געליפערט 140 אַעראָפּלאַנען, 386 אַעראָפּלאַן-מאָטאָרן, 24 שווערע האַר-מאַטן, 2085 קוילן-וואַרפערס, 28066 ביקסן, 19147 גראַנאַטן, 42759 אַרטילעריע-שראַפּנעלן, 43695264 פּאַטראָנען.

III. אַ פאַל פון פאַרפלעכטונג פון דער וואָפן-אינדוסטריע פאַר, בעת און נאָך דער מלחמה. קרופּס גראַנאַט-צינדער-פּאַטענט.

מיר האָבן געזען, אַז ניט בלויז מלחמה-מאַטעריאַלן, נאָר אויך פּאַטענטן אויסצואַרבעטן קריג-מאַטעריאַלן זענען אָפּגע-טרעטן געוואָרן אויסלאַנד: קרופּ, וועלכער האָט זיין פּאַטענט אויסצואַרבעטן ניקל-שטאָל איבערגעגעבן די צפון-אַמעריקאַנער.

דאָס אייגענע האָט זיך איבערגעחזרט ביי אַ פּאַטענט

אויסצואַרבעטן אַזוי־גערופענע גראַנאַט־צינדער, וועלכן קרופּ האָט איבערגעגעבן ענגלאַנד.

אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם אַ מיטטיילונג פון אַ זאַך־פאַרשטענדיקער קוועלע:

„אין פלאַנדערן האָט ניט איין דייטשער סאָלדאַט אויסגעהויכט זיין לעבן, צו וועלכן ס׳האָט אַ סוף געמאַכט אַן ענגלישע קויל, וואָס איר צינדער האָט די פירמע וויקערס געהאַט אויסגעאַרבעט לויט קרופּס אַ פּאַטענט, אַ צינדער, וועלכער איז זייער ענלעך געווען צום דייטשן טאָפּל־צינדער 96 (96, P 2) און האָט אין ענגלאַנד געטראָגן די באַצייכנונג KPZ 96/04. דער דאָזיקער היעראָגליף באַדייט ניט עפּעס אַנדערש ווי „קרופּ־צינדער 96/04".

אויפן סמך פון דאָזיקן אומשטאַנד האָט די פירמע קרופּ נאָך דער מלחמה אָנגעקלאָגט די פירמע וויקערס, נעמענדיק צו הילף דעם אויסערלעכן אמט און אָפּטרעטנדיק די פאָדערונג דער באַנק פאַר דייטשע אינדוסטריע־אָבליגאַציעס, וואָס איר אויפזיכט־ראַט־פאָרזיצער איז הער דר. יור. און דר. אינזש. גוסטאַוו קרופּ פון באָהלען און האַלבאַך. די פירמע קרופּ האָט געמאָנט איר צו צאָלן פּריאָריטעט מיט 1 שילינג פּראָ צינדער, וואָס עס מאַכט־אויס די היפּשע סומע פון 123.000.000 שילינג. די דאָזיקע פאָדערונג פיגורירט ביי דער פאַראייניקונג וויקערס און אַרמסטראָנג אויף דער דעביט־זייט. מ׳קאָן זייער לייכט אויסרעכענען, וויפיל די פירמע קרופּ וועט פאַרדינען אין טויט פון יעדן איינצלנעם דייטשן סאָלדאַט, וועלכער איז אומגעקומען פון אַן ענגלישן גראַנאַט אין פראַנקרייך".

אַזוי ווי צוליב כמה טעמים וועט די פירמע קרופּ ניט וועלן אויסשפּילן דעם רעכטלעכן סכסוך ביז צום סוף, דאַרף מען רעכענען דערויף, אַז זי וועט זיך מיט די ענגלישע פירמעס פאַרגלייכן, זי זאָל באַקומען אַן אומזיסטן אַנטייל אין דער

שטאָל-און וואלץ-פאבריק מיערס אין שפאניע, וועלכע געהערט צו די ענגלענדער.

אויך דאָ זעט מען ניטשעס אייביקן צוריקקער פון גלייכן. דייטשע פירשטן האָבן אַמאָל געלויבט די מסירת-נפש פון זייערע לאַנד-קינדער, ווען זיי האָבן אין ענגליש דינסט צו אונטער-דריקן די צפון-אַמעריקאַנער געפונען דעם העלדן-טויט. קרופּ מאַכט היינט די ענגלענדער אַ חשבון פון בערך 60 רייכסמאַרק פאַר יעדן קאָפּ פון די צוויי מיליאָן דייטשע טויטע, ווייל די ענגלענדער האָבן זיין גראַנאַט-צינדער געפונען פאַר אַזוי אויס-געצייכנט, אַז זיי האָבן מיט אים געהאַגלט אויף די דייטשע קעפּ.

VI. דער אינטערנאַציאָנאַל פון פּראָפעסיאָ-נעלע מיליטער-לייט.

ווען עס וואָלט אמת געווען, אַז די מלחמה דינט נאָר די צוועקן פון דער לאַנד-פאַרטיידיקונג, וואָלט יעדער אַרמיי-פירער געדאַרפט זיין מלא-שמחה, ווען ער הערט, אַז ס'איז מער נישטאָ קיינער, וואָס זאָל „אָנגרייפן". פּאַקטיש האָבן אויך באַאיזו-ערלעכע נאַציאָנאַליסטן, ווי דער יונג-דייטשער אָרדן, מערערע מאָל זיך אויסגעדריקט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט לעבן בשלום מיט די פּאַציפיסטן פון אַ נ ד ע ר ע פעלקער, אָבער נישט מיט די פּאַציפיסטן פון אייגענעם פאָלק, ווייל זיי ווילן עס, לויט פאָן זעקטס ווערטער, „ווערלאָז" מאַכן. ווייט-זיכטי-קערע מיליטאַריסטן האָבן אָבער פאַראורטיילט די פּאַציפיסטן אויך פון אַנדערע לענדער. דען זיי זאָגן זיך גאַנץ ריכטיק, אַז מ'קאָן נישט אייביק לויבן די פרעמדע פּאַציפיסטן און שעלטן די אייגענע.

„ארויסגייענדיק פון אַזאַ ווייטזיכטיקייט, האָט די פּלאַט-פּאָליטישע איבערזיכט פון „טאַשן-בוך פון די קריג-פּלאָטן", אַרויסגעגעבן פון ווייער 1928, זייער שאַרף קריטיקירט דעם פּאַקט, וואָס אַנדערע לענדער ווילן זיך מער נישט באַוואָפנען.

„שלום-פאַנטאַזיאָרן פאַר יעדן פּרייז" אין דער קיניגלעכער רעגירונג האָבן אים געוואָלט לאָזן צוזאַמענשרומפּן צו אַ קליינער וואַסער-פּאָליציי-אָפּטיילונג. ערשט אין דער לעצטער צייט האָבן זיך געלאָזט פילן השפעות, וואָס רעכענען זיך מיט דער רויערווירקלעכקייט, אין באַוווסטזיין פון דער גרויסער אויפגאַבע, וואָס די נאַטור האָט אַרויפגעלייגט אויפן קליינעם לאַנד אַלס שומר פון די דריי ים-וועגן צווישן מזרח- און צפון-ים".

אויך די דריי גרויסע דרום-אַמעריקאַנישע רעפּובליקן *) ווערן דורך ווייערן געטאַדלט, דען „זיי האָבן געמאַכט אַ זייער לאַנגע בוי-פּויזע; זי האָט אָנגעהאַלטן 15 יאָר און אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז קיין איין שיף נישט געבויט געוואָרן.

באַזונדערס לעבהאַפט פאַרנעמט זיך אָבער דער דייטשער בערגעס-פאַרטיידיקער ווייער מיטן „ערב-פיינד" פראַנקרייך. דער ווייניק-באַקאַנטער פאַקט, וואָס אין פראַנקרייך איז זייער שוואַך דער צושטראָם צום פּראָפעסיאָנעלן מיליטערטום, האָט דאָך אים געדאַרפט פאַרשאַפן אַ נחת-רוח. ער באַדויערט אָבער דעם דאָזיקן נישט-קריגערישן גייסט. ער שילדערט דאַן די אַנטימיליטאַריסטישע דעמאָנסטראַציעס אין טולאָן, וועלכע ער דערקלערט פאַר גרונדלאָז, און שרייבט צום סוף:

„ס'וואָלט געווען זייער פאַלש צו דרינגען פון די לאָקאַלע געשעענישן, אַז אין פראַנצויזישן פלאָט הערשט אַ שלעכטע דיסציפלין! דער גייסט איז דאָרט גוט, זיין מיליטערישע

---

*) די מלוכות פון אַרגענטינע און טשילע האָבן דורך אַן אָפּמאַך פון 28. מאַי 1902 באַגראָבן זייערע סכסוכים, פאַרקויפט זייערע פאַנצער-קרייצערס און פון זייערע אַרטילעריע אויפגעשטעלט ביי דער גרענעץ אַ ריזיקע סטאַטוע פון קריסטוסן, וועלכע טראָגט די אויפשריפט: פריער וועלן די דאָזיקע בערג אין שטויב צעפאַלן ווערן, איידער די פעלקער פון אַרגענטינע און טשילע וועלן ברעכן דעם שלום, וואָס זיי האָבן געשלאָסן ביי די פיס פון קריסטוסן, דעם אויסלייזער.

אויסבילדונג און שלאָגפערטיקייט שטייט היינט אויף אזאַ מדרגה, ווי זעלטן ווען פריער".

אָבער נישט בלויז די העראָישע, נאָר אויך די סענטימענטאַלע געפילן פון פראָפעסיאָנעלע מיליטער-לייט ווייסט נישט פון קיין לאַנד-גרענעצן. קעגנזייטיקע ערונגען פון מוטיקע מלחמה-לייט זענען אין אַלע צייטן פאָרגעקומען. לעצטנס איז געשען אַ באַזונדערער פאַל. ביים טויט פון דייטשן אַדמיראַל פאָן שעער האָט די בריטישע אַדמיראַליטעט סוף נאָוועמבער 1928 אויסגעדריקט דער דייטשער פלאָטלייטונג איר ביילייד. דער ענגלישער אַדמיראַל לאָרד בעאַטי האָט חוץ-דעם פערזענלעך געלויבט שעערן, דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן ענגלישע קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַל-ליבעראַלע צייטונגען.

די פאַרטיידיקער פון לאַנד, אָדער אין דעם פאַל פון די ים-ברעגעס, פון ביידע מדינות וועלן דאָס אַלץ געפינען פאַר זייער ריירנדיק — פאַר ביידע אַדמיראַלן. זיי האָבן אָבער געדאַרפט זייער מיליטערישע מעלות פערזענלעך אויספרווון אויף זיך אַליין! מ'דאַרף אָננעמען, אַז באַזונדערס די 2414 דייטשן פון דער ים-שלאַכט ביי סקאַגעראַט וועלן פון ים-אָפּגרונט אַרויספרעגן, צי דער פאָליטישער ווינט האָט זיך אויסגעדרייט, דען זיי זענען דאָך געזונקען אין תהום מיטן רוף „גאָט שטראָף ענגלאַנד!"

V. צי איז די נאַציאָנאַליזירונג פון דער וואָפן-אינדוסטריע אַ הייל-מיטל?

1. אַלגעמיינעס.

האָט פריער נישט בלויז ביי די סאָציאַל-דעמאָקראַטן געגאָלטן פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז דורך דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער וואָפן-אינדוסטריע וועט בטל ווערן איר השפעה אויף די מלחמה-אָנרייצונג. זע לויאָ ברענטאַנאָס

אויספירונגען אין דעם פרט אין צוזאמענהאנג מיטן קרופ־פראָצעס פון 1913. וועהבערג האָט אין זיין ווערק „די אינטער־נאַציאָנאַלע באַגרענצונג פון די באַוואָפנונגען“ געווידמעט דעם פּראָבלעם א באַזונדער קאַפּיטל און ער פאַרענטפערט עס אינגאַנצן פּאָזיטיוו.

אָבער היינט, ווען מיט איין באַוועגונג קאָן די פאַברי־קאַציע פון זיסן צוקער אויף גיפט־גאַז און פון קונסט־זייד אויף אויפרייס־שטאָפן אומגעשטעלט ווערן, איז שוין נישט מעגלעך אָנצוצייכנען גענוי גרענעצן פאַר דער אוממיטלבאַרער וואָפן־אינדוסטריע. „אויב אַזוי מוז מען די גאַנצע פּראָדוקציע נאַציאָנאַליזירן“, וועט א סאָציאַליסט אויסרופן. היות מיר שרייבן דאָס דאָזיקע בוך נישט פון שטאַנדפּונקט פון א סאָציאַליסט, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון לאַנד־פאַרטיידיקער, וועט דער לעצ־טער דערקלערן: „אז לאַנג קאָנען מיר נישט וואַרטן. און ווייל די לאַנד־פאַרטיידיקונג ווערט געשטעלט אין סכנה דורך אַרויס־פיר און פּראָפיט, פאַרלאַנגען מיר ראשית־כל אויסצושליסן די מעגלעכקייט פון פּראָפיט. לאָזט זיך דאָס דערגרייכן דורך נאַציאָנאַליזאַציע — איז גוט; אויב נישט, זייט זיך מיישב, איר הויכע הערן מלוכה־פירער און פאָלק־פאַרטרעטער, און טראַכט־אויס אַנדערע געזעצלעכע מיטלען, זאָל זיין פּראָהי־ביטיוו־שטייערן, דורך וועלכע דער פּראָפיט ביי דער באַוואָפנונג זאָל אוממעגלעך ווערן.

די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער וואָפן־אינדוסטריע מוז דוקא פירן צו דער אָפּשאַפונג פון דער פּראָפיט־ווירטשאַפט און פון אַנדערע מלחמה־העצערישע השפעות.

אין דייטשלאַנד, למשל, איז די שאַפונג פון אייגנטלעכן מלחמה־אַפּאַראַט אין א זייער באַדייטנדיקער מאָס אוממיטלבאַר געווען פּראָפיטלאָזער מלוכה־באַטריב. דער דאָזיקער צושטאַנד איז א פּועל־יוצא פון דער צייט, ווען עס האָט נאָך בכלל נישט עקזיסטירט קיין פּריוואַט־אינדוסטריע. עס זענען געווען מלוכהשע געווער־פאַבריקן אין דאַנציג, ערפורט, שפּאַנדוי, אַרטילעריע־ווערקשטאַטן אין דאַנציג, ליפּשטאַט, שפּאַנדוי און

שטראַסבורג אין ע., ווייטער פאַבריקן פון אַמוניציע, קוילן און פולווער אין פאַרשיידענע ערטער (האַנוי, זיגבערג).

ליכווע אָן אַ גרענעץ האָט אָבער דער מלחמה־פּראָפיט געטריבן באַזונדערס בעת דער מלחמה גראָד אין דייטשלאַנד. אַלע פּרוּוון צו רעדוצירן די ריזן־רווחים פון דער שווער־אינדוסטריע זענען מיאוס דורכגעפאַלן.

אין אַנדערע לענדער האָט מען לכל־הפחות געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פון דער דאָזיקער לאַגע, אויף וואָס די דייטשע מיליטערישע קרייזן האָבן אַליין אויפמערקזאַם געמאַכט. דער שוין דערמאָנטער אַנאָנימער אַרטיקל פון בייהעפט צום מיליטער־וואָכנבלאַט 1926, „דיווירטשאַפטלעכע הכנות פון די אויס־ענדישע מלוכות צו דער מלחמה פון דער צוקונפט" דערציילט וועגן דער „באַגרענצונג פון די רווחים" אין ע נ ג ל אַ נ ד:

„כדי נישט צו דערלאָזן [illegible] איבערמעסיקע רווחים פון דער אינדוסטריע, איז דורך אַ געזעץ פון 2 יולי 1915 (Munitions of war act) דערפאַר אַ געוויסע באַגרענצונג פעסט־געשטעלט געוואָרן" (ז. 29).

וועגן די פ אַ ר ״ נ י ק ט ע ש ט אַ ט ן פ ו ן אַ מ ע ר י ק ע געפינט זיך אין דער זעלבער קוועלע (ז. 48) פאָלגנדיקע וויכטיקע מיטטיילונג:

„ק ר י ג ־ ר ו ו ח י ם א ו ן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ש כ י ר ו ת. צוויי פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַן אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פאַרן אַנטגילטיקן דערפאָלג, זענען די פראַגע פון נישט צולאָזן צו איבערמעסיקע רווחים פון דער וואָפן־אינדוסטריע און פון דער הויך פון דער אַרבעטער־שכירות. אויף צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגן איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט געמאַכט פאַרשידענע פאָרשלאַגן. אַן אַנטגילטיקע לעזונג איז אָבער ביז איצט נישט געפונען געוואָרן. צו אַ הספם איז מען אייגנטלעך געקומען

נאָר איבער דעם, „אַז בעת דער זעלנער איז מקריב זיין לעבן און פאַרמעגן, דאַרף די אינדוסטריע אויף זיין חשבון נישט רייך ווערן", און אויך איבער דעם, אַז דורך פיר וועגן קאָן מען פאַרמיידן איבערמעסיקע רווחים: איבערנעמען דאָס קאַפּיטאַל, אינדוסטריעלע איינריכטונגען פאַרוואַנדלען אין אַ מלוכה־באַטריב, האָבן אַ השפעה אויף די באַשטימונג פון די פרייזן, העכערן די שטייערן".

דער רעזולטאַט פון די באַטראַכטונגען פון דער דאָזיקער ספּעציעלער קאָמיסיע פון אַ הויך־קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, דעקט זיך אַלזאָ פולשטענדיק מיט די דאָ פאַרטרעטענע פאָדערונגען פון אַ לאַנד־פאַרטיידיקער. ער דאַרף אָבער פאַרברייטערט ווערן אין דעם זין, אַז נישט בלויז „איבערמעסיקער" ריוח, נאָר דער ריוח ביי דער לאַנד־פאַרטיידיקונג בכלל דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן, ווי דאָס נייע פּראָוויזישע געזעץ האָט עס געפּרוווט טאָן, אָבער נישט דורכגעפירט.

2. די דייטש־רוסישע וואָפן־פאַרפלעכטונג

אין דער סאָוויעטן־מלוכה איז די וואָפן־אינדוסטריע, ווי יעדע אַנדערע פאָרם פון דער גרויס־אינדוסטריע, אין די הענט פון דער מלוכה. זי אַנטוויקלט זיך פּאַקטיש אָן פּראָפיט־ווירטשאַפט. אָבער ריין־פּאָליטישע טעמים האָבן געטריבן צו מיליטערישע אָפּמאַכן מיט דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1918, פון וועלכע מ'האָט שוין זייט 1919 גערעדט, זיי זענען אָבער אַלץ אינאיינעם אָפּגעלייקנט געוואָרן.

די וואָפן־געמיינשאַפט צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד האָט באַזונדערס אַרומגענומען די הויפּט־געביטן פון דער מאָדערנער מלחמה־טעכניק, די גיפט־גאַז־פאַבריקאַציע און די פלי־טעכניק.

די גיפט-גאַז-פאַבריקאַציע האָט געאַרבעט הינטער די שליירן, הינטער וועלכע עס קומט פאַר יעדע באַוואָפנונג, דאָ אָבער האָבן זיי צוליב די התחייבותן פון ווערסאַלער טראַקטאַט נאָך געדיכטער געמוזט זיין געוועבט, ווי תמיד. דעם 20 מאַי 1928 האָט אָבער דאָס אַזוי גערופענע האַמבורגער גיפט-גאַז-אומגליק צעריסן דעם דאָזיקן שלייער, נאָכדעם, ווי שוין אין די פריערדיקע יאָרן האָבן די פעלקער אין די פאַרשיידנסטע ערטער פון דער וועלט דורך קלענערע אומגליק-פאַלן באַקומען אַ בילד פון דעם, וואָס די נאָענטסטע מלחמה וועט מיט זיך פאָרשטעלן. די דאָזיקע אַלע פאַלן — ביי געגנף, אין דרום-פראַנקרייך, אין דער לינעבורגער היידע, ביי פראַנקפורט א. מ. א. אַ. וו. — זענען פאַרטושט געוואָרן. ס׳איז אָבער נישט געלונגען איינגאַבצן צו פאַרהוילען פאַר דער עפענטלעכער מיינונג די אומגעטלבאַרע ווירקונג פון אויפרייס (20. מאַי 1928 אין האַמבורג) פון אַ לאַגער, וואָס וועגן זיין אינהאַלט האָט מען זיך געאַמפערט — לפנים זיך געאַמפערט — צי ס׳איז געווען פאָסגען, צי אַלטער אָדער נייער פאָסגען, צי „בערזאַל“, ד. ה. אַ באַשטימטער קאַמף-גאַז. אין רעזולטאַט פון דער עקספּלאָזיע זענען געשטאָרבן עלף פערזאָן, אַ גרויסע צאָל איז שווער קראַנק געוואָרן. נאָר אַ דאַנק אַ צופעליקער ווינט-ריכטונג האָט זיך נישט אַנטוויקלט אַ ריכטיקע מלחמה אין שלום-צייט מיט הונדערטער טויטע. די געליטענע האָבן געמוזט שאַפן אַ פאַרבאַנד מיטן צוועק צו זיכערן זייערע פרעטענזיעס, ווייל די גרויסע רעפובליק פון דער מלוכה און די קליינע רעפובליק פון דער שטאָט האַמבורג האָבן זיך גו[illegible] געצוועגן לויט הײַנריך היינעס אומשטערבלעכן רעצעפּט: „און אַזוי ווי ס׳האָט קיינער נישט געוואָלט ליידן, אַז דער אַנדערער זאָל פאַר אים צאָלן, האָט נישט געצאָלט קיינער פון ביידן“.

דעמאָלט איז געקומען אַ ריי פון דערקלערונגען, פול מיט די שאַרפסטע סתירות, וועגן מהות און סבה פון דאָזיקן אומגליק.

דורכן האַמבורגער אומגליק איז באַקאַנט געוואָרן דער פּסק-דין פון שידס-געריכט, וואָס איז דעם 15. מאַי 1925 אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דער אָנגעלעגנהייט פון דער כעמי-שער פאַבריק פון ד"ר הוגא שטאָלצנבערג אין האַמבורג און פון ווירטשאַפט-קאַנטאָר אין בערלין. דאָס שידס-געריכט איז באַשטאַנען פון געהיים-ראַט פ. האַבער אַלס סופּעראַרביטער, אָבערלאַנד-געריכט-פּרעזידענט ד"ר מיטלשטיין און פּראָפ. ד"ר פאָן מעלענדאָרף אַלס בייזיצערס. דאָס שידס-געריכט האָט באַקומען אַ האָנאָראַר פון 150,000 רייכסמאַרק. די תּביעות פון ביידע צדדים זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דער פּסק-דין באַלייכט די פאַרהעלטענישן, וואָס זענען שוין פריער באַקאַנט געוואָרן דורך פאַרעפנטלעכונגען פון רייכסטאַג-דעפּוטאַט קינסטלער. שטאָלצנבערג האָט אין אויסלאַנד, ד. ה. אין רוסלאַנד, געזאָלט איינאָרדנען אַ פאַבריק פאַר גיפט-גאַז-פּראָדוקציע. דער אָפּמאַך וועגן דעם איז דעם 16. אָקטאָבער 1923 אָפּגעשלאָסן געוואָרן מיט אַ „געזעלשאַפט צו אונטערשטיצן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען" אין בערלין, וועלכע האָט שפּעטער זיך משנה-שם געווען אויף „ווירטשאַפטס-קאַנטאָר". די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געווען אַ גרינדונג פון דער דייטשער רייכסווער. ס'איז איבעריק זיך אָפּצושטעלן אויף די איינצלנע פּונקטן פון דער תּביעה. עס האַנדלט זיך וועגן אַ תּביעה פון 4.814.159.22 רייכסמאַרק. וויכטיק איז פאַר אונז נאָר די ווענדונג, אַז די אַנטוויקלונג פון אָפּמאַך-אָביעקט, וואָס איז פאַרגעזען געוואָרן ביים אָפּשליסן דעם אָפּמאַך, איז „דורך פאַרהעלטענישן, איבער וועלכע דער תּובע (פירמע שטאָלצנבערג) האָט קיין שליטה נישט געהאַט, האָט אָנגענומען אַן אומגינסטיקע פאַר אים ווענדונג".

די דאָזיקע ווענדונג איז געווען דייטשלאַנדס לאָקאַרנאָ-פּאָליטיק פון 1925, וואָס האָט לויזער געמאַכט די צוזאַמענאַרבעט מיט רוסלאַנד. דר. שטאָלצנבערג האָט דורך דעם געליטן בעשעפטלעכע היזקות, אויף וואָס ער האָט אין אינטעראַיוס מערערע מאָל זיך באַקלאָגט.

מיר זעען בכן דאָ קלאָר, אומגעקערט ווי ביי קרופּ פון 1850 ביז 1870, אַז אַ פּאָליטישע אַנטוויקלונג קאָן אויך שאַדן ברענגען אַ וואָפן-פאַבריקאַנט. קרופּ וואָלט פּונקט אַזוי געוועין פאַרדינט ביי שניידער-שערן, אָבער די תקופה פון נאַפּאָלעאָן III. — ביסמאַרק האָט פאַרלאַנגט מער קאַנאָנען ווי שניידער-שערן. שטאָלצנבערג איז גרייט געווען די לונגען פון יעדן מערב-אייראָפּייער פול אָנצובלאָזן מיט גיפט-גאַז, אָבער בערלינער מאָסקווע-פּאָליטיק, וואָס איז וואָס אַמאָל מער געבליבן שטעקן, האָט זיינע שיינע זאַפּאַסן געלאָזט פאַרפוילט ווערן, ביז זיי האָבן עקספּלאָדירט. אַ ווייטערדיקער פּועל-יוצא איז אָבער געווען דאָס, אַז די מערב-אייראָפּייער, וועלכע האָבן לכתחילה געזאָלט דערשטיקט ווערן מיט די דאָזיקע גיפט-גאַזן, האָבן די זאַך נישט מער גענומען אַזוי שטרענג.

שפּעטערדיקע ווייטערע פאַרעפנטלעכונגען פון רייכסטאַג-דעפּוטאַט קינסטלער אויפן סמך פון רייכסווער-אַקטן האָבן נאָכמער אַראָפּגעריסן דעם שלייער איבער די סודות אַרום האַמבורג. (קינסטלערס אַרטיקלען אין דער „לייפּציגער פאָלקס-צייטונג" פון 5, 8, 9, 10, 13, 15. אָקטאָבער 1928).

ווי קינסטלער דערציילט, איז דורך אַן אינסטיטוציע פון דער דייטשער רייכסווער, דורך דער „געפו" ד. ה. דורך יענער „געזעלשאַפט צו אונטערשטיצן אינדוסטריעלע אונטער-נעמונגען מ. ב. ה", וואָס צו איר דיספּאָזיציע זענען געשטאַנען 70 מיליאָן רייכסמאַרק, אין טראָצק, סאַמאַרער גובערניע, אויפגעבויט געוואָרן, נעבן אַעראָפּלאַן-פאַבריקן, אויך די גיפט-גאַז-פאַבריק פון דר. הוגא שטאָלצנבערג. דער גענעראַל פאָן זעעקט האָט אַלס שעף פון דער דייטשער אַרמיי-לייטונג אין אַ געהיימען בריוו פון 18. אויגוסט 1924 № 494—24 דערקלערט: „איך אַקצעפּטיר די האַנדלונג פון דער „געפו" אין אַלע פּרטים".

די אַעראָפּלאַן-בוי-געמיינשאַפט פון דייטשלאַנד און רוס-לאַנד איז געווען מיגדעסטנס פּונקט אַזוי ברייט, ווי די גיפט-גאַז-

פאַבריקאַציע. אויך וועגן דעם אינפאָרמירן קינסטלערס אַרטיקלען.

„שוין אין הערבסט 1921 האָט דאָס רייכסווער-מיניסטעריום צוליב מיליטערישע טעמים געוואָלט באַלד שאַפן אַ לופט-פלאָט".

דעם 15. מערץ 1922 ווערט דאַן דער פירמע יונקערס אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען אָנפאַרטרויט די פאַבריקאַציע פון קאָסטנס, ד. ה. אַעראָפּלאַנען, אין ר. (רוסלאַנד). דער אָפּמאַך אין פינף פאַראַגראַפן איז ווערטלעך מיטגעטיילט. יערלעך האָבן געזאָלט געבויט ווערן 299 אַעראָפּלאַנען, פון וועלכע די רוסן האָבן באַקומען נאָר 60, די איבעריקע דייטשלאַנד.

שפּעטער איז עס געקומען צו דעם געוויינלעכן קראַך צווישן יונקערס און רייכסווער-מיניסטעריום. נאַטירלעך צוליב געלט, פּונקט ווי שטאָלצנבערג און פריער קרופּ האָבן געהאַט אַזעלכע סכסוכים. גענעראַל פאָן זעקט האָט פערזענלעך זיך אַריינגעמישט מיט יענעם לאַנגן בריוו פון 16 זייטן, 18. אויגוסט 1924. זעקט וויל מיט דעם בריוו באַרואיקן יונקערס בנוגע דעם געלט-סכסוך. ס'איז העכסט פּיקאַנט צו לייענען, ווי דער אַנטי-באָלשעוויק זעקט זאָרגט זיך וועגן דער שאַפונג פון „רויטן לופט-פלאָט" און וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע-צווייג אין רוסלאַנד, וועלכער זאָל אונזער באַוואָפנונג ברייגען נוצן".

אַ חוץ גיפט-גאַז און אַעראָפּלאַנען זענען אָבער לויט קינסטלערס מיטטיילונגען אַרויסגעפירט געוואָרן פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד אויך אַרטילעריע- און אינפאַנטעריע-אַמוניציע. די ליפערונגען זענען פאָרקומען ביז סוף 1926.

די דאָזיקע גאַנצע פאַרבינדונג פון דער דייטשער און רוסישער באַוואָפנונג איז אָבער קאַליע געוואָרן נישט מחמת דעם, וואָס איינער פון דיביידע פאַרטנערן האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דער אינערלעכער פּאָליטיק פון צווייטן צד, וואָס שטייט אין אַזאַ שאַרפער סתירה צו זיין אייגענער פּאָליטיק, נאָר צוליב דעם, וואָס די האָפנונגען, וואָס דייטשלאַנדס

מיליטערישע קרײַזן האָבן דערמיט פֿאַרבונדן, האָבן נישט גע־קאָנט דערפֿילט ווערן. די רוסישע פּראָדוקציע בלײַבט נאָך אַ לאַנגע צײַט צו שוואַך.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע באַציאונגען צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד זענען אויך דער אַנטאַנט געוואָרן באַקאַנט. געהײמע באַוואָפֿנונגען פֿון אַזאַ אומפֿאַנג, אַז זײ שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ מיליטערישן גרויסקײט־פֿאַקטאָר, אַפֿילו אַן אַנטשײדנדיקן גרויסקײט־פֿאַקטאָר, קאָן מען אַ לאַנגע צײַט נישט באַטרײַבן. ס'איז דעריבער קײן חידוש נישט, וואָס דעם 29. יוני 1927 האָט דער דעפּוטאַט אונטערפֿאָלקאָוניק סיר פֿרעדעריק האַל זיך געווענדעט אין ענגלישן אונטערהויז צו דער ענגלישער רעגירונג מיט אַן אָנפֿראַגע וועגן די גיפֿט־גאַז־גראַנאַטן. דער וויצע־מיניסטער לאָקער־לעמפּסאָן האָט גע־ענטפֿערט;

„מיר איז געגעבן געוואָרן צו פֿאַרשטײן, אַז דער אַרײַנפֿיר פֿון וואָפֿן און אַמוניציע פֿון רוסלאַנד קײן דײַטשלאַנד, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן עבירה קעגן אַרט. 170 פֿון ווערסאַלער טראַקטאַט, האָט שוין איצט אויפֿגעהערט און אַז אַלע טראַנזאַקציעס אין צוזאַמענ־האַנג מיט אַזאַ אַרײַנפֿיר זײַנען ליקווידירט געוואָרן. אויב עס וועלן אין דער צוקונפֿט באַוווּסט ווערן וועלכע עס איז ווײַטערדיקע עבירות קעגן טראַקטאַט ספּעציעל אין דעם פּרט, וועט נאַטירלעך מעגלעך זײַן וועגן דער פֿראַגע מודיע צו זײַן דעם פֿעלקער־בונד אויפֿן סמך פֿון אַרט. 213 פֿון ווערסײַלער אָפּמאַך.

סיר פֿ. האַל: צי האַלט עס מײַן ערווירדיקער פֿרײַנט ניט פֿאַר ריכטיק און געוווּנטשן, מחמת דעם, וואָס די דײַטשע רעגירונג האָט עובר געווען אויף דעם אַרטיקל, צו פֿאַרלאַנגען פֿון איר די גאַראַנטיעס, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט אין לעצטן טײל פֿון דער פֿראַגע?

מ ר. ל אָ ק ע ר - ל ע מ פּ ס אָ ן: איך הער, אַז די דאָזיקע צוויי טראַנזאַקציעס זיינען פאָרגעקומען צווישן צוויי אונטערגעאָרדנטע דעפּאַרטאַמענטן פון ביידע רעגירונגען. עס האַנדלט זיך ניט וועגן אָפיציעלע טראַנזאַקציעס צווישן רעגירונגען. די דייטשע רעגירונג האָט זייט דעמאָלט קלאָר זיך אַרויסגעזאָגט, אַז זי איז קעגן די דאָזיקע טראַנזאַקציעס און זי האָט צו זיי געמאַכט אַ סוף".

די דאָזיקע דערקלערונג איז זייער חידושדיק, ווען מען איבערלייגט זיך, אַז מיט ד ר י י י אָ ר (!) פריער האָט דער שעף פון דער דייטשער אַרמיי-לייטונג פאָן זעקט אין אַ לאַנגען בריוו פון 16 זייטן אַקצעפּטירט א י ן א ל ע פ ר ט י ם "די דאָזיקע טראַנזאַקציעס". דער ענגלישער פאַרטרעטער רעדט וועגן די דאָזיקע טראַנזאַקציעס, ווי וועגן טראַנזאַקציעס "צווישן צוויי אונטערגעאָרדנטע דעפּאַרטאַמענטן פון ביידע רעגירונגען". זעקט איז אָבער פון 9 נאָוועמבער 1923 ביז מערץ 1924 געווען דער אינהאַבער פון דער אוי ספּירנדיקער מאַכט אין דייטשלאַנד!

די דאָזיקע דערקלערונג פון דער ענגלישער רעגירונג ווייזט אָבער נאָך אַן ערנסטע זייט פאַר דער צוקונפט. דען איר פאָרם און דער פאַקט, וואָס דעפּוטאַט קינסטלער האָט מיט אַ יאָר שפּעטער געקאָנט פאַרעפנטלעכן דאָקומענטן, וואָס דאָס אַרויסטראָגן זיי אויף די ליכטיקע שיין וואָלט אים פריער, ווי דאָס איז שוין אַמאָל געווען דער פאַל, אויסגעשטעלט אויף די סכנה פון תפיסה-שטראָף, זענען אַ בולטער באַווייז, אַז דער פּאָליטישער ווינט אין דייטשלאַנד דרייט זיך. אין מערץ 1928 זענען אין דייטשן רייכסטאַג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַזוי-גערופענער לאָהמאַן-אַפערע אַרומגערעדט געוואָרן זאַכן, וואָס זאָגן עדות, אַז "אונטערגעאָרדנטע דעפּאַרטאַמענטן פון ביידע רעגירונגען" מאַכן היינט ווידער "טראַנזאַקציעס". דאָס מאָל זענען עס אָבער אַ פּנים דעפּאַרטאַמענטן פון דער דייטשער און פון דער ענגלישער רעגירונג.

מיר זעען, אַז די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער וואָפן־אינדוסטריע אין רוסלאַנד פאַרהיט נישט פון מיליטערישע אָפּמאַכן מיט אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, ווי דייטשלאַנד. דאָס בסוד־האַלטן אַזעלכע מיליטערישע אָפּמאַכן איז אָבער פונקט אַזאַ גרויסע שטערונג פאַר דער פרידלעכער אַרבעט־געמיינשאַפט פון די פעלקער, ווי די פּראָפיט־ווירטשאַפט פון דער וואָפן־אינדוסטריע. פאַראייניקונגען צום ערלעכן שוץ פון שלום קאָנען נאָר עפנטלעך פאָרקומען, ווי דער פעלקער־בונד האָט דאָס תחילת געפּלאַנט.

3. דער עקספּערימענט פון די סקאָדאַ־פאַבריקן.

אַן אַנדערע אייגנאַרטיקע פאָרם האָט ווידער אויפגעוויזן די אַנטוויקלונג פון דער וואָפן־אינדוסטריע אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער רעפּובליק.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז געלעגן איינע פון די גרעסטע וואָפן־אונטערנעמונגען פון דער וועלט, די סקאָדאַ־פאַבריקן, פון דעם זעלבן יחוס, וואָס וויקערס, שניידער, קרופּ, פּוטילאָוו. אַז די האַבסבורגער מאָנאַרכיע איז זיך צעפאַלן, האָבן די שעפער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, מאַסאַריק און בענעש, אָנגעוויזן די סקאָדאַ־פאַבריקן אַ ראָליע, וואָס איז געלעגן אויף דער ליניע פון יענע פּרינציפּן, וואָס אויך ווילסאָן האָט זיי אין 1918 געהאַט פּראָקלאַמירט און לויט וועלכע די פּריוואַטע וואָפן־אינדוסטריע בכלל האָט געזאָלט פאַרווערט ווערן.

די אַנטוויקלונג איז אָבער געגאַנגען אין אַן אַנדערן וועג. מ׳זעט אים אַרויס פון דעם געדענק־בוך „צען יאָר שלום־אַרבעט פון די סקאָדאַ־פאַבריקן", וואָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיטן צען־יעריקן יובילעאום פון דער אויפלעבונג פון טשע־כאָסלאָוואַקיע אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „פּראַגער פּרעסע".

לויטן דאָזיקן בוך האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָנען פון די סקאָדאַ־פאַבריקן געזיכערט די אינטערעסן פון דער פראַנצויזישער פירמע שניידער־קרעזאָ (די מלוכה זאָל זיין

באטייליקט מיט 50 פראָצענט). דאָס בוך שאַצט־אָפּ די שלום־
אַרבעט פון די סקאָדאַ־פאַבריקן: פּראָדוקציע פאַרן באַדאַרף
פון שלום. אָבער. אויף דער אויטאָמאָביל־אויסשטעלונג אין
פּראַג אין סעפּטעמבער 1928 ווערן (לויטן דייטשן „מיליטער־
וואָכנבלאַט" № 19 פון 18. נאָוועמבער 1928) אויסגעשטעלט
סקאָדאַ־האַרמאַטן ביז 30,5 צמ. קאַליבער מיט דער מאָדערנסטער
מאָטאָר־ און טראַקטאָרן־טרייב־קראַפט, טענקס א. א. וו. סקאָדאַס
42־ער האַרמאַטן פון 1914 זאָלן לויטן אורטייל פון מבינים
בעסער זיין ווי קרופּס באַרימטע „דיקע בערטע".

וויכטיק פאַר אונזער באַטראַכטונג איז די פאַרבינדונג
פון די סקאָדאַ־פאַבריקן מיט פּוילן און רומעניע. וועגן דעם
אינפאָרמירט דאָס דערמאָנטע בוך:

„אין דער פּוילישער רעפּובליק האָבן די סקאָדאַ־
פאַבריקן מיט דער הסכמה פון די רעגי־
רונג־פאַקטאָרן אין יאָר 1926 געווונען אַ דעצי־
דירנדיקע השפּעה אין דער געזעלשאַפט „פראַנקאָפּאָל"
אין וואַרשע, וואָס איז אונטער איר פירונג אַלס „פּוילישע
סקאָדאַ־פאַבריקן" (Polskie Zakłady Skody) אין אַן אַגראַ־
פלאַן־מאָטאָרן־פאַבריק רעאָרגאַניזירט געוואָרן. אַרום סוף
1927 האָבן די דאָזיקע פאַבריקן, ביי דער באַטייליקונג
פון העכסטן רעפּרעזענטאַנט פון דער פּוילישער רעפּובליק,
געעפנט דעם רעגלמעסיקן באַטריב. די באַשעפטיקונג
פון די דאָזיקע פאַבריקן וואַקסט אין אַזאַ מאָס, אַז מען
איז צוגעטרעטן אָנצושליסן ווייטערדיקע פּראָדוקציע־
צווייגן (עלעקטראָטעכנישע און קאַבל־פאַבריק).

אין יאָר 1927 האָבן זיך די סקאָדאַ־פאַבריקן באַ־
טייליקט אין דער דערווערבונג פון דער מערהייט אַקציעס
פון דער „Uzinele Metalurgice in Plocsti" ביי בוקאַ־
רעסט (רומעניע), וועלכע ווערט אונטער איר פירונג
רעאָרגאַניזירט".

ווייטער ווערט באַקאַנט, אַז רומעניע שליסט־אָפּ מיט

סקאָדאַ לאַנג-טערמיניקע ליפערונג-אָפּמאַכן (ביז צו 40 יאָר). דאָס קאַפּיטאַל שטאַמט פון דעם איבעריקן אייראָפּע, אויך דייטשלאַנד איז אין דעם באַטייליקט, דער געוועזענער קעגנער פון רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע.

דער אַרויספיר פון וואָפן, אַמוניציע און מלחמה-מאַטעריאַל פון טשעכאָסלאָוואַקיע האָט לויט דער סטאַטיסטיק פון פעלקער-בונד זיך אַנטוויקלט אויף פאָלגנדיקן אופן — אין דאָלאַרס:

1922	1923	1924	1925	1926
1331711	1403689	2540659	897326	8298576

אין יאָר 1927 איז דער אַרויספיר ווידער צוריקגעגאַנגען אויף 3800600 דאָלאַר.

דער עקספּערימענט פון די סקאָדאַ-פאַבריקן לערנט אונז, אַז אויך אַ ווייט-גייענדיקע באַטייליקונג פון דער מלוכה קאָן נישט אָפּשאַפן דעם נאַטירלעכן אָפּזאַץ-צוואַנג פון אַ וואָפן-אינדוסריע, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מלוכה, וואָס נעמט ערנסט די לכתחילהדיקע פלענער פון פעלקער-בונד. אין די באַוואָפנונגען גופא ליגט פאַרבאָרגן די סכנה פון דער מלחמה, ווען זיי זענען איינגעשטעלט אויף עקספּאָרט און פּראָפיט, אַלץ-איינס, צי זיי ווערן באַטריבן דורך אַ מלוכה, אַן אַקציען-געזעלשאַפט אָדער אַן איינצלנעם אונטערנעמער.

4. די „אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון דער נאַציע פאַר מלחמה-צייט" אין פראַנקרייך.

דער געדאַנק, וואָס ווערט פאַרטרעטן אין דאָזיקן בוך, אַז ביי אַ ריינער לאַנד-פאַרטיידיקונג איז אַ פּראָפיט ביים מלחמה-באַטריב אַן אומזין, איז צו קלאָר, אַז ער זאָל נישט אַריינדרינגען אין באַוווסטזיין פון יענע קרייזן, וואָס האַלטן אויסדריקלעך, אַז די אַרמיי האָט נאָר אויסצופירן די ראָליע פון לאַנד-פאַרטיידיקונג. דאָס געשעט איצט אין פראַנקרייך. כדי צו פאַרווירקלעכן די אידעען פון זשאַן זשאָרעס אין זיין

„נייער אַרמיי" איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ געזעץ, וואָס דערהויבט צום פּרינציפּ די לאַנד-פאַרטיידיקונג און נאָך די לאַנד-פאַרטיידיקונג. דאָס איז אויך געווען די אידעע פון דער „לאַנדוועהר", וואָס איז אין יאָר 1813 געשאַפן געוואָרן אין פּרייסן און וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט פאַריאָגט.

לגבי דער לעצטער אַנטוויקלונג פון דער מלחמה-טעכניק זענען נאַאיוו די פריערדיקע פאָרמען פון דער לאַנד-פאַרטיידיקונג. „פאַרטיידיקונג" וועט היינט אפילו פאַרן גרעסטן רודף-שלום באַדייטן, אַז ער מוז דעם מיליטערישן קעגנער מקדים זיין מיט אַן אָנגריף אויפן צענטער פון לעבן. ערפאָלגרייכע פאַרטיידיקונג הייסט היינט: דעם קאַמף טראָגן אין געביט פון שונא.

די „לאַנד-פאַרטיידיקונג" פאָדערט, פאַרשטייט זיך, הכנות. דאָס פראַנצויזישע געזעץ זעט פאָר צו דעם צוועק אַ מאָדערנעם אויסבוי פון די פראַנצויזישע מזרח-פעסטונגען. די הוצאות זענען פּרעלימינירט אויף 7 מיליאַרד פראַנק, 1 מיליאַרד דייטשע רייכסמאַרק. תחילת האָט מען דערביי געפּלאַנט אויסצושליסן יעדע מעגלעכקייט פון פּראָפיט. די פראַנצויזישע אינדוסטריע האָט אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וועט זיך דאַן מיט דער לאַנד-פאַרטיידיקונג נישט אינטערעסירן. באַלד האָט דער פּאַרלאַמענט נאָכגעגעבן. פון דער גאַנצער אידעע איז געבליבן דער אַרטיקל 10:

„די הילף-מיטלען, וואָס זענען נויטיק צו דער זיכערונג פון דער לאַנד-פאַרטיידיקונג און דער דערנערונג פון דער ציוויל-באַפעלקערונג און פון דער אַרמיי, ווערן דערגרייכט אָ ד ע ר אויפן וועג פון אַ גוטוויליקן הסכם, דערביי דאַרף אָבער דער אָפּגעמאַכטער פאַרדינסט נישט גרעסער זיין פון דעם פּריז, וואָס ווערט געצאָלט ביי אַ רעקווירציע, אָ ד ע ר דורך רעקוויזיציע.

די פּרייזן, וואָס די מלוכה באַצאָלט, דאַרפן אין קיין פאַל נישט איבערשטייגן די קאָסטן.

יעדער ריוח געהערט דער מלוכה".

דער אַרטיקל 11 שטעלט פעסט די פּרטים פון די דאָזיקע באַשטימונגען.

דאָס קלינגט זייער שיין. אָבער נאָר פאַרן פאַל פון אַ מלחמה! איצט פרעגט זיך, וויפיל דערפון וועט בלייבן ביים אויסברוך פון אַ מלחמה נאָכדעם, ווי די אינדוסטריע האָט שוין פאַר דער מלחמה דורכגעפירט איר ווילן!

5. די אַנטוואָפנונג-פאָרשלאַגן פון דער סאָוויעט-אוניאָן בנוגע דער וואָפן-אינדוסטריע.

אויך די אַנטוואָפנונגס-פאָרשלאַגן פון דער סאָוויעט-אוניאָן צו דער גענפער אַנטוואָפנונגס-קאָנפערענץ האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון דער וואָפן-אינדוסטריע. די דאָזיקע פאָרשלאַגן האָבן דאָס פרינציפּיעלע פּראָבלעם: מלוכהשע, אָדער פּריוואַטע וואָפן-אינדוסטריע, לחלוטין נישט באַרירט. היות אין יסוד פון די דאָזיגע פאָרשלאַגן ליגט די פולשטענדיקע אָפּשאַפונג פון יעדער באַוואָפנונג, איז דאָס אויך פאַרשטענדלעך.

די פּאַראַגראַפן 34 ביז 36 פון די אַנטוואָפנונג-פאָרשלאַגן פון דער סאָוויעט-אוניאָן, וואָס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן אין גענף אין מערץ 1928 זענען פאָלגנדיקע מיטלען פאַר דער צייט נאָך דער דורכגעפירטער אַנטוואָפנונג, וואָס עס דאַרף געשען אין משך פון פיר יאָר:

פּאַראַגראַף 34

אויף אויסצואַרבעטן די מינימאַלע סכומים פון וואָפן און אַמוניציע פאַר אַלע מינים פון שוץ-דינסט, וואָס זענען פאָרויסגעזען אין קאַפּיטל 3 פון דאָזיקן אָפּמאַך, און אויך פאַר דער פּריוואַט-באַנוצונג פון די מלוכה-בירגער — ווי ס'איז פאָרויסגעזען אין פּאַראַגראַף 5 — ווערט יעדער פון די אָפּמאַך-שליסנדיקע מלוכות דערלויבט צו לאָזן די נויטיקע אונטערנעמונגען, וואָס זייער צאָל, פּראָדוקציע-קאָנטיגענט, און אויך די רעגולי-

רונג פון וואָפן-האַנדל ווערן פעסטגעשטעלט דורך באַזונדערן אָפמאַך.

פּאַראַגראַף 35

די אויסאַרבעטונג פון די אויפרייס-שטאָפן, וואָס זענען נויטיק פאַר בוי- און גראָבן-צוועקן ווערט באַשטימט דורך יעדער אונטערהאַנדלדיקער מלוכה אין שטרענגען הסכם מיט די ווירטשאַפטלעכע נויטווענדיקייטן און איז אונטערגעוואָרפן אַ קאָנטראָל אויפן יסוד פון אַ פּרינציפּיעלן אָפמאַך.

פּאַראַגראַף 36

אַ פאַטענטירונג פון אַלע מינים באַוואָפנונג- און פאַרניכטונג-מיטלען ווערט פאַרווערט אויפן געזעצגעבערישן וועג.

דער „שיף-דינסט" פון פּאַראַגראַף 34 באַציט זיך אויף פּאָליציי- וואַלד- און צאָל-דינסט, אויך אויף ים-שיף קעגן פּיראַטעריע, אָבער בשום אופן נישט אויף „גרענעץ"-שוץ, ווייל לויט פּאַראַגראַף 60 זאָלן אַלע סכסוכים פון די אָפמאַכן-שליסנדיקע מלוכות אנטשידן ווערן דורך מיטלען, וואָס האָבן נישט קיין מיליטערישן כאַראַקטער.

וויכטיק פאַרן צוועק פון אונזער באַטראַכטונג זענען אָבער די פאָרשלאָגן פון דער סאָוויעט-אוניאָן, וואָס זיי זענען פאַר בנוגע דער קאָנטראָל פון דער אָנטוואָפנונג און פון שוץ-דינסט, וואָס זאָל שפּעטער אָרגאַניזירט ווערן. קאָנסעקווענט ווערן דערפון אויסגעשלאָסן די פערזאָנען, וואָס זענען פאַרזענלעך פאַראינטערעסירט אין באַוואָפנונגען, קאָנסעקווענט ווערן פון דער אַנדערער זייט צוגעצויגן די פערזאָנען, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער אָנטוואָפנונג און אין דעם, אַז דער פאָרויסגעזעענער שוץ-דינסט זאָל נישט האָבן קיין אַנדערע צוועקן, ווי שוץ.

נאָכדעם, ווי אין קאַפּ. 4 ווערט סקיצירט דער אויפבוי פון דער שטענדיקער „אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל-קאָמיסיע" זאָגט דאָרט

פּאַראַגראַף 54

אַלס מיטגלידער פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע, סיי פון דער צענטראַלער און סיי פון דער אָרטיקער, קאָנען נישט באַשטימט ווערן:

א) געוועזענע מיליטער-פאַכמענער, ווי אויך באַאַמטע פון די מיניסטעריומס פאַר מלחמה, מלחמה-פלאָט און לופט-פלאָט.

ב) פערזאָנען, וואָס זענען אינהאַבער אָדער אַקציאָנערן פון וואָפן-אינדוסטריע-אונטערנעמונגען, אָדער אינהאַבער אָדער אַקציאָנערן פון בענק- און האַנדעלס-אונטערנעמונגען, וואָס זענען פאַרינטערעסירט אין דער וואָפן-אינדוסטריע און וואָפן-האַנדל, און אויך זייערע פאַראַנטוואָרטלעכע באַאַמטע.

דערפאַר פאַרלאַנגט

פּאַראַגראַף 47

י „שטענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל-קאָמיסיע" ווערט צוזאַמענגעשטעלט פּאַריטעטיש פון פאַרטרעטער פון די געזעץ-געבנדיקע אָרגאַנען און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן אָדער אַנדערע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מלוכות, וואָס זיינען אין דאָזיקן אָפּמאַך באַטייליקט.

ווייטער ווערן צו דער א. י. ק. ק. (שטענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל-קאָמיסיע) אָנגעשלאָסן פאַרטרעטער פון יענע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַטראַכטן פאַר זייער ציל דעם קאַמף פאַר דער צוריקשטעלונג פון די פרידלעכע באַציאונגען צווישן די מלוכות און האָבן דעם דאָזיקן ציל געדרעכטפערטיקט דורך זייער טעטיקייט — אויב די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויסדריקן דעם ווונטש אַריינצוטרעטן אין די א. י. ק. ק.

דאָ ווערט אַלזאָ געמאַכט דער פאָרשלאַג פּרינציפּיעל צוצוציען צו דער מיטאַרבעט אין די אויפּירנדיקע

אָרגאַנען פון דער מלוכה־מאַכט פאַרטרעטער פון די שלום־אָרגאַניזאַציעס. (די אוניאָן פון די סאָציאַליסטישע סאָוויעט־רעפּובליקן און די געגנער אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענץ. אָפיציעלע דאָקומענטן פון דער סאָוויעט־רעגירונג, 1. טייל 64 ז., 2 טייל 106 ז.).

VI. וואָס האָט געטאָן דער פעלקער־בונד?

1. פאָרגעשיכטע

מיט העכער 10 יאָר צוריק, ווען די וועלט־מלחמה האָט נאָך געבושעוועט, האָט דער פעלקער־בונד אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער וועט אויף אייביק מאַכן אַ סוף צום אומגליק פון קריג.

דערווייל האָט דאָס אָרט פון דער מלחמה פאַרנומען די „לאַנד־פאַרטיידיקונג". אויך זי זאָל נאָר האָבן דעם צוועק גיך צוצופירן צו אַ שלום, דורך וועלכן דאָס לאַנד זאָל זיך פילן געזיכערט.

אין אַ מיטל־הויך־דייטשער זאַמלונג פון שפּאַסיקע מעשיות געפינט זיך פאָלגנדיקע סאַטירע:

אַ נאַר שטייט אויפן וועג און זעט, ווי עס מאַרשירט אַ מחנה זעלנער מיט שפּיזן און ביקסן.

— פון וואַנען קומען זי דאָזיקע חיילות? — פרעגט ער די מענטשן.

— פון דעם שלום!

דער נאַר: וווהין גייען זיי?

די מענטשן: אין די מלחמה!

דער נאַר: וואָס טוען זיי דען אין דער מלחמה?

די מענטשן: זיי הרגענען מענטשן און מאַכן חרוב שטעט.

דער נאַר: פאַרוואָס טוען זיי דען דאָס?

די מענטשן: כדי צו מאַכן שלום!

זאָגט דער נאַר, אַז ער פאַרשטייט דאָס ־ישט: צו קומען

פון שלום און צו גיין אין די מלחמה, כדי צו מאכן דעם שלום, פארוואס זענען זיי דען נישט באלד געבליבן ביים שלום! אבער ווייל ער איז א נאר, וועט ער שוין דאס אודאי נישט פארשטיין.

געבענטשט מיט דער דאזיקער חכמה פון נאר האט די מענטשהייט שוין פון קדמונים=אן געזוכט אנדערע לעזונגען פארן צוועק פון דער לאנד-פארטיידיקונג, ד. ה. פון דער זיכערונג פון דער סאציאלער ארבעט=געמיינשאפט. די אידעע און אויך דאס ווארט פעלקער=בונד זענען צו פשוט, אז זיי זאלן שוין פאר ווילסאנען נישט האבן אנטדעקט גע=ווארן.

דער פראנצויזישער גייסט האט שוין אין יאר 1758 געשאפן דאס ווארט פארן היינטיקן פעלקער=בונד „Societe de Nations„, וואטעל אין „Droit des gens".

אין דייטשלאנד האט קאנט אין יאר 1784 צום ערשטן מאל באנוצט דעם היינטיקן אויסדרוק „פעלקער-בונד" — אין זיין בוך „אידעע צו איינער אלגעמיינען געשיכטע אין וועלט-בירגערליכער אבזיכט".

ווילסאן האט בכן מיטן פעלקער-בונד, וואס איז פרא=קלאמירט געווארן זייטן אנהויב פון יאר 1918, נישט געקאנט האבן קיין פרעטענזיעס אויף אריגינאליטעט. אבער מ'קאן מודה זיין, אז ער האט דעמאלט קלאר און אפן דעם אידעאל פון פעלקער=בונד אזוי פראקלאמירט, ווי די פעלקער האבן זייט דורות וועגן אים געחלומט און באזונדערס ווי די קעמ-פנדיקע מלחמה-לייט האבן זייט 1915 נאך אים געבענקט.

דא ברענגען מיר איניקע דערקלערונגען פון פירנדיקע מלוכה=מענער אין מלחמה-צייט:

דעם 25. סעפטעמבער 1914 זאגט זיך דער ענגלישער פרעמיער-מיניסטער אסקוויט ארויס פאר דער „שאפונג פון אן אינטערנאציאנאלער רעכט-ארגאניזאציע" אלס ציל פון דער מלחמה. דער ענגלישער אויסערן-מיניסטער סיר עדוארד גריי זאגט דעם 15. מאי 1916, אז א פריי איי=

ראָפּע איז דער ציל פון דער מלחמה, פריי פון דער העגע-מאָניע פון איין מאַכט, פריי אויך פון מלחמה-געפאַר. דער דייטשער רייכס-קאַנצלער בעטמאַן האָלוועג ענטפערט דערויף דעם 22. מאַי 1916 אין דעם זעלביקן גייסט. אין פראַנקרייך געשעט דאָס אייגענע דורך בריאַנען. דערנאָך קומט ווילסאָנס מאַניפעסט פון 8. יאַנואַר 1918 מיט זיינע 14 פונקטן.

ווילסאָנס פריינט קאָלאָנעל יוז ברייגט ווייטערדיקע באַ-ווייזן דערפאַר, אַז די פעלקער-בונד-אידעע האָט לכתחילה נישט איבערגעלאָזט קיין אָרט, פאַר וועלכער עס איז פאָרם פון מלחמות, וואָס זאָלן נאָך דינען אַלס מיטל פון פּאָליטיק. אין זיין בריוו-אויסטויש געפינט זיך אין אַ בריוו פון 17. פעברואַר 1915 צום דעמאָלטיקן וויצע-מיניסטער צימערמאַן אַלס איינע פון די ביידע הויפּט-באַדינגונגען פאַר שלום-אונטער-האַנדלונגען די פראַגע, צי דייטשלאַנד איז נוטה אָפּצושליסן אַ „דויערנדיקן שלום". יוז האָט דעם 16. יולי 1918 אויף אַן אָפיציעלן אויפטראַג אויסגעאַרבעט אַ פעלקער-בונד-פּראָיעקט, וועלכער רעדט פונקט ווי דער אָפיציעלער פּראָיעקט פון די ענגלענדער וועגן „אויפהאַלטן דעם שלום" און נישט וועגן „באַגרענעצן די מלחמות". ווילסאָן האָט געטראַכט וועגן רעדו-צירן די באַוואָפנונג ביז צו דער מאָס, וואָס איז נויטיק פאַר דער „אינערלעכער זיכערקייט", און אין דעם זין האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט דער וואַטיקאַן.

2. דער פעלקער-בונד האָט אין יאָר 1919 געפּלאַנט דאָס אייגענע, וואָס די סאָוויעט-אוניאָן האָט אין יאָר 1928 ווידער אויפגעכאַפּט.

ווען נאָכן וואָפנשטילשטאַנד (11 נאָוועמבער 1918) זענען געקומען די ערשטע פּרוּוון פון דער דאָזיקער אינטערנאַציאָ-נאַלער רעכט-אָרגאַניזאַציע פון פעלקער-בונד — דעמאָלט נאָך אָן די צענטראַל-מלוכות פון אייראָפּע — איז אויף דער צווייּ-

טער פּלענאַר-זיצונג פון דער שלום-קאָנפערענץ ד. 25 יאַנואַר 1919 אין פּאַריז אײנשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רע-זאָלוציע, וואָס זאָגט אין איר ערשטן טייל אָן יעדער באַגרענ-צונג, אַז דער פעלקער-בונד, וואָס דאַרף געבילדעט ווערן, „זאָל זיין אַן אָרגאַן פון אינטערנאַציאָנאַלער אַלגעמיינער אַרבעט", „כדי צו פאַרהיטן פון מלחמות איז דער צוקונפט".

די דאָזיקע ערשטע נרוכט פון פעלקער-בונד, וואָס זיין געבורט-שעה פאַלט-אויס דעם 10. יאַנואַר 1920 (אַנטגילטיקע ראַטיפיקאַציע) באַווייזט נאָך דייטלעכער, אַז זיין אינערלעכע סטרוקטור איז לכתחילה געווען געווענדעט נאָר אויף אַ דויערנדיקן שלום און ראַדיקאַלער אַנטוואָפנונג, דורך דער דע-מאָלטיקער האַלטונג פון פראַנקרייך, וואָס איז אין דער אַזוי-גערופענער פעלקער-בונד-קאָמיסיע פון 14 מלוכות פון 27. יאַנואַר 1919 געווען פאַרטרעטן דורך לעאָן בורזשואַ און לאַרנאַנד. דעם 14 פעברואַר 1919 דערקלערט לעאָן בורזשואַ, אַז דער פּראָיעקט, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט, מוז פאַרפול-שטענדיקט ווערן ערשטנס דורך אַ קאָנטראָל פון די באַוואָפ-נונגען מיט דער הילף פון אַ קאָמיסיע און צווייטנס דורך דער אָרגאַניזאַציע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליצײ-מאַכט.

ווען מען וואַרפט עס זיך נישט באַלד אין די אויגן, אַז די פאָרשלאַגן פון דער סאָוויעט-אוניאָן פון מערץ 1928 אין דער גענפער אַנטוואָפנונג-קאָמיסיע שטיצן זיך גענוי, אָבער גאַנץ גענוי אויף דער זעלביקער גרונד-אידעע: אויפן אָרט פון דער שטענדיקער נאַציאָנאַלער אַרמיי אַ שוץ-דינסט אויף דער יבשה און אויפן ים, אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן הסכם, און אויך אַ קאָנטראָל פון די באַ-וואָפנונגען, דורכגעפירט אויפן יסוד פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן הסכם!

די ענלעכקייט צווישן פראַנצויזישן פּלאַן פון 1919, צו וועלכן ס'האָבן אויך מסכּים געווען גרויסבריטאַניענס אַרבע-

טערשאַפט-פאַרטרעטער באַרנעס און ווענעזעלאָס (גריכנלאַנד), און די רוסישע פאָרשלאַגן פון 1928, אויב זי איז נישט קיין אַבסאָלוטע, איז זי אָבער דאָך אַזאַ ווייט-גייענדיקע, אַז עס מוז חידושן, וואָס מען וואַרפט איצט פאָר די פאַרטרעטער פון דער סאָוועט־אוניאָן צביעות און נישט פּלאַגיאַט! וויל מען אָפּלעקענען די אויפמערקזאַמקייט פון פעלקער דערפון, אַז מיט צען יאָר צוריק זענען די מערב־אייראָפּייער געווען אַזוי „ראַדיקאַל", ווי מ'שרייבט דאָס היינט צו די רוסן!

3. ווילסאָנס לכתחילהדיקער פאַרבאָט פון פּריוואַטער וואָפן־אינדוסטריע.

דעם גלגול, וואָס דער פעלקער-בונד האָט דורכגעמאַכט פון 1918 ביז 1928, קאָן מען זען פון דעם אַרטיקל פון בונד-פּאַקט, וואָס איז דירעקט נוגע דעם טעמאַ פון דער דאָזיקער שריפט. אַרטיקל 8 באַהאַנדלט די אַנטוואָפנונג־פראַגע און זאָגט אין זיין פינפטן פּאַראַגראַף:

„נעמענדיק אין אַכט די שווערע ספקות קעגן דער פּריוואַטער אויסאַרבעטונג פון אַמוניציע אָדער קריג-מכשירים, געבן די בונד-מיטגלידער דעם ראַט דעם אויפטראָג צו טראַכטן וועגן מיטלען קעגן די שלעכטע רעזולטאַטן, וואָס קומען אַרויס דערפון, נעמענדיק דערביי אין באַטראַכט די באַדערפעענישן פון די בונד-מיטגלידער, וואָס זענען נישט בכוח אַליין אויסצואַרבעטן די סכומים פון אַמוניציע און קריג־מכשירים, וואָס זענען נויטיק פאַר זייער זיכערקייט".

דאָ זעט מען בולט אויף וויפיל די פעלקער-בונד־אידעע איז צוריקגעגאַנגען. דען אין אָפיציעלן אַמעריקאַנישן פּראָיעקט, וואָס איז אויף ווילסאָנס אויפטראַג פאָרגעלייגט געוואָרן דורכן קאָלאָנעל יוז דעם 16 יולי 1918, אַלזאָ אין מיטן דער מלחמה, איז אין אַרטיקל 21 געווען פאָרויסגעזען דער פאַרבאָט פון דער פּריוואַטער וואָפן-אינדו־

סטריע. ווילסאָן האָט אויך די דאָזיקע פאָדערונג איבער־גענומען אַלס אַרטיקל IV נאָך אין זיין ערשטן פּראָיעקט סוף 1918. אָבער דערנאָך איז זי פאַרשווּנדן. פון דעם „פאַרבאָט" פון 1918 זיינען אין יוני 1919 געוואָרן „ספקות"! זייט דע־מאָלס איז עס פּראַקטיש געבליבן ביי דער באַטראַכטונג פון די דאָזיקע ספקות. אָבער נאָך אין יולי 1921 האָט די צייט־ווייליקע באַוואָפנונג־קאָמיסיע באַשטימט אַ סוב־קאָמיסיע, וועלכע האָט קודם־כל קאַטעגאָריש פעסטגעשטעלט, אַז אַן אַבסאָלוטן פאַרבאָט פון דער פּריוואַטער אויסאַרבעטונג פון מלחמה־מאַטער־יאַל לאָזט זיך ניט דורכפירן צוליב די בונד־מיטגלידער, וואָס זיינען ניט בכוח אַליין אויסצואַרבעטן די סכומים פון קריג־מכשירים, וואָס זיינען נויטיק פאַר זייער זיכערקייט. צוזאַמען דערמיט ווערט אָבער פאָרגעלייגט צו באַטראַכטן צווישן אַנדע־רע פאָלגנדיקע פאָרשלאָגן:

6. „די פּריוואַטע אַמוניציע־פאַבריקן זאָלן מחויב זיין רעגלמעסיק צו פאַרעפנטלעכן גענויע אָפּרעכנונגען וועגן זייערע געשעפטן, וועלכע זאָלן עפנטלעך קאָנ־טראָלירט ווערן.

7. פאַרבאָט פאַר פּערזאָנען, וואָס האָבן אַק־ציעס פון פּריוואַטע אַמוניציע־פאַבריקן, זיך צו באַ־טייליקן אין ענלעכע אונטערנעמונ־גען אין אַנדערע לענדער.

8. פאַרבאָט פאַר די זעלביקע פּערזאָנען, ווי אויך פאַר די פּריוואַטע אַמוניציע־פאַבריקן גופא, ווי אויך פאַר זייערע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, צו ווערן באַזיצער פון צייטונגען, צו קאָנטראָלירן זיי אָדער צו האָבן אויף זיי אַן השפעה".

וואָלטן די דאָזיקע דריי פאָרשלאָגן דורכגעפירט געוואָרן, וואָלטן אַלע חקירות פון די פעלקער־בונד־יוריסטן וועגן דעם, ווי אַזוי מען קאָן זיכערן דעם שלום, געווען איבעריק.

זייט 1921 איז נאָך פיל טינט פאַרגאָסן געוואָרן אין

ראַט-זיצונגען, קאָמיסיעס און סוב-קאָמיסיעס וועגן אַנטוואָפנונג, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט בסך-הכּל 111 רעזאָלוציעס, 53 פון בונד, 58 פון ראַט. פּראַקטיש איז עס געבליבן ביי דער בסדר זיך פאַרגרעסערנדיקער באַוואָפנונג.

4. דער פעלקער-בונד ווערט שאַרף פאַר-אורטיילט דורך זיינע אויפריכטיקסטע אָנהענגער

מיר ווילן לאָזן ריידן צוויי מענער, וועלכע האָבן ניט בלויז אַלס די בעסטע זאַך-קענער אָנגעשריבן אַ קלאַסישן קאָ-מענטאַר וועגן זיינע סטאַטוטן: וואַלטער שיקינג און האַנס וועהבערג („די סטאַטוטן פון פעלקער-בונד", קאָמענטירט דורך וואַלטער שיקינג און האַנס וועהבערג, בערלין 1924), נאָר זיי זיינען אויך באַגייסטערטע אָנהענגער פון זיין אידעע. זיי זאָגן: „בעת דער מלחמה האָבן ברייטע קרייזן געהאָפט, אַז צום סוף פון דעם געוואַלדיקן געראַנגל וועט אַ דויערנדיקער שלום צו-שטאַנד-קומען" (ז. 27). ווייטער דריקן זיי אויס זייער אַנטױ-שונג איבער דעם ווערסיילער אָפּמאַך, „וועלכער האָט געזאָלט דערפילן אַ דורות-לאַנגען חלום פון דער קולטור-וועלט".

אין מערערע ערטער ווערט דאַן אויסגעדריקט די אַנט-טוישונג ניט בלויז איבער דעם ווערסיילער טראַקטאַט, נאָר אויך איבער דער אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעכט-אָרגאַניזאַציע פון דער וועלט:

„אַזוי ווי די פּאָליטישע וועלט זעט היינט אויס, איז שווער דעם פעלקער-בונד צו שטעלן אַ פּראָגנאָז. אַז ער בלייבט ווייט צוריק הינטער דעם אידעאַל פון אַ פעלקער-בונד, דאָס לייקענען אפילו זיינע פּרינציפּיעלע אָנהענגער ניט אָפּ". (ז. 136)

VII. פון וואנעז נעמט זיך דער שלעכטער זכרון פון די פעלקער?

מ׳דערמאָנט זיך, אז די אַנטיפּאָדן לענין אין נאָוועמבער 1917 און ווילסאָן אין נאָוועמבער 1918 האָבן אָנגעזאָגט די בשורה פון אַן אומבאַגרענעצטן שלום און נאָר דורכדעם גע־וואונען אַ מיטרייסנדיקע השפעה אויף די מענטשן.

אז מ׳הערט זיך שוין איצט ווידער צו צו די מלחמה־פראזן, פאר וועלכע מ׳האָט אַ צייט לאַנג מיניסטאָרן באַשפּיגן און צייטונג־בנינים צעשטערט, מוז מען זיך פרעגן: זענען די דיפּלאָמאַטן און די זשורנאַליסטן באמת אַזעלכע געניאַלע צויבער־קינסטלער, אַז זיי האָבן באַוויזן אויסצומעקן פון זכרון פון די פעלקער די איבערלעבענישן און נסיונות פון די פיר מלחמה־יאָרן? אָ, ניין. ט׳געהערט אמת אַ גרויסע חכמה דערצו, די מענטשן נאַריש צו מאַכן. אָבער די גאַנצע חכמה באַשטייט אויך אין אונזער פאַל נאָר אין אויסנוצן אַן אַלגעמיין באַ־קאַנטן פאַקט פון לעבן: דאָס רוב מענטשן באַמיען זיך די אומאָנגענעמסטע, ביטערסטע זאכן נישט בלויז צו פאַרגעסן, נאָר אומבאַוואוסטזיניק טראַכטן זיי גראָד וועגן היפּך דערפון. אַ דורכגעפרוירענער צפון־פאָל־פאָרער, למשל, וועט וועגן אַ הייס־גליענדיקן אויוון נישט טראַכטן מיט שרעק, נאָר גיכער מיטן חשק אין דעם אויוון אַריינצוקריכן. אויב אָבער אַן איי־ראָפּעער וועט אַ פאַרחלשטער ליגן אין מדבר סאַהאַרא, וועלן אים אַלע שרעקן פון אַן אייז־באַרג פאָרקומען, ווי דער ריח־ניחוח פון גן־עדן.

אַזוי־אַרום דערקלערט זיך עס, וואָס מ׳האָלט ביים וואַפנשטילשטאַנד פון 1918 אָרענטלעך מקיים־פסק געווען מענטשן, וואָס וואָלטן זיך דערוועגט צו רעדן וועגן די מעלות פון דער מלחמה, קיינער האָט עס אָבער זיך נישט דערוועגט צו טאָן, בעת מיט צען יאָר שפּעטער גלויבן שוין די מענטשן ווידער, ווען מ׳דערציילט זיי, אַז די מלחמה „האַרטעוועט די מענטשן״ און „באַפרייט די פעלקער״. דער מענטש האָפט אַלץ ווידער אויף אַ גרויסע

סענאַציע און אַ גרויסע ענדערונג פון זיין גורל. ווי לייכט ווערט ער דאָ דער קרבן פון אַזעלכע שטימונגען, וואָס אין שלום-צייט ריידן זיי אים איין, אַז די מלחמה וועט אים ברענגען די דערפילונג פון די דאָזיקע וואונטשן, און אין מלחמה-צייט זאָגן זיי אים צו, אַז דער שלום וועט אים עפענען דעם גן-עדן אויף דער ערד.

VIII. ווער קען העלפן?

אַז די מלחמה ווערט דורך דעם רוב מענטשן באַטראַכט פאַר אַן אומגליק, איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. נאָר אַ פּאָר דיפּלאָמאַטן און ענג-האַרציקע נאַטורן, וואָס די מלחמה איז פאַר זיי אַ ספּאָרט, און קודם-כל די וואָפן-פאַבריקאַנטן, וואָס זענען דורך אונז געשטעלט געוואָרן אונטער דער ליכטיקער שיין, טראַכטן וועגן דעם אַנדערש. זייער כמעט אַלמעכטיקע השפעה וואָלט אָבער נישט געקאָנט געמאָלט זיין, ווען עס וואָלט זיך זיי נישט איינגעגעבן כסדר צו רייצן ביי די פעלקער דעם אור-אינסטינקט פון פאַרטיידיקונג. ס'וואָלט געווען נישט ריכטיק דעם דאָזיקן אינסטינקט צו באַצייכענען אַלס נישט עטיש דערפאַר, ווייל ער טרייבט צו מעשים, וואָס גילטן געוויינלעך אַלס אומסאָציאַל און אַלס פאַרברעך. מ'וואָלט דאַן אויך די מאַסן-פאַרטיליקונג פון מחנות היישעריקן דורך אַ גרויסן פייער געדאַרפט באַטראַכטן פאַר נישט עטיש. דאָרט ווו עס האַנדלט זיך וועגן אַ ווירקלעך רויבערישן אָנגריף, איז דאָס פאַרטיידיקן זיך קעגן אים אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ווו זענען אָבער אַ ז ע ל כ ע אָנגריפן? ווו קאָנען זיי זיין איצט, ווען מ'האָט דורך אַ סיסטעם פון אָפּמאַכן די מלחמה „געלייגט אין חרם אַריין"? עס איז היינט אין אייראָפּע נישטאָ קיין פאַרטיידיקונגס-מלחמה, וואָס זאָל פון דער אַנדערער זייט נישט זיין אַן אָנגריף-מלחמה.

די דאָזיקע אַלע איבערלייגונגען און עמפינדונגען האָבן אין דורות-לאַנגער שמערצלעכער אַנטוויקלונג געפירט צו די

באַמיאונגען, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דעם ל כ ת ח י ל ה ד י ק ן פּלאַן פון פעלקער-בונד און איצט אין די אַנטוואָפנונגס-פאָרשלאַגן פון דער סאָוויעט-אוניאָן. ווי אי-בעררעשנדיק ענלעך זענען די פאָרשלאַגן פון די דאָזיקע דם-שונאים אין זייער אינערלעכער סטרוקטור! אָבער ביידע צדדים וואַרפן זיך פאַר צביעות.

דער לאַנד-פּאַרטיידיקער ראַטעוועט זיך דאָ ארויס דער-מיט, וואָס ער דערקלערט — ביידע צדדים: „ס'איז אונז אַלץ-איינס, צי אייערע הבטחות און פאָרשלאַגן זענען צביעותדיק אָדער אויפריכטיק. דער עיקר איז נאָר, אַז זיי זאָלן אויסגע-פירט ווערן".

די לאַנד-פּאַרטיידיקער ווע̄לן זיך אָבער מוזן אַנטשליסן אַליין איבערצונעמען די אויספירונג פון די דאָזיקע הבטחות פון פעלקער-בונד און פון דער סאָוויעט-אוניאָן. נאָך קיינמאָל זענען איבערקערענישן נישט דורכגעפירט געוואָרן דורך „רע-גירונגען". דאָ האנדלט עס זיך אָבער וועגן אַן איבערקערע-ניש פון דעם מין, ווי דאָס אָפּשאַפן פון דער לייב-אייגנשאַפט. איר רעצעפּט איז דער איינפאַכסטער, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. זי פאַרלאַנגט נאָר, אַז פון דער לאַנד-פּאַרטיידיקונג זאָל מען נישט טאָרן ציען קיין ריווח. דאָס מוזן קודם-כל פאַרלאַנגען די אייגנטלעכע לאַנד-פּאַרטיידיקער, די אַלטע פראָנט-סאָלדאַטן, אַלץ-איינס, צי דאָס זענען קאָנסערוואַטיווע, דעמאָ-קראַטן, סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן, קריסטן אָדער יידן, מאַכמעדאַנער, אַטעאיסטן, פּאַציפיסטן אָדער מיליטאַריסטן, דאָס מוזן אויך די צוקונפטיקע פראָנט-סאָלדאַטן פאַרלאַנגען. זיי אַלע דאַרפן זיך שטעלן אין איין ריי, דען די פאָדערונג אָפּ-צושאַפן דעם עקספּאָרט און אויסצושליסן דעם פּראָפיט ביי דער וואָפן-פּראָדוקציע איז גראָד פאַר די ריינע מיליטאַריסטן אַזאַ נויטווענדיקייט, אַז אין דער אַנדערער ריי וואָלטן נישט מער געבליבן, ווי די פאַר וואָפן-פאַבריקאַנטן און זייערע צייטונגס-רעדאַקטאָרן. נישטאָ אַזאַ שכלדיקער מאָטיוו, וועלכן מ'זאָל קאָנען אַקעגנשטעלן דעם פאַרלאַנג אָפּצושאַפן דעם

עקספּאָרט און פּראָפיט ביים אינסטרומענט פון דער לאַנד־פאַרטיידיקונג. אַז דאָס באַוואוסטזיין פון דער דאַזיקער פּשוטער פאָדערונג וועט זיין אריינגעדרונגען אין אַלע פעלקער, וועט די דאָזיקע איבערקערעניש אויטאָמאַטיש זיין דורכגעפירט. נישטאָ קיין ווידערשטאַנד קעגן דער דינאַמישער מאַכט פון אַזאַ מאַסן־איבערצייגונג.

אַ דאַנס־אויסדרוק אַלס נאָכוואָרט

מיין פּלאַן צו דער דאָזיקער שריפט דאַטירט פון יאָר 1924. אַן אַנדערער האָט זי געזאָלט פאַרפאַסן. ווען איך בין לסוף אַליין צוגעטרעטן עס אָנצושרייבן, האָב איך זיך תיכף אָנגעשטויסן דערויף, אַז וועגן אַלץ אין דער וועלט האָט מען גאַנצע ביבליאָטעקן געשריבן, אָבער קיין איינע נישט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרפלעכטונג פון דער וואָפן־אינדוסטריע. זעלבסטפאַרשטענדלעך! מ'דערמאָנט זיך, ווי רעזיגנירט לויאָ ברענטאַנאָ האָט אין „בערלינער טאַגעבלאַט“ דערקלערט, אַז ס'וועט זייער שווער זיין עפּעס צו דערגיין וועגן די אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן פון דער וואָפן־אינדוסטריע. דען די וואָפן־אינדוסטריע האָט פאַר קיין שום זאַך נישט אַזוי מורא צו האָבן, ווי דערפאַר, אַז הונדערטער טויזנטער מענטשן זאָלן זיך דערוויסן וועגן די פאַרהעלטענישן, וואָס זענען דאָ ווייניקסטנס סקיצירט, אין אַזאַ מאָס, ווי עס האָבן דאָס ביז־איצט נאָר יחידי־סגולה געוווּסט.

כ'נעם־אָן, אַז איך האָב צונויפגעשטעלט דאָס וויכטיקסטע. אָבער ווי קאַרג איז דאָס! אַ באַהאַוונטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די וואָפן־אינדוסטריע האָט שוין איצט ווידער געהוי און געהיים דורך אָפּמאַכן די גאַנצע וועלט צווישן זיך פאַרטיילט, פּונקט ווי דער דינאַמיט־טרוסט האָט עס געטאָן פאַר דער מלחמה. דאָקומענטאַריש דאָס באַווייזן איז נישט מעגלעך.

געהוי דאַרף נאָך דיסקוטירט ווערן די פּראָגראַמאַטישע

פאַרמולירונג, וואָס איז אין דעם בוך פאָרמולירט געוואָרן, אַז מ׳זאָל עקשנותדיק און בקול-רם פאָדערן די אויסשליסונג פון פריוואַט-נוצן אין דער וואָפן-אינדוסטריע.

איך האָב אָנגעווענדט דאָס, וואָס מ׳רופט אין דער מאַטעמאַטיק אַ הילף-קאָנסטרוקציע. היינט, ווען די „מלחמה" איז אָפיציעל אָפּגעשאַפט און עס איז דאָ נאָך נאָר „לאַנד-פאַרטיידיקונג", וואָלט מען זיך פאַרוויקלט אין באַטראַכטונגען אָן אַ סוף, ווען מ׳וואָלט זיך וועלן אַריינלאָזן אין אַ וכּוח וועגן מלחמה און פּאַציפיזם, קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. נאָכדער אָבער, ווי אפילו די גענעראַלן פון אַלע-לענדער באַקענען זיך צום פּאַציפיזם — צום „פּאַרנינפטיקן", ווי זיי פּאַסן אים אויף — איז מען אין אַ פּאָזיציע נישט צום אָנגרייפן, ווען מ׳כאַפּט זיי ביי זייערע אייגענע הסכּמה-דערקלערונגען און מ׳ציט דאַן דערפון אַרויס די קאָנסעקווענצן, קעגן וועלכע מ׳קאָן בכלל ק״ין שום ערנסטע מאָטיוון נישט אַרויסשטעלן.

דאָס בוך איז נאָר אַן התחלה און אַ פּרווו. אַ סך אין דייטשלאַנד און אין איבעריקן אייראָפּע האָבן דורך עצות און אָנווייזונגען דערביי מיטגעאַרבעט. איך דאַנק זיי דערמיט אין אינטערעס פון דער זאַך.

די דאָזיקע זאַך איז אָבער נישט דאָס בוך גופא, נאָר זיין ווייטערדיקער צוועק: די פּראָפּאַגאַנדע וועגן מהות פון דער וואָפן-אינדוסטריע. כּדי די דאָזיקע אַרבעט זאָל ווייטער קאָנען סיסטעמאַטיש געפירט ווערן, איז נויטיק אַ צווייטער שריט אין דער באַזאָרגונג פון ווייטערדיקע פּאַקטן, וואָס זאָגן נאָך בולטער עדות וועגן בלוטיקן אינטערנאַציאָנאַל פון וואָפן-אינדוסטריע.

יעדער דאַרף זיך אין דעם באַטייליקן דורך מיטטיילן אַזעלכע פּאַקטן דעם מחבר *), אויך דורך ליטעראַרישע אָנווייזונגען.

---

*) Otto Lehmann-Russbüldt, Berlin NW 40 Speuerstr. 11

ווייטער מוזן אין וואָס מער שפּראַכן דערשיינען איבער־זעצונגען פון דאָזיקן בוך. דער 26. וועלט־שלום־קאָנגרעס אין וואַרשע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 25. ביזן 28. יוני 1928 האָט באַגריסט דאָס דערשיינען פון דאָזיקן בוך און רעקאָמענדירט וואָס מער עס צו פאַרשפּרייטן אין די שפּראַכן פון אַלע פעלקער.

נאָך אַמאָל: נישט דאָס בוך אַליין איז דער צוועק פון דער דערויף פאַרווענדעטער אַרבעט. דאָס אויסשליסן די וואָפן־אינדוסטריע פון דער אַנטשיידונג איבערן פּאָליטישן גורל פון די פעלקער איז דער צוועק, וואָס צוליב אים אַליין האָט די אַרבעט געלוינט.

„אַז עס וועט אויפהערן דאָס געשעפט ביי דער מלחמה, וועט אויך די מלחמה אויפהערן!" די דאָזיקע מיינונג הערט מען כמעט שטענדיק ביי נאַאיווע באַטראַכטונגען. אַן אַנדערע פראַגע איז, צי די דאָזיקע פאָרמולירונג דרינגט אַריין אין תוך פון פּראָבלעם, פאַרוואָס אייגנטלעך די מענטשן לאָזן זיך טרייבן צו מלחמות. יעדנפאַלס איז אָבער דער דאָזיקער כּלל גילטיק בנוגע אַ יחיד. ס׳איז אָבער די מערקווירדיקסטע פון די מערקווירדיקע אייגנשאַפטן פון די מענטשן, אַז בנוגע דער אינטעליגענץ גילט דער היפּך פון כּלל, אַז איין מאָל אַ מיליאָן איז אַ מיליאָן. ווען איין מענטש קאָן הויבן אַ צענטנער, קאָנען אַ מיליאָן מענטשן פון דער זעלביקער קראַפט הויבן אַ מיליאָן צענטנער. ווען אָבער איין מענטש ווייזט־אַרויס אַ געזונטן פאַרשטאַנד, שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ מיליאָן אין דורכשניט אַזעלכע אינטעליגענטע מענטשן ווייזן נישט אויף אַ מיליאָן מאָל גרעסערן אינטעליגענץ־עפעקט, נאָר דער רעזולטאַט איז אַ מוראדיקער. ס׳קומט אַלזאָ אויס, ווי דורך דער סומירונג פון אינטעליגענץ ווערט דער יחיד פאַרנאַרישט.

דאָס וואָלט געקאָנט אַרויסרופן אַ זייער פּעסימיסטישע שטימונג.

אָבער מיר מוזן געדענקען, אַז נישט בלויז מענטשן־פרעסעריי, שקלאַפעריי, לייב־אייגנשאַפט און טאָרטורן זענען

אָפּגעשאַפט געוואָרן, הגם אויך אין יענע צייטן זענען די באַקעמפער פון די דאָזיקע באַרבאַרישע איינריכטונגען גערודפט געוואָרן אַלס נאַראָנים און פאַרברעכער, נאָר אַז אויך די באַגרענעצטקייט פון די מענטשן איז פאַרשוווּנדן. אונזער טעכנישע צייט האָט דעם דאָזיקן מופת באַוויזן. פריער האָט מען אָפט אַ דערפינדער פון נייע וויכטיקע איינריכטונגען געהרגעט אָדער ווייניקסטנס פאַרפייניקט. דאָס האָט זיך פול־שטענדיק געענדערט, די טעכנישע דערפינדער ווערן כמעט באַטראַכט פאַר די אמתע נביאים פון די פעלקער. אָבער דער דאָזיקער פאַקט באַווייזט דאָך, אַז אין די גייסטיק־עטישע פעאיקייטן נישט בלויז פון יחיד נאָר אויך פון אַ קיבוץ קאָן פאָרקומען אַ שנוי. לאָמיר בכן טריט ביי טריט אַרבעטן דער־פאַר, אַז די פעלקער זאָלן באַפרייט ווערן פון דער השפּעה פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט, וואָס *איר בליען איז מעגלעך נאָר דורך דעם חורבן פון די פעלקער*. די פעלקער וועלן פון זיך אַליין דאָס איינזען, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן די זאַכן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דאָזיקן בוך.

אַנעקס.

פון לעאָנידס „די פּאָליטיק פון וואָפן־קאַפּי־טאַל“. וואָכנשריפט פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל 1928, העפט 43, פון 24. אָקטאָבער 1928.

דריי דיוויזיעס פאָרמירן דעם קאַפּיטאַליסטישן וואָפן־אינטערנאַציאָנאַל:

1. די מעטאַל־אינדוסטריע (פּראָדוצענטן פון ביקסן, האַרמאַטן, מלחמה־שיפן, מלחמה־אעראָפּלאַנען, טענקס).

2. די אויפרייס־שטאָף־אינדוסטריע־פּראָדוצענטן פון פּול־ווער, דינאַמיט און אַנדערע אויפרייס־שטאָפן).

3. די כעמישע אינדוסטריע (פּראָדוצענטן פון מלחמה־גאַזן).

יעדע פון די דאָזיקע דריי דיוויזיעס איז ווייט איבער די מלוכה-גרענעצן אַריבער אָרגאַניזירט -- אין אינטערנאַציאָנאַלע אָדער אייראָפּייאישע אַליאַנצן. ווען אַלע דריי ווידער זענען אויך צווישן זיך פאַראייניקט דורך פינאַנץ-קאַפּיטאַליסטישע, מלוכה-קאַפּיטאַליסטישע אָדער ריין-אָרגאַניזאַטאָרישע בינדונגען. די צווייטע און די דריטע גרופּע האָבן זיך אין דער לעצטער צייט בכלל צונויפגעגאָסן. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמאַנדע איבער דער ערשטער דיוויזיע ליגט ביי סיר באַזיל זאַכאַראָווס שטאַב. די וועלט-גרופּירונג פון די אויפרייס-שטאָף-פאַבריקאַנטן געפינט איר צענטער אין אַזוי גערופענעם נאָבעל-סיסטעם. אויף דעם זעלביקן אופן זענען לסוף אויך די כעמישע מלחמה-פאַבריקאַנטן אָרגאַניזירט.

די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג פון די וואָפן-מעטאַל-אינדוסטריעלער איז שוין לאַנג פאַר דער מלחמה געגרינדעט געוואָרן. זי האָט זיך אַפילו אַנטוויקלט צו אַ באַזונדערער הויפּט-געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'זענען געווען באַטייליקט אַלע פירנדיקע פאַבריקאַנטן פון פאַנצער-פּלאַטן און קאַנאָנען פון דער וועלט; די „United Harvey Steel Co". וועלכע האָט פונקציאָנירט זייטן יאָר 1901. בראש זענען געשטאַנען דריי וואָפן-גרופּן: די ענגלישע (וויקערס, אַרמסטראָנג), די דייטשע (קרופּ, שטום) און די פראַנצויזישע (שניידער-קרעזאָ). די רוסישע (פּוטילאָוו) און די איטאַליענישע (טערני-) קאָנצערנס און אויך די וואָפן-פאַבריקאַנטן פון אַנדערע לענדער זענען איינציקווייז אויסגעקויפט געוואָרן דורך די דריי פירנדיקע גרופּן. אַזוי האָט וויקערס געגרינדעט אין איטאַליע די וויקערס-טערני-געזעלשאַפט און האָט צוזאַמען מיט אַרמסטראָנג איבערגענומען די העלפט קאַפּיטאַל פון די יאַפּאַנישע פאַנצער-פּלאַטן-פאַבריקן פון מוטאָראַן. די זעלביקע ענגלישע גרופּע האָט דערוואָרבן די שפּאַנישע קריג-שיף-בוי-פאַבריקן דע פראָל און געגרינדעט דעם פראַנצויזישן פלאָט-בוי-סינדיקאַט. קרופּ, אַלס אַפּאָלאָגעט פון דער מיטל-אייראָפּייאישער אידעע, האָט זיך אויך באַטייליקט אין עסטרייכישן וואָפן-קאָנצערן סקאָדאַ.

וויקערס און אַרמסטראָנג ווידער האָבן דעם באַלקאַן און דעם נאָנטען אָריענט געמאַכט פאַר זייערע גיטער. ביי די באַלקאַן-מלחמות פון 1912/13 האָבן זיי באַוואָפנט ביידע מלחמה-פירנדיקע צדדים. אַרמסטראָנג האָט פאַרקויפט שלאַכט-שיפן דער טערקיי, צו דער זעלביקער צייט האָט גריכנלאַנד „אַלס קעגנגעוויכט" באַשטעלט אונטער-וואַסער-שיפלעך און טאָרפעדאָ-שיפצעשטערער — ביי אַרמסטראָנג און וויקערס. אין יאָר 1913, אַ יאָר פאַר דער וועלט-מלחמה, האָבן וויקערס און אַרמסטראָנג געגרינדעט די „Societe Imperiale Ottomane de Docks et Arsenaux" וועלכע האָט געזאָלט רעאָרגאַניזירן די אַרסענאַלן פון גאָלדענעם האָרן און איסמיד און לייגן דעם יסוד פאַר אַ נייעם טערקישן מלחמה-פלאָט דורך בויען אַ שיף-בוי-פאַבריק מיט 32000 טאָן קאַפּאַציטעט. צו דער זעלביקער צייט כמעט האָט וויקערס צוזאַמען מיט שניידער-קרעזאָ און אַנדערע פראַנצויזישע פירמעס, ווי אויך רוסישע און פראַנצויזישע גרויס-בענק רעאָרגאַניזירט, די מלחמה-שיף-בוי-פאַבריקן פון ניקאָלאַיעוו מיטן באַשיינפערלעכן צוועק צו פאַרשאַפן דעם רוסישן פלאָט ביים אויסגאַנג פון שוואַרצן ים אַ נייע באַזע קעגן דער טערקיי. יעדער פּאָליטישער קאָמבינאַציע, וואָס וויקערס האָט מיליטעריש אָרגאַניזירט, האָט ער באַלד אַקעגנגעשטעלט אַ קעגן-קאָמבינאַציע. ער האָט אונטערגעשטיצט גריכנלאַנד קעגן טערקיי און טערקיי קעגן גריכנלאַנד, ער האָט באַוואָפנט רוסלאַנד קעגן טערקיי און טערקיי קעגן רוסלאַנד. אין ערנסטן הסכם מיט וויקערס און אויף דעם זעלביקן אופן האָבן זיך אויך נוהג געווען שניידער-קרעזאָ און קרופּ. צוויי יאָר פאַר דער וועלט-מלחמה האָבן קרופּ, שניידער און בלאהן עט פאָס (די פירנדיקע דייטשע מלחמה-שיף-בוי-פאַבריק) אָרגאַניזירט אַ סינדיקאַט צו דעראָבערן די רוסישע פּוטילאָוו-זאַוואָדן, וואָס עס איז זיי נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט וויקערס-אַרמסטראָנג אויך געלונגען. פאַראַלעל מיט דער דאָזיקער פאַרברידערונג פון די דייטש-פראַנצויזיש-רוסישע וואָפן-קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אָנגעהויבן די לעצטע הכנות צו דער דייטש-פראַנצויזיש-רוסישער מלחמה.

בעת פּאָנקאַרע איז געקומען קיין פּעטערבורג געבן די פראַנצויזישע אונטערשריפט אונטער דעם מלחמה-אָפּמאַך קעגן דייטשלאַנד, האָבן קרופּ און קרעזאָ געשלאָסן אַ קאָנווענץ, לויט וועלכער זיי האָבן זיך מתחייב געווען ביים אויפנעמען די דעמאָלט אומגעהייער גרויסע וואָפן-באַשטעלונגען זיך צו פאַרשטענדיקן און זיך נישט צו מאַכן קיין קאָנקורענץ. נאָך מער: דער פראַנצויזישער קאָנצערן האָט זיך מתחייב געווען צו אונטערשטיצן קרופּן קעגן זיינע אינערלעך-דייטשע קאָנקורענטן: אויב די דייטשע פירמע עהרהאַרדט וואָלט געמאַכט אַ גינסטיקערן אָנבאָט ווי קרופּ, וואָלט קרעזאָ געמוזט אָפּערירן נאָך אַ ביליקערן פּרייז און די באַשטעלונג אַפילו מיט היזק פאַר זיך אויפנעמען. פּונקט אַזוי זענען אויך דייטשע און עסטרייכישע אינטערעסן געווען באַטייליקט אין די ענגליש-פראַנצויזישע באַוואָפנונגען. סוף 1912 האָט זיך געבילדעט אַ פראַנצויזישער טאָרפּעדאָ-קאָנצערן, די "Societe Francaise de Torpilles Whitehead„ די מערהייט אַקציעס איז געלעגן ביי דער אַרמסטראָנג-וויקערס" גרופּע; צווישן די אַקציאָנערן זענען געווען דער ענגלישער באָטשאַפטער ווייטהיד, דער פראַנצויזישער אַדמיראַל אָבער א. אַ. וו. אָבער די אַנדערע אַקציאָנערן זענען געווען: גרעפין פעסען-קראָנסטען, די פרוי פון דייטשן באָטשאַפטער און פירשט פאָן ביסמאַרק, די פרוי פון הערבערט ביסמאַרק, דעם זון פון „אייזערנעם קאַנצלער" און געוועזענעם לייטער פון דייטשן אַמט פאַר אויסערלעכע ענינים! די סמעטענע פון דער דיפּלאָמאַטיע פון דריי-בונד האָט פינאַנסירט דעם טאָרפּעדאָ-בוי פון דער אַנטאַנט.

דאָס גלענצנדיקע צוזאַמענשפּיל צווישן וואָפן-קאַפּיטאַל און די רעגירונגען מיט דער איינהייטלעכער ציל-ריכטונג: וועלט-מלחמה! — האָט זיך געשטיצט אויף דער ענגסטער פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישער פאַרבינדונג, יאָ, אידענטיטעט פון די ביידע מאַכטן. אין יעדן לאַנד האָט דער וואָפן-קאָנצערן קודם-כל באַהערשט די פלאָט-לייטונגען, דערנאָך די גענעראַל-שטאַבן, די דיפּלאָמאַטן און די האַלב-אָפיציעלע מיליטערישע פאַרבאַנדן,

אין ענגלאַנד: דער דירעקטאָר פון מלחמה־שיפבוי און טעכנישער הויפּט־ראַטגעבער פון דער אַדמיראַליטעט זייט 1912, סיר טעניסאָן ד׳עניקור, איז היינט דירעקטאָר ביי אַרמסטראָנג. לאָרד סוטבאָרו, דירעקטאָר ביי אַרמסטראָנג, איז פון 1912 ביז 1917 געווען ציוויל־לאָרד פון דער אַדמיראַליטעט. גענעראַל ליטעלטאָן, וואָס זיין ברודער איז דירעקטאָר ביי אַרמסטראָנג, איז געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב. לאָרד סידענהאַם און אַדמיראַל אָטלעי, ביידע אַרמסטראָנג־דירעקטאָרן, זיינען ביידע געווען סעקרעטאַרן פון Comitee of Imperial Defense, פון העכסטן מיליטער־סטראַטעגישן אָרגאַן פון דער בריטישער אימפּעריע, וועלכער באַשטימט פּאַקטיש די גאַנצע ענגלישע וועלט־פּאָליטיק. אין דער National Service League, דעם גרויסן מיליטערישן פאַרבאַנד, זיינען געווען פאַרטרעטן 8 פּרעזידענטן און דירעקטאָרן פון די ענגלישע וואָפן־פאַבריקן. אין פּרעזידיום פון ענגלישן פלאָט־פאַריין זיינען געזעסן פיר מענער, וואָס זיינען געווען מיט־אייגנטימער פון איטאַליענישע, עסטרייכישע און רוסישע מלחמה־מאַטעריאַל־פאַבריקן. פונקט אַזוי זיינען אויך געווען ענג די פאַרבינדונגען מיטן ענגלישן אַמט פאַר אויסערלעכע ענינים. אַפילו דער בירגערלעכער „עקאָנאָמיסט” האָט געמוזט מודה־זיין (1913/14), אַז אַלס המשך פון זיינע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען האָט דער ענגלישער אַמט פאַר אויסערלעכע ענינים פאַרשאַפט די פירמעס וויקערס און אַרמסטראָנג וואָפן־באַשטעלונגען פון פרעמדע מלוכות. די גרויסע ענגלישע באַנקירן, ראָטשילד, קאַסעל א. אַ. וו. האָבן די זעלביקע באַדינגונג געשטעלט ביי דער הלוואה־פאַרמיטלונג פאַר אויסלענדישע רעגירונגען.

אין פראַנקרייך: שניידער־קרעזאָ, אויף וועלכן ס׳זענען אויסגעפאַלן בערך 60 פּראָצענט פון גאַנצן פראַנצויזישן אַרויספיר פון מלחמה־מאַטעריאַלן, האָט יעדעס מאָל באַשטימט די פלאָט־מיניסטאָרן, האָט רעגירט אין דער מיליטערישער קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט, האָט אין פּריוואַט־דינסט באַשעפטיקט צוויי אַדמיראַלן און איין ברודער פון קלעמאַנסאָ.

אין ר ו ס ל אַ נ ד, דער גאַנצער צאַריסטישער מיליטער־אַפּאַראַט איז פון אויבן ביז אונטן געווען באַזעצט מיט אַגענטן פון אויסלענדישע וואָפן־קאָנצערנס. שוין בעת דער רוסישער־יאַפּאַנישער מלחמה האָט זיך באַזיל זאַכאַראָוו, דער וויקערס־פאַרטרעטער, פאַרשאַפט געוואַלדיקע באַשטעלונגען פון וואָפן און אַמוניציע דורך דער פאַרמיטלונג פון גענעראַל קוראָפּאַט־קין און אַנדערע מיליטער־פירער. שפּעטער האָט דער באַרימטער דמיטרי רובינשטיין, „ראַספּוטינס באַנקיר", פאַרמיטלט די באַ־שטעלונגען פון דער רוסישער פעלד־אַרטילעריע פאַר שניידער־קרעזאָ.

אין ד ײ ט ש ל אַ נ ד: דער פּאַנצער־פּלאַטן־קעניג יזטום האָט רעגירט אין אַמט פאַר אויסערלעכע ענינים, ווו די קליקע פון זיינע קרובים — די מלוכה־סעקרעטאַרן ווילהעלם פאָן שטום און פאָן קיהלמאַן, דער ווירקלעכער לעגאַציע־ראַט פער־דינאַנד פאָן שטום, דער מיניסטעריאַל־דירעקטאָר קאַרל פאָן שובערט א. אַ. וו. האָט באַזעצט אַלע וויכטיקסטע פּאָסטנס. די עקסטרעם־שאָוויניסטישע, צו מלחמה העצנדיקע „פּאָסט" האָט געהערט צום שטום־קאָנצערן. און אין דעם זעלביקן שטום־קאָנצערן איז אַלס אויפזיכט־ראַט געזעסן דער פראַנצויזישער באָטשאַפט־סעקרעטאַר, גראַף דע וואַלדנער.

אַזוי איז גאַנץ אייראָפּע געווען איבערצויגן פון אַ גע־דיכטער, פאַר דרויסן־שטייענדיקע אומדורכדרינגלעכער נעץ, וואָס אירע עקן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין שעפילד און דאָונינגסטריט, אין קקעזאָ און קאַי ד'אָרסיי, אין עסן און ווילהעלם־שטראַסע. און היות די אַלגעמיינע אימפּעריאַליסטישע קעגנזאַצן צווישן דייטשלאַנד און די מערב־מלוכות — בערלין־באַגדאַד, רור־לאָטרינגען, דאָס גייעג נאָך די וועלט־מערק — האָבן צו דער זעלביקער צייט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, וואָס איז דורך דעם מיליטער־פּאָליטישן אַפּאַראַט פון אינטער־נאַציאָנאַלן וואָפן־קאַפּיטאַל ענטוזיאַסטיש אויפגעכאַפּט געוואָרן, איז נישט געקומען דער קריזיס פון די וויקערס־פאַבריקן, וועלכן מ׳האָט צוליבן פעלן פון אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן דערוואַרט צום

יאָר 1914. די פּאָליטיק פון די וואָפן-קאָנצערנס האָט ווידער געהאַט געפירט צום ציל. פון 4. אויגוסט 1914 אָן האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסערגעוויינלעכע אַקומולאַציע".

צוגאָב צום קאַפּיטל „דער אינטערנאַציאָנאַל פון דינאַמיט".

מ י ל ה ע ל ם מ ע ל ל ע ר: „וועגן אייראָפּייאיש-אַמעריקאַנישן אויפרייס-שטאָף-סינדיקאַט".

ס'עקזיסטירט „אַן אינטערנאַציאָנאַלער הסכם אין פאָרקער מיט אויפרייס-שטאָפן" פון 26 אָקטאָבער 1897 צווישן די אַמע-ריקאַנישע פאַבריקן פון איין זייט און די פאַראייניקטע קעלן-ראָטווײלער פולווער-פאַבריקן ווי אויך דער נאָבעל-טרוסט-קאָמ-פּאַני אין לאָנדאָן פון דער צווייטער זייט. אין די אָפּמאַכן פון דאָזיקן סינדיקאַט ווערט געזאָגט:

„היות די דאָזיקע ביידע צדדים באַזיצן אָדער קאָנטראָ-לירן אַ גרויסע צאָל פון געזעלשאַפטן און פאַבריקן, וואָס זיי-נען באַשעפטיקט מיט דער אויסאַרבעטונג און האַנדל פון אויפ-רייס-שטאָפן, היות עס שטעלט זיך אַרויס פאַר צוועקמעסיק צו באַזייטיקן אַלץ, וואָס קאָן האָבן אַ שעדלעכע השפעה אויף די געמיינזאַמע אינטערעסן, האָט מען באַשלאָסן:

די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע מיט זייערע איצטיקע און צוקונפטיקע געביטן, קאָלאָניעס און אַנדערע צוגעהעריקייטן, ווייטער די רעפּובליקן מעקסיקאָ, גוואַטעמאַלאַ... ווערן באַטראַכט פאַר אַמעריקאַניש געביט. די שטאַטן פון דרום-אַמעריקע ווערן באַטראַכט פאַר געמיינזאַם געביט. די רעשט פון דער וועלט איז אייראָפּייאיש געביט".

די אַמעריקאַנישע פאַבריקן האַלטן זיך צוריק פון אויס-אַרבעטן, פאַרקויפן, אָפּערירן, דירעקט אָדער אינדירעקט, אין די לענדער פון אייראָפּייאישן געביט; און די אייראָפּייאישע פאַבריקן זאָגן זיך אויך אָפּ אויסצואַרבעטן, פאַרקויפן און

אָפּערירן אין די לענדער פון אַמעריקאַנישן געביט. אין געמיינזאַמען געביט דאַרף קיין שום צד נישט אויפשטעלן קיין שום פאַבריקן, און דער האַנדל דאָרט ווערט באַטריבן אויפן געמיינזאַמען חשבון. די פאָרזיצערס פון אייראָפּייאישן און פון אַמעריקאַנישן צד דאַרפן זיך פון צייט צו צייט פאַרשטענדיקן מכּוח אַ גרונד-פּרייז פאַר יעדן מאַרק פון געמיינזאַמען געביט. דער דאָזיקער גרונד-פּרייז דאַרף אַנטהאַלטן די אויסאַרבעטונג-קאָסטן ווי אויך פראַכט, פאַרזיכערונג, פּאָרט-און לאַגער-אָפּצאָלן, אַגענטור-און קאָמיסיע-קאָסטן, בקיצור, אַלע הוצאות ביז צו דער ליפערונג, דערצו נאָך די סומע פאַרן בשותּפותדיקן פאָנד (ז. ווייטער אונטן). די ביידע פאָרזיצערס דאַרפן אין דער זעלביקער צייט פעסטשטעלן אַ פאַרקויף-פּרייז, פון וועלכן מ׳דאַרף נישט אַראָפּצולאָזן. דער אונטערשייד צווישן גרונד-פּרייז און פאַרקויף-פּרייז איז דער ריוח פון סינדיקאַט; ער ווערט אין גלייכע חלקים פאַרטיילט צווישן די אַמעריקאַנישע און אייראָפּייאישע פאַבריקן.

עס ווערט געשאַפן אַ בשותּפותדיקער פאָנד דורך דער צאָלונג פון איין דאָלאַר פּראָ קאַסטן. פון דאָזיקן פאָנד קאָנען די ביידע פאָרזיצערס פאַרווענדן צוויי דריטל צום שוץ פון די געמיינזאַמע אינטערעסן קעגן אָנגריפן און קאָנקורענץ פון דרויסן.

ווען צווישן ביידע פאָרזיצערס הערשט אַ הסכּם, זיינען זיי באַפולמעכטיקט צו ענדערן די דאָזיקע אָפּמאַכן אויף אַזוי פיל, וויפל זיי וועלן עס האַלטן פאַר נויטיק, כּדי זיך אַקעגן צושטעלן פרעמדער קאָנקורענץ און צו פירן די געשעפטן אין אינטערעס פון ביידע צדדים. זיי האָבן אויך דאָס רעכט, ביי אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן, דורכצופירן פאַרקויפן אין די פאַרווערטע געביטן.

אויב ס׳וועלן אַנטשטיין וועלכע עס איז חילוקי-דעות אָדער סכסוכים צווישן ביידע צדדים, דאַרף דער דאָזיקער ענין געבראַכט ווערן פאַר די פאָרזיצערס, וועלכע אַנטשיידן דעם פאַל אַנטגילטיק.

אויב די ביידע פּאָרזיצערס קאָנען נישט קומען צו אַ הסכם, דאַרף באַשטימט ווערן אַ שיד-געריכט, וואָס זיין פּסק-דין איז אַנטגילטיק. בנוגע דעם שיד-געריכט ווערן אָנגעוויזענע פּאָלגנדיקע פאָרשריפטן: אויב דער ענין, וואָס דאַרף אַנטשידן ווערן, ווערט פאָרגעשטעלט דורכן אַמעריקאַנישן צד, דאַרף דאָס שיד-געריכט זיין אייראָפּייאיש; אויב אָבער דער פאַל ווערט דערוועקט דורך דעם אייראָפּייאישן צד, דאַרף דאָס שיד-געריכט זיין אַמעריקאַניש".

זייער אינטערעסאַנט איז דער נוסח פון יאָר-באַריכט פון דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני. אין באַריכט פון יאָר 1908 ווערט געזאָגט:

„די וואָלקנס אויפן אייראָפּייאישן פּאָליטישן האָריזאָנט, וואָס האָבן זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק באַוויזן, האָבן פאַרשטאַרקט די נאָכפראַגע נאָך מלחמה-מאַטעריאַלן לטובת איינציקע געזעלשאַפטן, אין וועלכע די נאָבעל-קאָמפּאַני איז פאַר-אינטערעסירט" („פראַנקפורטער צייטונג" פון 2 יוני 1909).

וועגן יאָר 1910 ווערט געזאָגט; „די גיגאַנטישע רעוואָלטאַטן זיינען דער עיקר צו פאַרדאַנקען דער פּסדרדיקער נאָכפראַגע נאָך מלחמה-מאַטעריאַלן אין דער גאַנצער וועלט". „בערלינער טאַגעבלאַט" פון 5. מאַי 1911.

ווייטער וועגן יאָר 1911: „דער געשעפטס-גאַנג אין באַריכט-יאָר האָט לגבי דעם פריערדיקן יאָר נישט אויפגעוויזן קיין באַדייטנדיקע פאַרענדערונג, אַחוץ אַ ווייטערדיקער פאַרגרעסערונג פון דער נאָכפראַגע נאָך מלחמה-מאַטעריאַלן". („בערלינער טאַגעבלאַט" פון 18. מאַי 1912).

וועגן דעם זעלביקן יאָר קאָן מען לייענען אין „טהע עקאָנאָמיסט": „ווי איר וועט זען אין באַריכט, איז דעם געהעכערטן געווין צו פאַרדאַנקען דער נאָכפראַגע נאָך מלחמה-מאַטעריאַלן".

בעת דער מלחמה איז נישט געקומען צו אַן איבעררייס פון די באַציאונגען, נאָר צו אַ פרידלעך-שידלעכער סע-

פאראציע צווישן די דייטשע און ענגלישע דינאמיט-פאבריקן (ז. די מיטגעטיילטע אנאנס).

די אפמאכן פון די דייטשע און ענגלישע פארוואלטונגען זענען ראטיפיצירט געווארן דורך די גענעראל-פארזאמלונגען פוןביידע צדדים נאכדעם, ווי די רעגירונגען פון ביידע צדדים האבן שוין פריער געהאט געגעבן זייער הסכמה. אויף דער גענעראל-פארזאמלונג פון דער דינאמיט-אקציען-געזעלשאפט, פריער אלפרעד נאבעל עט קאמפ. אין האמבורג, איז אויך אפגעגעבן געווארן א באריכט איבער די ענגלישע גענעראל-פארזאמלונגען. מיר לייענען וועגן דעם אין די „האמבורגער נאכריכטן" פון 25. סעפטעמבער 1915: „וועגן די פארהאנדלונגען פון דער ערשטער פון די דאזיקע גענעראל-פארזאמלונגען, וואס איז דעם 25. ד. י. אפגעהאלטן געווארן אין לאנדאן, האט הער שינקעל צוו. אנד. מיטגעטיילט: אן אקציאנער פון דער טרוסט-קאמפ. האט געפרעגט, וואס פאר אן ערבות די טרוסט-קאמפ. האט דערפאר, אז די דייטשן וועלן דעם אפמאך מקיים זיין, ווייל ווי באקאנט האט דאך דאס ווארט פון די דייטשן אין דער גאנצער וועלט מער קיין חשיבות נישט, און ער האט געפרעגט, צי אזא אפמאך איז נישט דעריבער נאר א שטיקל פאפיר. דער פארזיצער האט געענטפערט, אז עס זענען געשאפן געווארן אלע מעגלעכע גאראנטיעס און אז דער ענגלישער צד וועט יעדנפאלס מיט דער גרעסטער ערנהאפטיקייט און פינקטלעכקייט דעם אפמאך מקיים זיין. אין שייכות מיטן דאזיקן פאל אויף דער גענעראל-פארזאמלונג פון דער טרוסט-קאמפ. האט הער שינקעל ווערטלעך אויסגעפירט, אז עס דארף נישט אונטערגעשטראכן ווערן, דאס אויך מצד די דייטשן וועט יעדער איינצלנער פונקט פון סעפאראציע-אפמאך מיט דער טרוסט-קאמפ. געוויסנהאפט דערפילט ווערן. מ'דארף זיין איבערצייגט, אז אויך אונזערע פריערדיקע ענגלישע פריינט וועלן טאן דאס זעלביקע און אונז צו דער צייט פינקטלעך צאלן די בערך 150000 פונט, וועלכע זיי האבן אונז פרא זאלדא צוגעזאגט נאך דער מלחמה ארויסצוצאלן.

מעלערס מיטטיילונגען ווערן געשטיצט דורך באַווייזן אין
אַן אַרטיקל, וועלכן דער רייכסטאַג-דעפּוטאַט אָטאָ הוע, דער
באַקאַנטער אַרבעטער-פירער האָט נאָך אין מלחמה-צייט פאַר-
עפנטלעכט אין „פאָרווערטס“ פון 1. אָקטאָבער 1917 (נומ. 269)
אונטער דער איבערשריפט: „דער אינטערנאַציאָנאַל פון דינאַ-
מיט“. ער זאָגט דאָרט:

„אויף די אָנפראַגע, וואָס איז מצד דער אָפּאָזיציע גע-
שטעלט געוואָרן אין דער אונטערשטער פּאַלאַטע, צי ס'איז
נישט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון בריטישע קאַפּיטאַליסטי-
שע פאַרטרעטער מיט „פיינטלעכע אויסלענדער“, האָט די
בריטישע רעגירונג דערקלערט: ניין! לויט אַ צווייטן נוסח
זאָל דער רעגירונג-פאַרטרעטער האָבן אָפּגעלייקנט, אַז עס זאָל
מיט אַ קורצער צייט צוריק זיין פאָרגעקומען אַזאַ קאָנפערענץ.
„מיט אַ קורצער צייט צוריק“ דאַרף יעדנפאַלס דער טראָפּ
בעלייגט ווערן, ווייל די בריטישע רעגירונג וואָלט געווען גע-
זינדיקט קעגן אמת, ווען זי וואָלט פּשוט געזאָגט, אַז עס
זענען בעת דער מלחמה בכלל נישט פאָרגעקומען קיין אונ-
טערהאַנדלונגען פון בריטישע קאַפּיטאַליסטן מיט „פיינטלעכע
אויסלענדער“ מיטן וויסן און ווילן פון די רעגירונגען פון
ביידע צדדים. אין דעם פאַל, וואָס מיר ווילן באַלייכטן, האָבן
אפילו געמוזט זיין פאָרגעקומען לאַנג-דויערנדיקע קאָנפערענצן
צווישן בריטישע און דייטשע פאַרטרעטער פון באַנק- אָדער
אינדוסטריע-קאַפּיטאַל, בפרט, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן
דער רעגולירונג פון זייער פאַרוויקלטע פינאַנציעלע באַציאונגען.

דער דורך אונז באַהאַנדלטער פאַל איז נוגע דער סע-
פּאַראַציע אין דעם אַמאָליקן אינטערנאַציאָנאַלן נאָבעל-דינאַמיט-
טרוסט, לאָנדאָן. ביז אין די מלחמה אַריין האָט ער עקזיסטירט
אַלס אַ זייער ענגע פאַרבינדונג צווישן די בריטישע אויפרייס-
שטאָף-פאַבריקן מיט זייערע טאָכטער-געזעלשאַפטן אין דרום-
אפריקע, שפּאַניע א. אַ. וו. און די באַדייטנדיקסטע דינאַמיט-
און פולווער-פאַבריקן אין דייטשלאַנד, וואָס זייער הויפּט-פאַר-
טרעטער איז געווען די דינאַמיט א. ג. פריער אַ. נאָבעל אין

האמבורג. דער אינטערנאַציאָנאַלער דינאַמיט-טרוסט גופא איז דורך צום-טייל גרויסן אַקציען-באַזיץ צווישן אַנדערע געווען באַטייליקט אין דער דערמאָנטער האַמבורגער אונטערנעמונג, אין די דייטשע אויפרייס-שטאָף-פאַבריקן, האַמבורג, אין דער דרעזדענער דינאַמיט-פאַבריק, ווייטער האָט ער דורך אינטימע פינאַנציעלע פאַרבינדונגען געהאַט אַ השפעה אויף אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס זענען ווידער צווישן זיך געווען פאַראייניקט אין די גרופן פון דייטשן קאַרטעל פון אויפרייס-שטאָפן און פולווער. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך נאָך לפי-ערך גרעסערע אָנטיילן פון דער בריטישער גרופע פון אינטערנאַציאָנאַלן דינאַמיט-טרוסט געפונען אין די הענט פון די גרעסטע דייטשע אויפרייס-שטאָף- און פולווער-פאַבריקאַנטן. די בריטיש-דייטשע עקספּלאָזיוו-שטאָף-אינדוסטריע איז אויף אַ זייער פאַרוויקלטן אופן געווען פאַרבונדן און פאַראייניקט. „די קעגנזייטיקע באַציאונגען זענען געווען אומגעוויינלעך פאַרפלאָנטערט", ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ האַנדלס-צייטונג, ווען זי האָט ארומגערעדט די אויפלעזונג פון טרוסט-אָפּמאַך, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן מלחמה-אויסברוך. ווען די זייער פאַרוויקלטע אָפּמאַכן צווישן די פאַבריקאַנטן-גרופן האָט די ברייטע עפנטלעכקייט, מסתמא אפילו אַ נישט קליינע צאָל פון די אַקציען-באַזיצער, קיין שום ידיעה נישט באַקומען. דערפאַר טאַקע האָט בעת דער אויפלעזונג פון אינטערנאַציאָנאַלן דינאַמיט-טרוסט אין לאָנדאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1915, אַן אַקציאָנער (לויט אַ „טיימס"-באַריכט) זיך באַקלאָגט, „אַז די אַקציאָנערן דאַרפן באַשטעטיקן אַן אָפּמאַך, וואָס זיין אינהאַלט האָבן זיי נישט געהערט, הגם ביידע צדדים האָבן צו צאָלן גרויסע סכומים!"

אויף אַזאַ אופן איז ערשט אַ יאָר נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה פאָרגעקומען די אויפלעזונג פון טרוסט, מיט וועלכער ס'איז געווען פאַרבונדן אפשר אַ פאָרלויפיקע אויסגלייך-רעכנונג צווישן די בריטישע און דייטשע טרוסט-חברים. אויף דער גענעראַל-פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע קעלן-ראָטווײַלער

פולווער-פאַבריקן, אַ הויפּט-אינטערעסאַנט פון אינטערנאַציאָנאַלן דינאַמיט-טרוסט, דעם 29. דעצעמבער 1914, האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז אין נאָוועמבער ד. י. איז דער נאָבעל-דינאַמיט-טרוסט-קאָמפּאַני (דער אָפיציעלער נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלן טרוסט) געקינדיקט געוואָרן דער אָפּמאַך. צוליבן מלחמה-אויסברוך מוזן די דייטשע געזעלשאַפטן געדענקען, אַז זיי מוזן זיך אָפּזאָגן פון יעדער חברותא מיט זייערע ביז-איצטיקע ענגלישע (!) פריינט". די קינדיקונג פון אָפּמאַך מצד די דייטשע טרוסט-מיטגלידער איז אַזוי-אַרום געשען שוין אין נאָוועמבער 1914 און ערשט סוף אויגוסט 1915 האָט מען געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז עס האָט געקאָנט געשען די אויפלעזונג פון אָפּמאַך און די קעגנזייטיקע אָפּרעכנונג. די אונטערהאַנדלונגען וועגן אויסגלייך זענען אָבער, ווי די „טיימס" האָט אין מיטן אויגוסט 1915 געמעלדעט, פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער הסכמה פון דער בריטישער רעגירונג.

ווי און דורך וועלכע פּערזענלעכקייטן זענען דען געפירט געוואָרן די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען אַקצעפּטירט געוואָרן דורך די רעגירונגען פון ביידע צדדים און וועלכע האָבן חדשים-לאַנג געדויערט? צוליב דער פאַרוויקלטקייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע טרוסט-פאַרייניקונגען קאָנען בלי-ספק אַלס אונטערהענדלער קומען אין באַטראַכט נאָר מענטשן, וואָס זענען גוט באַהאַוונט אין די פאַרפלאָנטערטע, אויך אין די סאַמע אינטימסטע געשעפט-פאַרהעלטענישן. דעריבער איז נישט קיין חילוק, ווו די קאָנפערענצן פון די קאַפּיטאַליסטישע טרוסט-פאַרטרעטער זענען פאָרגעקומען, אין דער שווייץ, אָדער אין האָלאַנד, אין סקאַנדינאַוויע אָדער אַנדערשוו, אָן געוויסע פּערזענלעכע קאָנפערענצן מיט מענטשן, וואָס זענען בקי אין אַלע געשעפט-פאַרהע.טענישן, האָט מען זיך נישט געקאָנט באַגיין, דערצו זענען די קעגנזייטיקע פינאַנציעלע באַציאונגען געווען צו אומגעוויינלעך קאָמפּליצירט. און גראָד דער סודותפולער שלייער, אין וועלכן די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטישע אויסגלייך-אונטערהאַנדלונגען

זענען געווען געהילט, „באַווייזן" אונז, אַז עס איז יאָ פּאַרגעקומען אַ „פּאַרקער מיט פיינטלעכע אויסלענדער", וועלכער איז יעדנפאַל'ס געשטאַנען אין אַ שאַרפער סתירה צו דער העצע פון פעלקער-האַס, וואָס די שאָוויניסטישע פּרעסע האָט אין יענער צייט נאָך ליידנשאַפטלעך געטריבן.

די סעפּאַראַציע פון אינטערנאַציאָנאַלן טרוסט בעת דער מלחמה באַקומט אויך פאַר אונז, דייטשן, אַ באַזונדערן אינטערעס, ווען מיר דערמאָנען זיך מיט וועלכע שיינע דרשות די קאָנסערוואַטיוו-אַלדייטש-שווער-אינדוסטריע-אָרגאַנען האָבן באַגלייט די באַמיאונגען פון די סאָציאַליסטן, אַז עס זאָל אין שטאָקהאָלם צושטאַנדקומען אַ שלום-קאָנפערענץ. די דאָזיקע אָרגאַנען האָבן אָפן אָדער פאַרשטעלט אויפגעפאָדערט די דייטשע רעגירונג נישט צו דערלאָזן צו „אונטערהאַנדלונגען מיט פיינטלעכע אויסלענדער", ס'איז געשריבן אָדער גערעדט געוואָרן וועגן „מלוכה - פאַררעטערישע", „אונדייטשע", „שענדלעכע" כוונות. אַז די צייטונגען, וואָס האָבן געשטורעמט קעגן די סאָציאַליסטישע שלום-שטרעבונגען, זענען קודם-כל אָרגאַנען פון די אַלדייטשע שווער-אינדוסטריעלער, איז כדאי צו ווייזן, וועלכע קרייזן עס זענען געווען באַטייליקט אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן אינטערנאַציאָנאַלן דינאַמיט-טרוסט.

די אונטערהאַנדלונגען מיט די בריטישע טרוסט-חברים זענען קודם-כל געפירט געוואָרן דורך באַפולמעכטיקטע פון דער נאָרד-דייטשער באַנק אין האַמבורג, אונטער-אָפּטיילונג פון דער דיסקאָנטאָ-געזעלשאַפט בערלין. די דאָזיקע באַנק איז טאַקע זייער ענג פאַרבונדן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אויפרייס-שטאָף-אינדוסטריע, זי איז די הויפּט-באַנק פון דער דינאַמיט א. ג. פריער אַלפרעד נאָבעל, האַמבורג, פון דער פירנדיקער דייטשער אָפּטיילונג פון אינטערנאַציאָנאַלן דינאַמיט-טרוסט ביז ער איז אויפגעלעזט געוואָרן. מיט דער נאָרד-דייטשער באַנק, מיט דער בערלינער דיסקאָנטאָ-געזעלשאַפט און דער נאָבעל-דינאַמיט א. ג. האַמבורג זענען דורך געמיינזאַמען אַקציען-

באזיק, קארטעל - אפמאכן, געמיינזאמע אויפזיכט - ראטן ענג פארבונדן

די פאראייניקטע קעלן-ראטווײלער פולווער-פאבריקן,
די דייטשע וואפן- און אמוניציע-פאבריקן, בערלין.
די פולווער-פאבריקן וואלסראדא, טינסדאל,
די אויפרייס-שטאף-פאבריקן אין דרעזדען,
וועסטפעליש-אנהאלטינישע אויפרייס-שטאף א. ג.,
דרעזדענער אויפרייס-שטאף-פאבריק,
דייטשע אויפרייס-שטאף-פאבריקן, האמבורג.
קארבאניט-געזעלשאפט, האמבורג,
זיעגענער דינאמיט-פאבריק,
רהיינישע דינאמיט-פאבריק, קעלן א. א. וו.;

הקיצור, כמעט די גאנצע דייטשע פולווער- און דינאמיט-אינדוסטריע איז אין באזיק אדער שטייט ווייניקסטנס אונטער דער פירנדיקער קאנטראל פון א פארהעלטניסמעסיק קליינעם גרויס-קאפיטאליסטן-קאנצערן אונטער דער פירונג פון דער דיסקאנטא-געזעלשאפט — נארדדייטשער באנק.

באטראכטן מיר די פירנדיקע הויכט-פערזאנען, געפינען מיר דאן ווידער די נעמען, וואס פארנעמען דעם אויבן-אן אין דער אלדייטשער אנעקסיאניסטישער פראפאגאנדע. דער „קעניג פון די אויפזיכט-ראטן”, לואי האגען (קעלן), זיצט אין דער ליטונג פון דער האמבורגער נאבעל-געזעלשאפט, פון די קעלן-ראטווײלער פולווער-פאבריקן, פון די דייטשע וואפן- און אמוניציע-פאבריקן בערלין, ער איז געזעסן אין אויפזיכט-ראט פון אינטערנאציאנאלן דינאמיט-טרוסט לאנדאן, פון דער British South Africa Explosives Comp.; ער איז חוץ-דעם באטייליקט אין די אויפזיכט-ראטן פון א ריי דייטשע שווער-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. האפראט דר. אויפשלעגער (האמבורג) איז דירעקטאר אדער אויפזיכט-ראט אין א ריי פון אויפרייס-שטאף-פאבריקן, איז אויך געוועזן אין דירעקטאריום פון אינטערנאציאנאלן דינאמיט-טרוסט; ער איז טאקע געוועזן זיין

אַנגעזעענסטער דייטשער פּאַרטרויונגס-מאַן. באַנק-דירעקטאָר מ. שינקעל (האַמבורג) איז געווען אויך טרוסט-דירעקטאָר; ער זיצט אין דער לייטונג פון דער נאָרד-דייטשער און פון דער דיסקאָנטא-באַנק, פון די וואָפן-און אַמוניציע-פאַבריקן, פון דער גרויסער געלזענקירכענער ב. ג., פון די קעניגס- און לאורא-הוטעס. בוירעט רויסענבערג (דאָרטמונד) איז אויפזיכט-ראַט פון דער נאָרד-דייטשער באַנק, פון דער דיסקאָנטא-געזעלשאַפט, פון דער שאַפהויזענער באַנק, דירעקטאָר פון דער גרויסער ב. אונד ג.-געזעלשאַפט פעניקס, איז דירעקציע-מיטגליד פון שטאָל-ווערק-פאַרבאַנד, פון רה.-וו. קוילן-סינדיקאַט א. אַ. וו. גענעראַל-דירעקטאָר מייזער פון ב. ג. האַרפּען איז אויך אויפזיכט-ראַט פון דער נאָרד-דייטשער — פון דער אינטערנאַציאָנאַלער „אויפרייס-שטאָף-באַנק" — פון קוילן-סינדיקאַט, פון באָכומער גוס-שטאָל-פאַריין, פון די ראָמבאַכער הוטעס א. א. וו. עמיל קירדאָרף פירט-אָן אַ חוץ מיט דער גרויסער געלזענקירכענער ב. ג. אין דעם קוילן-סינדיקאַט אויך מיט דער דיסקאָנטא-געזעלשאַפט — נאָרד-דייטשער באַנק, מיט די קעלן-ראָטווײַלער פּולווער-פאַבריק, מיט די דייטשע וואָפן-און אַמוניציע-פאַבריקן, מיט מערערע אַנדערע קליינע אויפרייס-שטאָף-פאַבריקן, מיטן שאַפהויזענער באַנק-פאַריין, מיטן שטאָל-ווערק-פאַרבאַנד א. אַ. וו. אין אויפזיכט-ראַט פון די פאַרייניקטע קעלן-ראָטווײַלער פּולווער-פאַבריקן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די וואָפן-און אַמוניציע-פאַבריקן און וואָס זיינען פאַר דער מלחמה צווישן אַנדערע געווען באַטייליקט אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן דינאַמיט-טרוסט, אין די דרום-אַפריקאַנישע בריטישע אויפרייס-שטאָף-פאַבריקן, אין דער אוניאָן פון די שפּאַנישע אויפרייס-שטאָף-פאַבריקן, אין דער רוסישער געזעלשאַפט פאַר פּולווער-פאַבריקן, זיצן צוזאַמען מיט די געהיימע קאָמערציען-ראַטן האַגען און קירדאָרף אויך די פינאַנץ-מאַגנאַטן ט.ה. פאָן גוואיאַם, פאָן אָפּענהיים און אויפשלעגער, ווייטער די הערן אַדמיראַל טהאָמסאָן, וויצע-אַדמיראַל זשאַק פאָן גאַנטאַרד. און אַלס אוממיטלבאַרער פאַרטרעטער פון אינטערנאַציאָנאַלן

פרוסט האָט דאָרט מיטגעווירקט אַ הער קראַפטמייער (לאָנדאָן), וועגן וועלכן ס'איז אויף דער אויפלעזונג-פאַרזאַמלונג פון פרוסט אין אויגוסט 1915 אויף אַן אָנפראַגע דערקלערט געוואָרן, אַז ער, קראַפטמייער, האָט זיך געלאָזט „נאַטוראַליזירן" אַלס ענגלענדער. דערפון שטאַמט דער אורדייטשער נאָמען „קראַפט-מייער".